STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03027

SEFER HEZYONOT HA-SAVA

Aaron Reuben Charney

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ספר

חזיונות הסבא

אילוסטרירטע דרשות און לעקטשורס

חלק ראשון על ספר בראשית ולימים נוראים.

שנת תרצ"ה
ניו-יאָרק

ספר
חזיונות הסבא

אילוסטרירטע דרשות און לעקטשורס
וועגען רעליגיעזע, מאָראַלע און סאָציאַלע ענינים.

חלק ראשון על ספר בראשית ולימים נוראים.

מאת

אהרן ראובן — המכונה סבא — טשארני
בן לא"א, מורי ומדריכי, יא"ב, ר' יצחק שליט"א.

מחבר ספר דרשות מהחיים והטבע.

רב דאגודת בתי הכנסיות דבעיאָן, ניו דזש.
ומלפנים רב בלאנדאן, בירמינגהאם (ענגלאַנד)
ובּרעווּיער, מאסס.

שנת תרצ"ח
ניו-יאָרק

COPYRIGHT 1935

By

RABBI AARON R. CHARNEY

40 WEST 21ST STREET
BAYONNE, N. J.

Price $2.00

Printed By

WOLF PRINTING COMPANY

JERSEY OFFICE
18 NEWARK BAY COURT
BAYONNE, N. J.

PLANT
35 ROSE ST., NEW YORK
BEEKMAN 3-8608

מוקדש

לזכר דודי היקר

אהרן ב"ר אליעזר צבי וקלארע אפפענהיים ע"ה

שנפטר בש"ט כ"א טבת תרצ"ג בבאסטאן מאסס.

תנצב"ה

Dedicated to the Memory of My Dear Uncle

Harry Oppenheim

May His Soul Enjoy Eternal Life

Author

ציונים לנפשות חיות

חמין ושמן שסכתני אמי בילדותי,
הן שעמדו לי בזקנותי.

(חולין כ"ד:)

יזכור אלקים לטובה:

את נשמת

אמי מורתי היקרה,

בריינה חיה ז"ל

בת ר' אברהם ופייגע רומיאנעק נ"ע.

בנה המתאבל עליה

המחבר.

דמוקיר רבנו הוו ליה
התנוותי רבנן (שבת כ"ג:)

ואת נשמות חותני וחותנתי היקרים,

ה"ה ר' זאב דאלאוויטש
ומרת חיה ביילה, נ"ע.

חתנם המוקיר ומכבד זכרונם.

המחבר.

לזכר עולם יהיו.

ש״ב היקר והנכבד, הולך תמים וירא חטא

ר׳ שבתי הלוי טענענבוים, ע״ה

בן ר׳ דוד ושיינע

שנפטר בש״ט ששה ועשרים יום לחודש אדר שנת תרצ״ג

ומנוחתו כבוד באטלאנטא, דזשאָרדזשיא.

תנצ״בה

וש״ב היקרה והכבודה טובת לב ונפש עדינה

מרת האשע מילער ע״ה

בת ר׳ שבתי הלוי

פרח נחמד שנקטפה באבי ימיה

אחד עשר יום לחודש תשרי שנת תרפ״ח

ומנוחתה כבוד בביה״ק הר לבנון של החברה אוהבי שלום

אנשי סאקאלע בניו-יארק.

תנצ״בה

אביו של אדם כמלכו (פדר"א פרק ל"ט)

ועל הטוב יזכר שם אבי יקירי שהדרכני לתורה בנעורי, ואדיר כל חפצו, שאיפתו ומגמתו היה לגדל בניו לתורה וי"ש,
כש"ת מו"ה

יצחק טשארני נ"י

בן ר' יהודה זאב ושרה נ"ע.

ישלח לו ה' רפואה שלמה, ינוב בשיבה טובה

דשן ורענן וישבע רוב נחת מיוצאי חלציו.

בנו המחבר.

הנה מה טוב ומה נעים שבת אחים גם יחד.
(תהילים קל"ג א')

וכן יזכרו על הטוב שמות אחי ואחיותי המסורים לי בלו"נ,
הלא המה:

אחי יקירי כמ"ר **אברהם זאב טשארני**
ורעיתו **רייזעל** ובתם נ"י.

אחי יקירי כמ"ר **שמואל משה טשארני**
ורעיתו **שרה רבקה** נ"י.

אחותי היקרה מרת **שרה רבקה לעווין**
ובעלה מר **שמעריל** וב"ב נ"י.

אחותי היקרה מרת **חוה מאכטינגער**
ובעלה מר **משה** וב"ב נ"י.

ואני תפלה שיאריך ה' ימיהם וימי ב"ב היקרים ויתענגו על רוב שלום.
אחיהם המחבר.

אשת חיל עטרת בעלה (משלי י"ב ד')

מנשים באהל תברך,

זוגתי הרבנית היקרה מרת

מרים המכונה מאריאשיל תחי'

ועתירתי שיחזק ה' בריאותה, ונזכה ביחד לגדל את בנינו ובנותינו על מבועי התורה, החכמה ויראת שמים, ולהוסיף אונים בעבדתנו, עבודת הקודש, בעד כל הקדוש והיקר לעמנו.

המחבר.

הקדמה

אַן עצה טובה לדרשנים

ויותר שהיה קהלת חכם, עוד למד דעת את העם ואזן
וחקר ותקן משלים הרבה. (קֹהלת י"ב, ט׳)
ואזן וחקר וג"ו שעשה אזנים לתורה. (שהש"ר פ"א)

„אוזן שומעת תוכחת חיים בקרב חכמים תלין" (משלי ט"ו ל"א)

„דער אויער וואָס הערט שטראָף־רייד ווי צום לעבען וועט אימער פאַר־בלייבען צווישען קלוגע".

אויף דעם זאָגט ר׳ יהושע בר נחמני פאָלגענדעס:

„כל מי שבא לביה"כנ ושומע דברי תורה זוכה לישב בין החכמים לעתיד לבוא". (דברים רבה).

יעדערער וואָס קומט אין שוהל און הערט די רייד פון תורה וועט זוכה זיין אין דער צוקונפט צו זיצען צווישען חכמים.

די זאַך איז פשוט: אויב ער הערט צו די רייד פון תורה וואָס די רבנים און דרשנים זאָגען; און ניט בלויז „הערט" ער דברי תורה, נור ער „דערהערט" די דברי תורה ומוסר, זיי מאַכען אַ ווירקונג אויף איהם, ווערט קלוג און פאַרשטעהט ווי צו לעבען שעהן, אידיש און אנשטענדיג, וועט ער זיכער לעתיד לבוא זוכה זיין צו זיצען צווישען די חכמים.

די פראַגע איז אָבער: ווי אַזוי מאַכט מען אַז דער „אוזן" זאָל זיין אַ „שומעת"? דאָס איז איינע פון די שווערסטע פראָבלעמען פאַר אַ דרשן.

ענגלישע רעדנער באַנוצען זיך מיט שעקספיר׳ס אַ ווערטעל: „לענד מי יאָור איערס", לייה מיר דיין אויער. דער רעדנער בעט ביים צוהערער אַז ער זאָל איהם אַנטלייהען זיין אויער. אָבער דאָס איז ניט פון די גרינגע זאַכען. ווייל מיינסטענס זיינען מענשען ניט קיין בעלי דעה אויף זייערע אויערען, הן בנוגע ניט צו הערען זאַכען וואָס מען דאַרף ניט הערען, און הן בנגע זאַכען וואָס מען דאַרף הערען און עס הערט זיך דוקא ניט.

דער אויער איז דער אונקאָנטראָלירבאַרסטער אבר אין מענשענס גוף; ובפרט אין היינטיגע צייטען, ווען דער לעבענס-קאַמפף פאַר'ן עקזיסטענץ איז אַזוי שווער און מענשען זיינען אַזוי אונגעדולדיג, צוטראָגען, די נערוועז צושטרויט, צושרויפט פזור-הנפש'דיג. היינט געה בעט ביים אויער ער זאָל זיין אַזוי גוט און זיך אַנטלייהען און אויפנעמען וואָס מען רעדט צו איהם?

שלשה דברים אינן ברשותו של אדם: העינים והאזנים והאף. תנחומא תולדות י"ב.

אום דער אויער זאָל זיך יע צוהערען, דאַרף מען איהם צווינגען זיך צוצונייגען און הערען.

דאָס האָט דער חכם מכל אדם, שלמה המלך ע"ה, געטהאָן.

„עשה אזנים לתורה", ער האָט געמאַכט, געשאַפען, געצוואונגען די אויערען צו הערען דברי תורה.

„ויותר שהיה קהלת חכם", און אויסער דעם וואָס קהלת איז געווען אַ חכם, פאַר זיך, האָט ער באַזעסען נאָך אַ גרעסערע חכמה.

„עוד למד דעת את העם", ער האָט אויך געלערענט דאָס פאָלק וויסענשאַפט. ער האָט געוואוסט די חכמה פון מאַכען דאָס פאָלק לערנען, מאַכען דאָס פאָלק קלוג.

ווי אַזוי?

„ואזן וחקר", ער האָט פאַרנומען, געפאָרשט, געזוכט, אויפגעכאַפט אַלע פאַסירונגען פון לעבען, אַלע כחות פון דער נאַטור, פון היסטאָריע, פון באַשעפעניסען און פון געוויקסע (עיין שהש"ר פ"א ס"ז), און פון דעם אַלעמען: „תקן משלים הרבה", האָט ער פאַרפאַסט משלים, בילדער, חזיונות, אילוסטראַציאָנען, כדי דורכדעם צו לערנען דאָס פאָלק תורה ומוסר.

און דורכדעם: „עשה אזנים לתורה", האָט ער ביים פאָלק באַשאַפען אויערען צו דער תורה.

און די עצה פון זיין פראַקטיק גיט אונז שלמה אין אויבענדערמאָנטען פסוק:

„אוזן שומעת". אויב דו, דרשן, ווילסט אַז דער אויער פון פאָלק זאָל הערען. „תוכחת חיים", זאָלסטו דיין תוכחה און מוסר נעמען פון

לעבען. נעם פאַר דיין תורה פון מוסר ויראת ה׳ משלים און בילדער פון לעבען. דאָס וועט זיי פאַראינטערעסירען און זייער אויער וועט הערען.

אויך דעם אופן, שטייגער פון דיין רעדען זאָלסטו נעמען פון לעבען. קוק זיך צו, פאַרנעם מיט דיין אויער, פאַרש וואָסערע זאַכען עס האָבען אַ צוציהונגס-קראַפט ביים פאָלק און נוץ עס אויס פאַר׳ן לערנען דאָס פאָלק וויסענשאַפט, געטליכע וויסענשאַפט.

היינטיגע עפּאָכע קען גערופען ווערען: „די בילדער-עפּאָכע״. בילדער האָבען היינט די גרעסטע ווירקונגס-קראַפט אויף מענשען. מעג אַ מענש ווי אָנגעשטרענגט זיין, מעגען זיינע נערוועז ווי צוטראָגען זיין, דאָך ווען ער זעהט אַ בילד, אַ פּיקטשור אויפ׳ן לייווענט, פאַרגעסט ער אין אַלע זיינע דאגות, עס געהט אַוועק פון איהם זיין פזור הנפש. ווארום דאָס בילד צווינגט איהם צו קאָנצענטרירען זיינע געדאַנקען צו איהר. זיינע אויגען זעהען קיין זאַך אויסער די בילדער אויפ׳ן לייווענט און זיינע אויערען הערען נאָר די שטימע וואָס טראָגט זיך פון הינטער דעם לייוועגט.

דאָס זעלבע מיט „מויל-בילדער״. אויב אַ רעדנער איז געבענשט מיט אַ „לשון למודים״, מיט אַ ריינער שפּראַך און אַ כח-הציור״, פאַר־שטעלונגס-קראַפט, דאַן רייסט ער מיט איבערגעוואַלד דעם פּובליקום מיט זיך.

דארום דאַרף היינט דער דרשן ווי ווייט מעגליך אויסאַרבייטען זיינע דרשות אויף דעם אופן. ווייל דאָס איז היינט אין דער בחינה פון „תוכחת חיים״.

אויסער די צוויי אויבענדערמאָנטע תנאים, וואָס זיינען נויטיג אום צו מאַכען, צו שאַפען ביים פאָלק „אזנים לתורה״. — היינו: (איינס) די געדאַנקען זאָלען גענומען ווערען פון לעבען און זיי איינפאַסען אין די רייד פון תורה. (צווייטענס) דער שטייגער פון רעדען, דער בנין פון דער דרשה אָדער לעקטשור זאָל אויך זיין אויף אַזאַ אופן, וואָס האָט אַ צוציהונגס-קראַפט אין טאָג-טעגליכען לעבען — איז דאָ אַ דריטער תנאי וואָס עס זאָל שאַפען: „אזנים לתורה״. און דאָס איז: „די שפּראַך״. רעדען אויף אַ פאַרשטענדליכער, קלאָרער שפּראַך, אויף אַ שפּראַך וואָס דאָס פאָלק צו וועלכען מען רעדט פאַרשטעהט. ווארום אויב דער רעדנער רעדט אויף אַ צו הויכער שפּראַך, אָדער באַנוצט זיך מיט צו הויכע פראַזעס, פאַרלירט ער דעם צוהערערס אויער.

דער דריטער תנאי איז זעהר אַ שווערער. עס איז פאַר אַ חכם גרינגער צו רעדען מיט חכמים אויף אַ וויסענשאַפטליכער שפּראַך, איידער מיט'ן פּראָסטען פאָלק אויף זייער שפּראַך אום זיי צו לערנען וויסענשאַפט.

דער חכם, ווען ער רעדט צום פאָלק, דאַרף בשעת מעשה זיך פאָר-שטעלען, אַז ער זעלבסט איז אונגעלערענט, און דאַן זיך פרעגען: „וואָלט אַזאַ שפּראַך, אַזאַ הסברה, ערקלערונג, ווי איך גיב, געווען גענוג פאַר מיר צו פאַרשטעהן ווען אַנאַנדערער זאָל מיר לערנען?"

די גרויסקייט פון חכם ווען ער לערענט דאָס פאָלק איז ניט אין דעם וואָס ער פאַרשטעהט זיין תורה און חכמה, נאָר אין פאַרשטעהן וואָס זיינע צוהערער קענען ניט משיג זיין, באַגרייפען, און זוכען אויס-דריקען ווי אַזוי זיי צו מאַכען פאַרשטעהן.

און דעם סוד האָט דער חכם מכל אדם אויך פאַרשטאַנען. דאָס איז אויך מעגליך דער ביאור פון אויבענדערמאָנטען פסוק:

„ויותר שהיה קהלת חכם", אויסער דעם וואָס קהלת איז געווען אַ חכם, געקענט לערנען מיט חכמים, „עוד למד דעת את העם", האָט ער געקענט לערנען וויסענשאַפט דאָס פאָלק.

ניט גרינג איז געווען שלמה המלך'ן, דעם גרויסען חכם, וועלכער האָט געקעניגט על עליונים ותחתונים, ווען מעם קאָפּ האָט אַרומגעשוועבט אין די הימעלשע ספערען און אין די טיפעניש'ען פון דער נאַטור, זיך אַראָפּ-צולאָזען צום איינפאַכען פאָלק, רעדען זיין שפּראַך, טראַכטען זיינע מחשבות, זיין אויסגעמישט מיט איהם, אום צו וויסען וואָס עס אינ-טערעסירט איהם.

כדי צו קענען מאַכען „אזנים לתורה", „למד דעת את העם", האָט ער פריהער געלערענט צו וויסען דאָס פאָלק, „ואזן דעת את העם", און צוגעלייגט זיין אויער צום פאָלקס רייד, געשפּרעכען, „וחקר דעת את העם", און ער האָט געפאָרשט וועגען די אנגעלעגענהייטען פון פאָלק (עיין שם במדרש בביאור יפה קול), ותקן משלים הרבה", און פון דעם האָט ער צוגעפאַסט פיעלע משלים.

יע, עס איז געווען שווער, זעהר שווער, שלמה'ן דאָס צו טהאָן, אָבער עס האָט איהם געלוינט:

די העכסטע מדרגה צו וועלכער אַ מענש קען עררייכען איז: „רוח הקדש". און שלמה המלך האָט צו דער מדרגה זוכה געווען. דורך וואָס האָט ער צו דעם זוכה געווען?

דורך די אויבענדערמאָנטע פעהיגקייטען וואָס ער האָט מיט פיעל מיה ערוואָרבען. דורך זיין פאַרשטעהן די קליינע זאַכען פון לעבען. און דורכדעם האָבען דעם כשרון פעהיגקייט פון:

„למד דעת את העם" — לערנען וויסענשאַפט צום „פאָלק", צום עמך, צום המון עם. — עס ווערט ניט געזאָגט: „למד דעת את תלמידיו", זיינע שטענדיגע תלמידים, אָדער: „למד דעת את החכמים". —

פאָלגענדעס זאָגט דער מדרש: (שהש"ר פ"א)

„ולא על דברי תורה בלבד היה תייר שלמה אלא על כל אשר נעשה תחת השמש, כגון האיך ממתיקין את החרדל? האיך ממתיקין את התורמסין" (שהש"ר שם). ניט נאָר תורה האָט שלמה געפאָרשט, נאָר אַלץ וואָס עס ווערט געטאָן אונטער די זון. צום ביישפיל: ווי מאַכט מען זיס זענעפט אָדער די ביטערע באָהנען, אַרבעס.

„א"ל הקב"ה אחר דברי תורה איללת חייך שאין אני מקפח שכרך". און גאָט האָט געזאָגט צו איהם: צוליעב דעם, דו זאָלסט קענען לערנען תורה צום פאָלק, האָסטו געשפּיאָנירט, גערעדט מיט אַלעמען, זאָגאַר קעכינס, זיך אַראָפּגעלאָזען נידעריג, כדי אויפצוהויבען דאָס פאָלק. איך שווער ביי דיין לעבען, דאָס איך וועל ניט אַוועקנעמען, באַרויבען דיין שכר, וואָס דו וואָלסט קענען האָבען ווען דו וואָלסט ניט פאַרברייינגען דיין צייט אין אַזעלכע קלייניגקייטען, און אנשטאָט דעם געלערענט הויכע, טיעפע למודים.

איך וועל דיר דערהויבען צו דער העכסטער מדרגה, צו וועלכער מען קען צוקומען דורך תורה און אַנדערע מעלות. (עיין סוטה דף מ"ט ומדרש כאן, היה רבי פנחס בן יאיר אומר וג"ו).

„הריני משרה עליך רוח הקודש",

„איך וועל אויף דיר מאַכען רוהען רוח הקודש".

און דער מדרש ענדיגט:

„מיד שרתה עליו רוח הקודש ואמר ג' ספרים הללו: משלי, קהלת ושיר השירים", גלייך האָט אויף איהם גערוהט דער רוח הקודש און ער

האט געזאגט פאלגענדע דריי ספרים: „משלי, קהלת און שיר השירים״.

ווארום דורך זיינע פשוטה משלים, ציורים, חזיונות האט ער געמאכט פארשטעהן די טיעפענישען פון דער תורה און געלערענט תורה ברבים; דער רבים, איינפאכער רבים פון פאלק, האט געלערענט און פאר־שטאנען תורה.

„ורבנן אמרין״: אונזערע רבנים ז״ל זאגען: „אל יהי המשל הזה קל בעיניך, שע״י המשל הזה אדם יכול לעמוד בדברי תורה, וג״ו.״

זאל דער משל ניט זיין גרינג אין דיינע אויגען, ווארום דורכ׳ן משל קען מען פארשטעהן די תורה.

„תדע לך שהוא כן וג״ו״, א באווייז אז עס איז אזוי קען מען זעהן פון שלמה׳ן: דורך זיינע משלים האט ער פארשטאנען די דקדוקים פון דער תורה, און דורכדעם האט ער זוכה געווען צו זאגען דברי תורה ברבים, און:

„כל מי שאומר ד״ת ברבים זוכה שתשרה רוח הקודש עליו. (עיי״ש שהש״ר פ׳ א׳)

און יעדער וואס זאגט תורה ברבים און דאס פאלק הערט, פאר־שטעהט וואס ער זאגט, האט אן אויער צו זיין תורה, איז ער זוכה דאס אויף איהם רוהט די שכינה.

אזוי איז געווען און איז אין אלע צייטען.

דער בעש״ט הקדוש, האט זוכה געווען צו זיין הויכע רוח־הקודש׳דיגע מדרגה, וועמענס השפעה איז נאך היינט גרוים אויפ׳ן אידישען פאלק, ניט דורך הויכע, טיעפע, סודותדיגע, אונפארשטענדליכע פאר׳ן פאלק, תורה, נאר דורך זיין מישען זיך צווישען פאלק, רעדען זיין שפראך. דערצעהלען איהם זיינע פשוטה הארציגע מעשה׳לאך.

דער גאון וצדיק פון אונזער דור, דער חפץ חיים זצוק״ל, האט דער־גרייכט צו זיין הויכער מדרגה, אלס דער אנערקענטער פיהרער פון פאלק, אלס גרויסער אויטאריטעט, צו וועמען דאס פאלק האט געפיהלט די העכסטע געפיהלען פון אהבה און יראת הכבוד, דורך זיינע גאון׳ישע פשטות, דורך זיין קלארען, פארשטענדליכען, „משנה ברורה׳דיגען״ דרך אין הלכה, און דורך זיין פאלקסטימליכע שפראך, פארשטענדליכע צום פאלק גדאנקען, משלים, ציורים, בילדער פון לעבען, דורך וועלכע:

„למד דעת את העם", ער האָט געלערענט דעם פאָלק תורה, יראת שמים ומדות טובות.

דער חפץ חיים זצ"ל איז געווען, דוכט זיך, דער איינציגער אין אונזערע דורות וואָס האָט זיינע ספרים פון מוסר ומדות טובות אויך איבערזעצט אין אַ ריינעם אידיש, כדי דאָס פאָלק זאָל האָבען די מעג־ליכקייט צו פאַרשטעהן זיינע רייד.

און דאָס פאָלק האָט עס אנערקענט, געווען דאַנקבאַר, און גע־לערענט זיינע ספרים, זוכענדיג צו פאַרשטעהן דעם סוד און ציעל פון חיים, לעבען, קריגען אַן ענטפער אויף דער פראַגע פון: „מי האיש החפץ חיים? אין אַ סך הייזער אין ליטע און פוילען האָבען זיך זיינע ספרים געפונען. אָרימעלייט פלעגען שפּאָרען גראָשען צו גראָשען כדי צו קויפען דעם חפץ חיים'ס זצ"ל אַ ספר.

יע, גרויס איז די מדרגה פון לערנען תורה ברבים און מאַכען אַז דער רבים זאָל פאַרשטעהן די תורה, זאָל אָנשטעלען די אויערען ווי אַן אפרכסת־לייקע „עשה אזנך כפרכסת" (חולין פ"ט ע"א. ועיין בעץ יוסף על ע"י שם).

און דאָס קען דערגרייכט ווערען ווען דער דרשן זאָגט זיינע דרשות אויף דעם אופן ווי מיר האָבען דערקלערט אין דיזער הקדמה.

די אויבענדערמאָנטע תנאים האָב איך געהאַט אין זינען ווען איך האָב ב"ה אַרויסגעגעבען מיין ערשטען ספר: דרשות מהחיים והטבע און אויך דעם ספר.

ווי ווייט מיין ציעל איז עררייכט לאָז איך פאַר'ן לעזער צו משפט'ן. צום סוף וויל איך אויך באַמערקען צוויי זאַכען: א) די דרשות פון ספר זיינען מסודר אויף ספר בראשית, אָבער די טהעמעס זיינען אַלגעמיינע. זיי קענען געזאָגט ווערען צו יעדער צייט און ביי יעדער געלעגענהייט. ב) ווערענדיג די דרשות זאָלען גרינג און פליסיג געלעזען ווערען ביים אַלגעמיינעם לעזער, האָב איך אין פיעל ערטער ניט געבראַכט די מקורים אָדער דעם גאַנצען לשון המאמר פון חז"ל אָדער מפרשי המדרש; איך האָב בלויז אָנגעצייכענט דעם אָרט וואו דער מקור פון מיין געדאַנק געפינט זיך און עס איז ראַטהזאַם פאַר'ן דרשן איינצוקוקען זיך דאָרטען און זיך באַנוצען מיט די מקורים פאַר זיין דרוש.

תם ונשלם שבח לאב"ע.

יום א' ר"ח סיון, התרצ"ה, בעיאָן, ניו-דזשוירזי.

דרוש א' לפ' בראשית

די שפראַך פון בי"ת

ווארום האָט זיך די תורה אָנגעפאַנגען מיט בי"ת און ניט מיט אל"ף? ב' איז געווען די שפראַך פון גאָט'ס וועלט־באשאַפונג. ב' איז די שפראַך פון גאָט'ס וועלט הנהגה. ב' איז די שפראַך פון דער תורה. ב' איז די שפראַך פון פאָלקס פיהרערשאַפט. ב' איז די שפראַך פון דער גאַנצער נאַטור. ב' דאַרף זיין די שפראַך פון דער מענשהייט. די שפה ברורה וואָס די מענשהייט וועט רעדען אין דער צוקונפט וועט זיין די בי"ת - שפראַך.

„בראשית ברא אלקים"

זה שאמר הכתוב: „ברכות לראש צדיק ופי רשעים יכסה חמס" (משלי י') למה פתח בברייתו של עולם בבי"ת ולא באל"ף, והלא א' ראש לכל האותיות? אלא לפי שהאל"ף לשון ארור וב' לשון ברוך אמר הקב"ה אברא את העולם בלשון ברוך.

ומה כשנברא בלשון ברוך בני אדם מכעיסין ליוצרם בלשון ארור על אכו"כ?

ועוד למה נברא בבי"ת? ללמד לבריות שהן שני עולמות עוה"ז ועולם הבא. (תנחומא בראשית ס"ה, ועיין בב"רר פ' א' ס"י.)

דער מדרש פרעגט אַ קשיא: „ווארום האָט דער בורא ב"ה אָנגעפאַנגען די וועלט־באשאַפונג מיט'ן ב י " ת, וואָס איז דער צווייטער אות פון א. ב., און ניט מיט'ן א ל " ף, וואָס איז דער ערשטער אות?"

ענטפערט ער אַזוי: „ווייל בי"ת איז אַ לשון ברכה. דער וואָרט ב ר כ ה הויבט זיך אָן מיט בי"ת. אָבער אל"ף איז אַ לשון קללה. דער וואָרט א ר ו ר הויבט זיך אָן מיט אַן אל"ף".

האָט הקב"ה געזאָגט: „איך וועל באשאַפען די וועלט מיט אַ לשון ברכה".

פיהרט אוים דער מדרש: „זעה, מה־דאָך אַז די וועלט איז באַשאַפען געוואָרען מיט אַ ל ש ו ן ב ר ו ך דערצערענען די רשעים זייער

שעפער, ווי וואָלטען זיי שוין דערצערענט דעם בורא, ווען ער וואָלט איהר באַשאַפען מיט אַ לשון ארור?"

דאָס איז דער פשט פון פסוק: „ברכות לראש צדיק". דער צדיק, הקב"ה, האָט ביים ראש, ביים בראשית, אָנגעפאַנגען מיט ברכות, כדי אין דער וועלט זאָל הערשען ברכה. צום סוף: „ופי רשעים יכסה חמס", איז די מויל פון פאַרברעכער באַדעקט מיט רויב.

נאָך אַ טעם וואָרום די וועלט איז באַשאַפען געוואָרען מיט בי"ת: „צו לערנען די מענשען אַז עס זיינען דאָ צוויי וועלטען, די וועלט און יענע וועלט".

איז די ערקלערונג פון תנחומא לויט דעם ביאור פון די מפרשים שווער צו פאַרשטעהן: די וועלט האָט זיך אָנגעפאַנגען מיט ב' וויל מיט בי"ת הויבט זיך אָן אַ גוטער וואָרט: „ברכה". דאָס וואָלט זיין גוט ווען אין לשון קודש וואָלט נאָר זיין דער איינציגער וואָרט ברכה וואָס פאַנגט זיך אָן מיט ב', אָבער עס געפינען זיך דאָך נאָך ווערטער וועלכע הויבען זיך אָן מיט בי"ת, און זיי זיינען ווערטער פון „קללה". צום ב"ש: דער וואָרט „בתה" — וויסט, „בקק" — פאַרוויסטען, אויסליידיגען, „ברך" — לעסטערן (איוב ב' ט'), „בתק" — שניידען, צוהאַקען, „בכה" — וויינען א. ז. וו. פאַרקערט, געפינען מיר דאָס מיט'ן וואָרט אל"ף הויבען זיך אָן גוטע ווערטער, ברכות. צוב"ש: „אור" — ליכטיגקייט, „אושר" — גליק (עיין בעץ יוסף מד"ת ובפירוש מהרז"ו.

אויך דאַרפען מיר פאַרשטעהן דעם מדרש'ס אויסדרוק: „בי"ת איז לשון ברכה", די שפראַך פון ברכה, בענשונג, און „אל"ף איז לשון ארור", די שפראַך פון שעלטונג. א' און ב' זיינען ניט קיין לשונות - שפראַכען? זיי זיינען ניט מעהר ווי אותיות מיט וועלכע געוויסע ווערטער פאַנגען זיך אָן. מיט א' פאַנגט זיך אָן דער וואָרט ארור, מיט ב' — ברכה. האָט דער מדרש אַזוי געדאַרפט זאָגען: „לפי שבי"ת הוא סימן ברכה, וא' סימן ארור", ב' איז אַ סימן, אַ צייכען פון ברכה, מיט איהם פאַנגט זיך אָן דער וואָרט ברכה און א', פאַרקערט, איז אַ סימן פון ארור.

דארום דיינק איך, ב"ה, צו זאָגען אַז דער פשט פון מדרש: „בי"ת איז אַ לשון ברכה" מיינט אַז: דער אות ב' — צוויי, איז די שפראַך פון ברכה. אַלע ברכות, הצלחות, גליק און צופרידענהייט פון דער וועלט פאַרמאָגען זייער שפראַך אויף וועלכע זיי רעדען. אָדער פאַרקערט, אויב זיי רעדען אויף דער שפראַך באַקומען זיי ברכות.

די שפּראַך איז ניט קיין שווערע אויסצולערנען. אויב מען וויל איהר קענען, פאַרשטעהן; זי באשטעהט בלויז פון איין אות: „ב׳ — צוויי״.

פאַרקערט, אַלע ארור׳ס, קללות, צרות, אומגליקען, וואָס די וועלט פאַרמאָגט, האָט איהר לשון, שפּראַך, וועלכע איז אויך, צום באַדויערען, גרינג אויסצולערנען, ווייל אויך זי באשטעהט פון איין אות: א׳ — איינס.

און די צוויי לשונות פון „א׳ און ב׳״ זיינען די גרעסטע, פּאָפּולערסטע שפּראַכען פון דער מענשהייט. די גאַנצע היסטאָריע פון דער מענשהייט בכלל און פון איינצעלנעם מענשען בפרט, אַלע מעשים וואָס מענשען טהוען ווערט געריידט מיט איינע פון די שפּראַכען.

געבענשט און גליקליך איז דער מענש, און מכל שכן די מענשהייט, ווען זי רעדט אויף דער בי״ת - שפּראַך. פאַרשאָלטען ח״ו און אומגליקליך איז זי, אויב זי רעדט אויף דער אל״ף - שפּראַך.

„אלף — איינס״: ניט זיין פאַרבונדען מיט קיינעם, זיין פאַר זיך, לעבען מיט׳ן אייגענעם, עגאָאיסטישען איך. דאָס איז אַ לשון ארור, אַ שפּראַך וואָס ברייגנט קללות, צרות און אומגליקען, ח״ו, צו דער וועלט, און נאָכמעהר צו דעם וואָס רעדט אויף דעם לשון.

„בי״ת — צוויי״: ווען אויסער מיך וויים איך אַז עס איז דאָ אַ צווייטער, אַ חבר, וועלכער דאַרף אויך לעבען און עקזיסטירען. און איך לעב פאַר איהם אַזוי גוט ווי פאַר זיך, פאַרשטעהענדיג אַז ניט איך קען עקזיסטירען אָהן צווייטען און ניט דער צווייטער קען עקזיס-טירען אָהן מיר. דאָס איז אַ „לשון ברכה״, אַ שפּראַך וואָס ברייגנט בענשונג און גליק אין דער וועלט.

„ואהבת לרעך — ליעב דיין חבר״, ווייל „כמוך״, ער איז אַזוי ווי דו, ניט דו ביזט דו און ער איז ער, נייערט ער איז אויך דו, און דו ביזט אויך ער, איהר זייט ביידע איינס.

דער תנא הלל האָט אַזוי פאַרטייטשט דעם פּסוק: דעלך סני לחברך לא תעביד״ (שבת ל״א), דאָס וואָס דו האָסט פיינד עס זאָל צו דיר ווערען געטהאָן, טו עס ניט צו דיין חבר, ווארום אויב דו טהוסט עס צו דיין חבר טהוסטו עס צו זיך, און פיעל מאָל ווען דו טהוסט צו דיין חבר שלעכטעס זיינען די רעזולטאַטען פאַר דיר נאָך ערגער ווי פאַר איהם.

„א' און ב'" סימבאָליזירען, פּערזאָניפיצירען צוויי שיטות, וועלכע זיינען פון בריאת העולם אָן די ווינקעל-שטיינער פון היסטאָריע. דער גאַנצער היסטאָרישער גלגל החוזר דרעהט זיך אַרום זיי; גליק אָדער אומגליק, פרייד אָדער טרויער, מוטה אָדער מוטהלאָזיגקייט, געזאַנגען אָדער קרעכצען, געבענשטעם אָדער פאַרשאָלטענעם לעבען, ברכה אָדער קללה פון דער געזעלשאַפט ווענדעט זיך אין דיזע צוויי שיטות.

די נעמען פון דיזע צוויי שיטות זיינען: „פאָלקס-הערשאַפט", אָדער „זעלבסט-הערשאַפט".

פאָלקס-הערשאַפט האָט פאַרשידענע פאָרמען. ענגלאַנד איז אַ דע־מאָקראַטיש לאַנד מיט אַ קעניגליכען טהראָן, און אין אַמעריקע איז אַ דעמאָקראַטישע אָרדענונג מיט אַן אויסערוועהלטען פּרעזידענט.

זעלבסטהערשאַפט האָט אויך פאַרשידענע פאָרמען: אימפּעראַטאָר, צאַר, קייזער אָדער דיקטאַטאָר, מיט פאַרשידענע אונטערשלאַגען: קאָ־מוניסטישע, פאַשיסטישע, נאַציסטישע. אָבער עס איז איינס און דאָס זעלבע.

פאָלקס-הערשאַפט רעדט מיט דער שפּראַך פון „בית — צוויי, רבים, מ י ר". די קאָנסטיטוציאָן פון אַמעריקע פאַנגט זיך אָן מיט „מיר". „מ י ר דאָס פאָלק פון די פאַראייניגטע שטאַאַטען".

אויך דער וואונדערליכער, שעהנסטער דאָקומענט וואָס איז ווען געשריבען געוואָרען דורך מענשליכע הענד, וואָס איז געשריבען גע־וואָרען אין גייסט פון תורת משה, רעדט מיט דער „בי"ת - שפראַך, מ י ר - שפראַך":

„מ י ר האַלטען פאַר קלאָרע ווארהייטען: אַז אַלע מענשען זיינען באשאַפען גלייך, און אַז דער „שעפער" האָט זיי געגעבען געוויסע רעכטע, וועלכע דאַרפען בלייבען אונגעענדערט. און די רעכטע זיינען: לעבען, פרייהייט און דער שטרעבען צום גליק".

„דעקלאַריישאָן אָף אינדעפּענדענס".

זעלבסט-הערשאַפט רעדט מיט דער שפראַך פון „אלף — איינס, א י ך". ווען דער צאַר פלעגט אַרויסגעבען זיינע מאַניפעסטען צום פאָלק, צו זיינע אונטערטאַנען, וועלכע עקזיסטירען בלויז כדי איהם, דעם זעלבסטהערשער, צאַר באַטיושקאַ, צו דינען, ערפילען זיינע פאַר־לאַנגען און קאַפּריזען, פלעגט ער אַזוי אָנפאַנגען:

איך, ניקאלאי, צאר, אימפעראטאר, און ז״וו. דאס גלייכען פלעגט טהאן נירון, קייזער ווילהעלם, און אזוי טהוען היינטיגע דיקטאטארס.

און דער רעזולטאט איז:

דעמאקראטישע פאלקס־הערשאפט פארוואנדעלט די לאנד אין א גן עדן וואו די בירגער פיהלען זיך פריי, ווי מענשען דארפען פיהלען; זיינען גליקליך, געניסען פון לעבען מיט צופרידענהייט, די לאנד איז פול מיט „ברכה״.

דיקטאטורישע זעלבסט־הערשאפט מאכט די לאנד פאר א גיהנום, וואו די מענשען זיינען אין די אויגען פון זייערע זעלבסט־הערשער בהמות אדער חיות, און אין בעסטען פאל שקלאפען. די לאנד איז פול מיט „ארור״.

אזוי האט געפיהלט דער אימיגראנט קומענדיג פון דער פינסטערער רוסלאנד אמאל; אזוי וואלט פיהלען דער היינטיגער באלשעוויק, ווען ער וואלט קומען פון רוסלאנד, דער פאשיסט פון איטאליע און דער נאצי פון דייטשלאנד.

זייענדיג זאגאר די גרעסטע אפיקורסים, וואלטען זיי אנהייבען צו גלויבען אז עס איז דא אזא זאך ווי גיהנום און גן עדן אפילו אויף דער וועלט, ווען זיי זאלען נאר מיט א קלארען פארשטאנד און ריינעם געוויסען און מיט אנערקענען דעם אמת פארגלייכען: מאסקאווער קרעמעל מיט יוניאן סקווער, בערלינער אונטער דען לינדען מיט ניו־יארקער יארקוויל, אדער אפילו די שעהנע ווינעצא מיט טשערי סטריט.

די מענשהייט, ווי מיר זעהען, באנוצט זיך מיטביידע שפראכען. אבער די גאנצע נאטור, גאט׳ס וועלט, רעדט נור אויף איין לשון, אויפ׳ן „לשון ברכה פון בי״ת״.

איידער גאט ב״ה האט איהר באשאפען האט ער דערקלערט:

„אברא את העולם בלשון ברכה״, „איך וועל די וועלט באשאפען מיט דער שפראך פון ברכה״, מיט בי״ת — צוויי.

דאס קען נאך בעסער ערקלערט ווערען מיט די ווערטער פון ילקוט ראובני אויפ׳ן ב׳ פון בראשית. ער זאגט פאלגענדעס:

„הכל ברא הקב״ה זוגות״, אלץ וואס גאט האט באשאפען האט ער עס באשאפען פאארווייז. ניט בלויז איז דער מענש באשאפען גע־ווארען א פאאר, זכר ונקבה, ניט בלויז זיינען אנדערע בעלי חיים בא־

שאפען געוואַרען צו פּאָאַר, נאָר זאַגאַר צמחים, געוויקסע: בוימער, בלומען, גראַזען; די בלום אָדער רויז קען ניט אָנהייבען צו בליהען, וואקסען, אַרויסברייגגען איהרע צויבערליכע, שעהנע קאָלירען, אָדער איהרע דערקוויקענדע פּערפיומען, סיידען זי פּאָאַרט זיך מיט'ן זכר.

עס טרעפט פיעל מאָל אַז די „זי-בלום" איז ווייט מיילען אָדער גאָר הונדערטע מיילען פון „ער-בלום", אָדער ער געפינט זיך אין אַ טהאָל און זי אויף אַ באַרג, און זיי וואָלטען ביידע פאַרוויאַלעט און פאַרוועלקט געוואָרען און אָפּגעשטאָרבען פרוכטלאָז, האָט דער בורא באשאַפען שדכנים אויף צו בריינגען חתן און כלה צוזאַמען.

די שדכנים זיינען: „דער ווינד, די פליג, די ביהן, די זומער-פויגע-לאך אז"וו. דער ווינד בלאָזענדיג פאַרטראָגט די זוימען פון „ער-בלום" צו דער „זי-בלום", אָדער פאַרקערט, און אַזוי אַרום ווערט געשלאָסען אַ גליקליכער שידוך, צו מאַכען די וועלט שעהן, שמעקענדיג און ער-קוויקענד.

דאָסגלייכען טהוט די פליג, ביהן. זי קומט צום ער-בלום, ער איז איהר מכבד מיט אַביסעל פון זיין זאַפט, שמועסט זיך אָדורך מיט איהר, דערצעהלט דער פליג אָדער ביהן זיינע ביינקענדיגע סודות, און אויף די פליגלען אָדער פיסלאך פון דער ביהן אָדער פליג שיקט ער אַ מתנה צו זיין בת-זוג מיט אַ גרוס, אַ ביסעלע זוימען, און דער שדכן פליהט אַוועק צו דער זי-בלום, גיט איהר איבער דעם גרוס מיט דער מתנה, איז מסדר קדושין, מיט זיין זשומענדיגער, גרילצענדיגער שטימע, און . . . מזל טוב, אַ שידוך איז געשלאָסען געוואָרען. די טהוי פון הימעל פילט אָן דעם כוס של ברכה און צו מאָרגענס, ווען די זון שיינט אַרוים, שיקט זי צו דער יונגער פּאָאַר, וואו זיי זיינען, אַ באגריסונג און שיינקט זיי דרשה-געשאַנק אַ פּאָר זונען-שטראַהלען; טהוט זיי בא-לייכטען און וואַרימען; און צניעות'דיג פאַרשעמט נעמט די צאַרטע בלום, די מאַיעסטעטישע רויז אַרויסטאַנצען פון דער ערד, פון אָנפאַנג שוואַך, מיט געבויגענע קעפּלאך, ביסלאכוויים מיט יעדען טאָג דריים-טער, ביז זיי וואקסען אַרוים מיט זייער פולען פראַכט און גלאַנץ און זיי זעלבסט שטעהען שוין אין שידוכים.

צוליעב וואָס האָט אַזוי דער בורא ב"ה איינגעאָרדענט אין דער נאַטור? דוכט זיך עס וואָלט אַ סך בעסער זיין, שעהנער זיין, ווען אַלעס אין דער נאַטור וואָלט זיין אינדעפּענדענט, זעלבסטשטענדיג?

לאָמיר נעמען אַ ביישפּיל טאַקע די זעלבע בלום.

גרויס זיינען איהרע פּאַרדינסטען אין לעבען. אומעדום און שטענדיג שטעהט זי גרייט צו דינען דעם מענשען. ווייל אַ חתן אויסדריקען זיין ליעבע און טרייהייט צו זיין כלה, טהוט ער עס דורך די בלומען־שפּראַך, שיקט איהר בלומען; געהען זיי צו דער חופּה, ווער געהט מיט מיט זיי? ווער איז די הויפּט אונטערפּיהרערין? די בלום; ווייל מען איינעם כבוד אָפּגעבען, דורך וואָס דריקט מען די געפּיהלען אויס? דורך אַ בוקעט בלומען, דורך בלומען־קראַנצען; איז איינער ח״ו קראַנק, ווער ווערט געשיקט אַלס אַ גוטער שליח איהם אָדער איהר צו שטאַרקען, קרעפּ־טיקען, ערמוטהיגען, פאַרגרינגערען דעם צער? די בלום; און אַז ח״ו אימיצער שטאַרבט און מען וויל אָפּגעבען רעספּעקט און אויסדריקען סימפּאַטיע צום פאַרשטאַרבענעם׳ס אָנדיינקונג, דורך וועמען ווערט עס געטהאָן? דורך דער בלום, וועלכע מען שיקט צו דער לויה און מען לייגט אויפ׳ן קבר.

האָט די בלום געדאַרפט זיין פריי, זעלבסטשטענדיג צו וואַקסען, דאַן וואָלט די וועלט פול זיין אומעדום מיט בלומען און רויזען, וועלכע וואָלטען איהר אָנפּילען מיט מעהר שעהנקייט, מוטה, ערפרישונג און אינטערעס. צום סוף זעהען מיר דאָס כדי צו קענען ערפילען איהרע פונקציאָנען דאַרף זי אָנקומען צום ווילדען, צולאָזענעם, פון זיך בלאָ־זענדיגען ווינד, אָדער צו דער נאַרישער, פאַרשמאַיעטער, פלוטעוואַ־טער, מנחם־מענדעל׳דיגער שדכנ׳טע פליג אָדער ביהן. ווארום איז דאָס אַזוי?

איז דער תירוץ: גאָט ב״ה האָט אַזוי איינגעשטעלט די נאַטור־אָרדענונג כדי צו לערנען דעם מענשען, וואו ער וועט שטעהן און געהן; וואו ער וועט זיך קערען און ווענדען; וואו ער וועט נאָר וואַרפען זיין בליק: „אַז אום צו וואַקסען, בליהען, שאַפען, פונקציאָנירען און עקזיס־טירען מוז עס זיין לויט דעם „לשון ברכה פון בי״ת - צוויי, פון מ י ר, ניט א י ך.״

איז ער פאַרבונדען מיט׳ן חבר, קען ער צו אַלץ עררייכען; איז ער פאַר זיך, קען ער גאָרניט האָבען; איינער איז קיינער.

„ועוד״, נאָך אַ טעם, זאָגט דער תנחומא, למה נברא בבי״ת? ווארום איז די וועלט באַשאַפען געוואָרען מיט אַ בי״ת?

„ללמד לבריות שהן שני עולמות, עוה"ז ועולם הבא", צו לערנען די מענשען אַז זיי זיינען צוויי וועלטען. — ער זאָגט ניט „שיש שני עולמות", עס איז דאָ צוויי וועלטען, נאָר „שהן שני עולמות", זיי זעלבסט זיינען צוויי וועלטען, — אַזוי ווי גאָט האָט באַשאַפען צוויי וועלטען, אַן ערדישע און אַ הימעלשע, אַזוי איז יעדער מענש צוויי וועלטען.

יעדער מענש איז אַן עולם קטן, אַ קליין וועלטעל פאַר זיך, זאָגען אונזערע ספרים הקדושים; אָבער דער עולם קטן באַשטעהט פון צוויי וועלטען, אַן עולם-הזה'דיגע און אַן עולם-הבא'דיגע; און ער דאַרף גע-דיינקען אין די ביידע וועלטען צו לעבען, אַניט קען ער קיין מענש ניט זיין.

מיט יעדער אַרבייט וואָס ער טהוט דאַרף ער ציעלען פאַר ביידע וועלטען; זיין עולם הזה איז קיין מענשישע עולם הזה — בלויז אַ טהי-רישע — ווען זי איז ניט פאַרבונדען מיט עולם הבא, און ער קען צו עולם הבא ניט עררייכען, סיידען דורך עולם הזה; אַרבייט ער צו פאַר-דינען געלט, דאַרף עס זיין פאַר ביידע וועלטען. „מאַכט ער אַ לעבען", דאַרף ער מאַכען אַ לעבען פאַר ביידע וועלטען.

עסט ער און טרינקט און האָט פאַרגעניגען, דאַרף עס זיין קאָמבי-נירט פון עולם הזה און עולם הבא — שפּייז און פאַרגעניגען; אַניט עסט ער ניט, נור פרעסט ווי אַ בהמה אָדער חיה; טרינקט ניט, נור זויפט; האָט ניט קיין פאַרגעניגען, נור הולטייעוועט.

זיינע קינדער דאַרף ער ערציהען, אויפהאָדעווען אין צוויי וועלטען, אין אַן עולם-הזה'דיגע און עולם-הבא'דיגע, אַניט זיינען זיי ניט קיין מענשען-קינדער, נאָר סתם באַשעפעניסען.

אַזוי לערענט אונז דער בי"ת:

גאָט האָט באַשאַפען אַ וועלט, אַ פאָלקאָמע וועלט, אַ שעהנע וועלט, אַ צויבערליכע וועלט, אַ גליקליכע וועלט, אַ ליכטיגע וועלט, אַ וועלט פון ויהי אור, אַ וועלט פון ברכה. ווייסטו מענש צוליעב וואָסער זכות און צוליעב וואָסער ציעל די וועלט האָט זוכה געווען צו ווערען אַזאַ וועלט, ניט בלייבען קיין חושך'דיגער תהום?

„דורכ'ן בי"ת". דורך דעם וואָס גאָט האָט באַשאַפען צוויי וועלטען; און אויב דו מענש ווילסט אַז דיין וועלט זאָל אויך זיין אַ פאָלקאָמע,

אַ שעהנע, אַ ליכטיגע, אַ גליקליכע, אַ ברכה׳דיגע, ניט, ח״ו, קיין פוסטע, תוהו ובוהו׳דיגע, חושך׳דיגע, ארור׳דיגע וועלט; ניט קיין זינ־קענדער תהום, אָפּגרונד, דאַרפסטו זעהן אַז דיין וועלט זאָל אויך געבויט ווערען, געשאַפען ווערען מיט׳ן „לשון ברכה פון בי״ת - צוויי וועלטען״.

נאָכמעהר, לערען מענש פון גאָט, דאָס כאָטש פריהער האָט גאָט באשאַפען עולם הזה און דערנאָכדעם די עולם הבא, פון דעסטוועגען האָט גאָט אָוועקגעשטעלט עולם הבא פאַר עולם הזה, ווייל זי איז חשוב׳ער אין מעלה. אַזוי זאָגען אונזערע חז״ל (מנחות כ״ט, ירושלמי חגיגה פ״ב, ועיין ילקוט ראובני ורש״י בראשית ב׳ ד׳) „כי ביה ה׳ צור עולמים״, מיט׳ן שם „יה״ האָט גאָט באשאַפען צוויי וועלטען, עולם הזה מיט׳ן אות ה׳ און עולם הבא מיט׳ן אות „י׳ ״, פון דעסטוועגען שטעהט דער יו״ד פאַר׳ן „ה״א.

אַזוי טהו אויך. שטעל אָוועק דיין גייסטיגע עולם הבא - וועלט פאַר דער עולם הזה - וועלט.

און ניט בלויז איז די וועלט באשאַפען געוואָרען מיט בי״ת, נאָר גאָט׳ס הנהגה פון דער וועלט איז אויך מיט אַ „בי״ת״.

הקב״ה מנהיג את עולמו בבי״ת מדות: מדת הדין ומדת הרחמים״ (ילקוט ראובני, שם בראשית).

דער הייליגער, געבענשט איז ער, פיהרט זיין וועלט מיט צוויי מדות, מאָסען, מיט דער מאָס פון דין און מיט דער מאָס פון רחמים.

„בראשית ברא אלקים״, פון אָנפאַנג האָט גאָט געוואָלט פיהרען די וועלט מיט דער מדה פון „אלקים - דין, אָבער: „ראה שאין העולם מתקיים״, גאָט, כביכול, האָט געזעהן אַז די וועלט וועט ניט קענען עק־זיסטירען, ווען זי וועט געפיהרט ווערען נור מיט דין, פעסטען געזעץ. עס וועט אין איהר ניט קענען זיין קיין לשון ברכה. האָט ער משתף געווען, קאָמבינירט דעם שם ה׳, די מדה פון רחמים, צו דער מדה פון דין, ווי עס שטעהט געשריבען:

„ביום עשות ה׳ אלקים ארץ ושמים״ (בראשית ב׳ ד׳ ועיין שם ברש״י), נאָכמעהר, גאָט האָט געשטעלט פריהער דעם מדת הרחמים. עס שטעהט ניט: „אלקים ה׳ ״, נאָר: ה׳ אלקים. פריהער מוז זיין רחמים, דאַן דין, אַניט קען די וועלט ניט עקזיסטירען.

אזוי אויך, דו מענש, דארפסטו פיהרען דיין וועלט און דיין פאר־בינדונג מיט מענשען, כדי עס זאל ביי דיר און דיין חבר זיין ברכה מיט א בי״ת, מיט צוויי מדות: רחמים און דין, און רחמים פריהער.

און ווי מיר זעהען, האט א מענש צוויי וועלטען. דארום דארף א לאנד האבען א מנהיג, א הערשער, וואס זאל אכטונג געבען אז די איינוואהנער פון דער מדינה זאלען זיך אויפפיהרען ריכטיג, בנוגע ביידע וועלטען.

זאגט דער ילקוט ראובני אז:

„משה בקש שיהיו ב׳ מנהיגים, א׳ בתורה ואחד במלחמה״, משה רבינו האט געבעטען אז ביי אידען זאלען זיין צוויי פיהרער. די הנהגה פון דער אידישער מלוכה זאל זיך פיהרען מיט א בי״ת. איין מנהיג זאל זיין א גייסטיגער פאר תורה, און איינער א פאליטישער, אן עקאנאמישער פאר מלחמה, פאר די פאלקס-באשיצונג, פאר׳ן מאטעריעלען קאמפף., ניט ווי עס האט זיך דאן געפיהרט ביי אנדערע פעלקער, אז דער מלך איז אויך געווען א כהן, אדער נאכמעהר, ער האט זיך געהאלטען פאר א בן אלים, א גאט זעלבסט. ביי אידען האט משה ניט געוואלט עס זאל זיין אזא ארדענונג; ביי אידען דארפען זיי זיין אפגעטיילט, ווארום אויב איין מענש וועט זיין מלך וכהן, וועט פאסירען אז ווען ער וועט שטעהן אויפ׳ן מלחמה-פעלד וועט ער דאמאלס אוועקפליהען אין די עולמות עליונים, און ווען ער וועט זיין אין בית המקדש און זיין גייסט וועט דארפען זיין אין דער הימעשלער אטמאספערע, וועט ער פלוצים אראפנידערען אויפ׳ן עולם התחתון, אויפ׳ן מלחמה-פעלד, און די רע־זולטאטען זיינען זעלבסט-פארשטענדליך, קיין ברכה צום פאלק וועט עס ניט ברייגגען.

און ווען הקב״ה האט געגעבען צו זיין פאלק ישראל א תורה, דורך וועלכע זי זאל ווערען שטארק, אונבאזיגבאר און געבענשט מיט שלום.

„ה׳ עז לעמו יתן ה׳ יברך את עמו בשלום״. האט ער איהר אויך געגעבען מיט א בי״ת-שפראך צוויי תורות: תורה שבכתב און תורה שבע״פ. אזוי זאגט רבי יוחנן: (גיטין ס׳ ע״ב)

„לא כרת הקב״ה ברית עם ישראל אלא בשביל דברים שבע״פ, שנאמר: „כי על פי הדברים האלה כרתי אתך ברית ואת ישראל״.

דעם בונד וואס גאט, ב"ה, האט געשלאסען מיט אידען, דאס אזוי ווי ער, ב"ה, איז אייביג, אזוי זאלען זיי אויך זיין אייביג, איז געווען צוליעב תורה שבעל פה.

ד"ה: אויב די תורה שפראך זייערע וועט באשטעהן פון „ב", אויב זיי וועלען אפהיטעןביידע תורות, דאן איז „חצי אכלה בם: חצי כלים והם אינם כלים".

זאגאר ווען אלע פיילען פון דער וועלט וועלען אויסגעשאסען ווערען אין זיי און עס וועט שוין מעהר קיין פיילען ניט זיין, דאך וועלען זיי ניט פארלענד ווערען (עיין סוטה ט').

אין פארלויף פון אונזער היסטאריע האבען זיך פיעלע געפונען וועלכע האבען ניט געוואלט אנערקענען די תורה שבע"פ, זאגענדיג אז די שפראך פון דער תורה איז גענוג זי זאל זיין מיט אן „אל"ף", איין תורה. בלויז תורה שבכתב אנערקענען זיי, און ניט דעם תלמוד, תורה שבע"פ, ווי די צדוקים, קראים שומרנים, אז"וו.

און וואס איז געווען זייער ענדע?

לאמיר נעמען פאר אן אילוסטראציאן די שומרנים:

ווען אידען זיינען ארויסגעטריבען געווארען פון זייער לאנד, מיט־נעמענדיג מיט זיך זייערע ביידע תורות, זיינען די שומרנים מיט זייער איין תורה געבליבען אין לאנד. שטארק האבען זיי אפגעהיט זייער תורה, געהיט בוכשטעבליך יעדען ווארט איהרען.

און כדי צו זיין זיכער מיט ברכה, שלום און אייביגקייט האבען זיי אויסגעקליבען פאר זייער וואוינונגס־ארט דעם געבענשטען בארג גריזים, דעם בארג אויף וועלכען משה רבינו האט באפוילען צו פראקלאמירען די ברכות צו די וועלכע וועלען מקיים זיין די תורה.

„ברוך אשר יקים את דברי התורה הזאת".

ביז'ן היינטיגען טאג היטען זיי זאגאר אפ די מצוה פון קרבן פסח; מיט גרוים פאראד און צערעמאניע, אנגעקליידעט אין ווייסע בגדי כהונה, שחט זייער כהן די שעפסעלע און שפריצט איהר בלוט אויף די ביי־שטידלאך, זינגענדיג: „בדמיך חיי — אין דיין בלוט לעב, בדמיך חיי — אין דיין בלוט לעב".

און דורך דער פּעריאָדע פון צוויי טויזענט יאָהר זיינען אידען גע־זעסען אויפ'ן פאַרשאָלטענעם גלות באַרג עיבל, און אַדורכגעלעבט די אַלע ארור'ס, וואָס זיינען אויפ'ן באַרג עיבל ביים עבר הירדן געזאָגט געוואָרען.

און אויך געבראַכט קרבנות. נאָר דער שעפּס איז געווען ישראל זעלבסט.

„שה פזורה ישראל" (ירמי' נ' י"ז). ישראל, זייענדיג צושפּרייט אין גלות אויף אַלע הר עיבל'ס, איז געוואָרען אַ שעפּסעלע, אַ קרבן צו דער גאַנצער וועלט, און די כהני הבעל, וועלכע שחט'ען איהר און באַשפּריצען מיט איהר בלוט די מזוזות און טהירען פון די אידישע הייזער, זיינען שכור'ע, בלוטיגע מערדער, חוליגאַנעס, פּאָגראָמשטשיקעס, צאַרס, פּאָ־ביעדאָנאָסצאווס, עמלק'ס, המן'ס, טאָרקוועמאדעס און היטלערס, און דאָך: „בדמיך חיי", אין דיין בלוט, אידישע שעפּסעלע, לעבסטו, „בדמיך חיי" — אין דיין בלוט לעבסטו.

און יעצט וועלען מיר מאַכען אַ סך הכל און באַטראַכטען דעם אונטערשייד צווישען די זיכערע תושבים פון געבענשטען הר גריזים מיט זייער א'-שפּראַכיגע תורה, און די גרים, אייביגע וואַנדערער, פון איין הר עיבל צום צווייטען, מיט זייער ב'-שפּראַכיגע תורה.

דער אַמאָליגער גרויסער שבט שומרן צעהלט היינט צוויי הונדערט און פופציג נפשות!

און דער הויפען אַרויסגעטריבענע אידען צעהלען, נאָך אַלע צרות, אינקוויזיציעס, פּאָגראָמען, גרושים, פּייניגונגען און ערנידערונגען, זיבע־צעהן מיליאָן נפשות, כן ירבו.

און אין דער צייט וואָס די זיהן פון ישראל שטעהען אין די טהאָלען און אויף די בערג פון ארץ ישראל, בייטאָג באַלויכטען מיט דער ליכטי־גער ארץ ישראל זון, און ביינאַכט מיט גרויסע עלעקטרישע ליכט, און גראָבען מיט רידלעס די ערד פון ארץ ישראל, כדי ישראל זאָל אויפשטעהן תחית המתים פון זיינע קברים אין די גלות'דיגע הר עיבל'ס, שטעהען אין דער זעלבער צייט די איבערגעבליבענע שומרנים אויפ'ן הר גריזים מיט רידלעס אין זייערע הענד, באַלויכטען מיט טרויער־ליכט, און גראָבען זייערע לעצטע קברים . . .

דאָס פאַרוויסטע און פאַרלאָזענע ארץ ישראל לאַנד, זייענדיג אין פרעמדע הענד קרוב צוויי טויזענט יאָהר, אויף וועלכער עס איז געווען אויסגעגאָסען אַן ארור, שטעהט אויף תחית המתים, בליהט, וואקסט, ווערט פול מיט ברכה און שפּע דורך די הענד פון איהרע ליעבע קינדער, וועלכע האָבען געדעדט אין פאַרלויף פון זייער גלות מיט דער „בית־שפּראַך" פון ביידע תורות.

און פאַרקערט, דער געבענשטער, פרוכטבאַרער, בליהענדער באַרג גריזים, ווערט יעצט פאַרוויסט, פול מיט קברים, פול מיט ארור, אַ דאַנק איהרע קינדער, די שומרנים, וועלכע האָבען גערעדט אין פאַרלויף פון די אַלע יאָהרען מיט דער א׳־שפּראַך פון בלויז תורה שבכתב.

פול איז דאָס לאַנד מיט גאולה־געזאַנגען פון די בונים, וועלכע בויען די אַלטע רואינען, און שטעלען אויף די פאַרוויסטע ערטער פון די פאַהריגע טעג, באַנייען די וויסטע שטעדט, די פאַרוויסטונגען פון אַלע צייטען.

„ובנו חרבות עולם, שוממות ראשונים יקוממו וחדשו ערי הרב שוממות דור ודור" (ישעי׳ ס"א ד׳).

און דער עכאָ פון זייערע געזאַנגען קלינגט אָפּ איבער דער גאַנצער וועלט, און ברייננגט פרייד און האָפנונג צו די אַלע זיהן פון ישראל; רופענדיג צו זיי און אָנזאָגענדיג די גרויסע בשורה פון דער אידישער גאולה.

„לקרא לשבוים דרך ולאסורים פקח־קוח (ישעי׳ ס׳ א׳), אויסרופענדיג פריישאַפט צו די געפאַנגענע און לויז־לאָזונג צו די געבונדענע.

טרויסטענדיג די אבלי־ציון וירושלים לתת להם", געבענדיג צו זיי „פאר תחת אפר", שעהנקייט אנשטאט אַש, „שמן ששון תחת אבל", אייל פון פרייד אנשטאט טרויער, „מעטה תהלה תחת רוח כהה", אַ מאַנטעל פון לויב אנשטאט אַ באַטריבט געמיטה.

אין דער זעלבער צייט איז פול דער הר גריזים מיט געוויין און קלאַג, קרעכצען און זיפצען פון די אבלי־הר גריזים, וועלכע טהוען אַרויף אויף זייערע קעפּ „אפר תחת פאר", אַש אנשטאט אַמאָליגע שעהנקייט, „שמן אבל תחת ששון", אייל פון טרויער אנשטאט פרייד, און וועלכע זיינען

איינגעהילט אין „אַ רוח כהה", אַ באַטריבט געמיטה, אנשטאט: „מעטה תהלה", אַ מאַנטעל פון לויב.

יע, די שומרנים באַצאַהלען, צו אונזער באַדויערען און מיטלייד, זעהר טהייער פאַר ניט וועלען אנערקענען, בנוגע תורה, דעם לשון ברכה פון בי"ת.

וואָלטען זיי לערנען און היטען תורה שבכתב, לויט די אויסטייטשונ־גען און ערקלערונגען פון אונזערע חכמים ז"ל אין תורה שבע"פ, וואָלטען זיי דאמאָלס אַזוי גוט ווי מיר פאַרשטאַנען ווארום די תורה האָט זיך אָנגעפאַנגען מיט אַ בי"ת און ניט מיט'ן אל"ף, וואָלטען זיי דאַן ניט געלעבט אַ לעבען לויט זייער עגאָאיסטישען ,שטאָלצען, שומרנ'ישען אל"ף'דיגען איך; פאַרקערט, וואָלטען געוואָרען אַ טהייל פון אונז און געלערענט לויט אונזער בי"ת-שפּראַך, די שפּראַך פון ברכה, און ברכה וואָלט אויף זייערע קעפּ רוהען.

איך דענק אַז פון די אַלע פאַקטען איז גענוג קלאָר וואָס פאַר אַ לשון ברכה דער „בי"ת" איז. און וואָס פאַר אַ לשון ארור דער „אל"ף" איז, און דעריבער:

„ברכות לראש צדיק",

האָט דער צדיק, הקב"ה, אָנגעהויבען דעם בראשית פון זיין בריאה מיט'ן בי"ת, מיט'ן לשון ברכה, און איינגעאָרדענט אַז אַלעס זאָל מיט דעם לשון ברכה פון בי"ת רעדען. האָט דאָך לויט'ן שכל געדאַרפט זיין, אַז רשעים, וואָס רעדען מיט'ן לשון ארור פון „א'-איך", און דורכדעם רויבען זיי און טהוען שלעכטס צו אַנדערע, האָבען אויף דער וועלט זיך גאָר ניט געדאַרפט געפינען. צום סוף וואָס זעהען מיר?

„ופי רשעים יכסה חמס", די מויל פון רשעים איז באַדעקט מיט רויב. ד"ה: עס זיינען דאָ רשעים וועמעס מיילער ווייסען ניט פון קיין אַנדערע זאַכען אויסער רויב.

און דער תנחומא, באַטראַכטענדיג מיט זיין ליכטיגען אויג די וועלט מיט איהרע רשעים, שטעלט אַוועק די פראַגע:

„מה־דאָך ווען די וועלט איז באַשאַפען געוואָרען מיט אַ לשון ברוך פון בי"ת, וואָס איינער קען אָהן צווייטען, סיי אין נאַטור און סיי צווישען מענשען, ניט עקזיסטירען, דערצערענען די רשעים זייער שעפער, ווי

וואָלטען זיי שוין דערצערענען דעם בורא, ווי שלעכט און פאַרדאָרבען וואָלטען זיי שוין זיין, ווען גאָט וואָלט באַשאַפען די וועלט מיט'ן לשון ארור פון אל"ף? ווען יעדע זאַך און אַ פשיטה יעדער מענש אויף דער וועלט וואָלט זיין אינדעפּענדענט, זעלבסטשטענדיג, ווי?!

דיזע פראַגע האָט רבי תנחומא געפרעגט מיט טויזענטער יאָהרען צוריק. ער האָט ניט געקענט פאַרשטעהן דאמאָלס, ווי ס'איז מעגליך אַז עס זאָלען זיך געפינען רשעים, וועמענס מיילער זיינען באַדעקט מיט רויב, נאָכדעם ווי גאָט האָט אַלץ באַשאַפען מיט'ן בי"ת.

דאַרפען מיר אָבער ניט פאַרגעסען, אַז אין יענער פרימיטיווער צייט איז די געזעלשאַפטליכע, אינטערנאַציאָנאַלע שפּראַך געווען מעהר מיט'ן אל"ף ווי מיט'ן בי"ת:

יעדע משפחה אָדער שבט האָט געלעבט פאַר זיך. דאָס זעלבע די דאמאָלסדיגע טל-ומטר'דיגע מלוכה'לאַך. ווען דער פויער האָט באַאַרבייט זיין פעלד און גאָרטען האָט ער נור אין זינען געהאַט זיך און זיין פאַ-מיליע. ער האָט ניט געזייעט קיין תבואה אין פרס אום די מענשען פון בבל זאָלען האָבען וואָס צום עסען, און האָט ניט אַראָפּגעקליבען זיינע פרוכט פון די בוימער אין ארץ ישראל, אום זיי צו שיקען קיין אשור.

ווען די פרוי האָט געשפּינט און געוועבט איהר לייווענט אין פלישתים איז עס געווען פאַר איהר און איהר משפחה'ס געברויך און ניט צו שיקען עס קיין מדי; און די וואָל פון די שעפּסען פון עבר-הירדן איז ניט געשיקט געוואָרען קיין מצרים; און די פלייש פון די פּעטע קיה פון בשן איז ניט אָפּגעשיקט געוואָרען קיין רוים; די הענט און פיס פון דער גאַנצער מענשהייט זיינען ניט געווען געבונדען מיט קייבעל-שטריק און טעלעגראַף און ראַדיאָ-דראָטען; קיין לופט-שיפען זיינען איבער זייערע קעפּ ניט געפלויגען; קיין סטים-שיפען האָבען זייערע ימים ניט געשפּאָלטען; קיין באַהנען האָבען זיך איבער זייערע לענדער ניט געשלענגעלט; קיין צייטונגען און פּאָסטען זיינען ניט גע-גאַנגען; און קיין אינטערנאַציאָנאַלע וואַליוטעס און בערזשעס זיינען ניט געווען.

פרידליך האָט יעדערער געלעבט און געשטאָרבען אין זיין דאָרף, שטעדטעל, אָדער געגענד. און דאָך איז רבי תנחומא'ן, ווי געזאָגט, שווער געווען צו פאַרשטעהן, ווי קענען זיין רשעים?!

וואס וואלט ער זאגען? ווי וואלט ער שטעלען זיין פראגע היינט? ווען די אינטערנאציאנאלע וועלט רעדט מיט דער בי"ת-שפראך: אלע זיינען געקניפט און געבונדען ווי איינס. דער פויער אין אמעריקע און ארגענטינע זייעט זיין תבואה פאר רוסלאנד און ענגלאנד; און ארגענטינע פיטערט שעפסען און קיה פאר דייטשלאנד; און די זייד-ווערעם אין יאפאן שפינען זיידענס פאר אמעריקע; און כינע שיקט טהעע פאר דער וועלט; און דייטשע פאבריקען ארבייטען סחורה פאר דער גאנצער וועלט; און רוסלאנד און פוילען דארפען אמעריקאנער מאשינעס און געלט; און וואס אין איין לאנד ווערט געטהאן, אדער זאגאר געטראכט צו טהאן, וויסט מען גלייך אין דער צווייטער.

און אויב די וועלט באיקאטירט דייטשלאנד, קויפט ניט איהר סחורה, שטארבט זי פון הונגער, און איהרע פאבריקען פארמאכען זיך. און אויב מען פאהרט ניט אויף איהרע שיפען ווערען זיי פארזשאווערט און פארפוילט. האט דאך די וועלט, די גאנצע וועלט, געדארפט רעדען מיט דער ברידערליכער, ברכה'דיגער בי"ת-שפראך.

צום סוף וואס זעהען מיר:

„ופי רשעים יכסה חמס", די מויל פון רשעים איז באדעקט מיט רויב. ווי איז דאס מעגליך?!

ווי איז מעגליך אז אין היינטיגער, ציוויליזירטער, פארקניפטער וועלט זאלען זיך געפינען אזעלכע רשעים מיט אזעלכע שרעקליכע רויב-מיילער, ווי עס פארמאגט אזא טייוועל ווי היטלער ימ"ש?!

ווי קען דאס ערקלערט ווערען?!

ווי?!

לאמיר אבער ניט זיין פארצווייפעלט. מיר מעגען זיכער זיין אז גאט'ס רצון פון: „אברא את העולם בלשון ברוך", איך וועל באשאפען די וועלט מיט'ן לשון ברוך, פון בי"ת, וועט ענדליך מקוים ווערען.

„ופי רשעים", די מיילער פון די רשעים, פון די שונאים פון דער מענשהייט און פון גאט'ס וועלט, וועלכע רעדען מיט דער עגאאיסטישער „אל"ף - שפראך", „יכסה חמס", וועט זעלבסט באדעקט ווערען מיט רויב, די רויב און שלעכטס מיט וועלכע זיי האבען אנדערע געוואלט באדעקען וועט זיי זעלבסט צודעקען.

„כאשר עשו כן יעשה להם וגמולם ישוב בראשם", וואָס זיי האָבען צו אַנדערע געטהאָן וועט צו זיי געטהאָן ווערען, און זייער באלוינונג וועט פאַלען אויף זייערע אייגענע קעפּ. „תאלמנה שפתי שקר", זייערע פאַלשע רויב-ליפּען וועלען פאַרשטומט ווערען. „הדוברות על צדיק עתק בגאוה ובוז" (תהילים קל"א י"ט), וועלכע רעדען אויפ'ן צדיק, הקב"ה (עיין מלבים שצדיק קאי על ה') שטאַרקע רייד מיט שטאָלץ און פאַראַכטונג דורך זייער לשון ארור, א' שפּראַך.

די מענשהייט וועט זיך פון זיי ענדליך באפרייען. ענדליך וועט קומען דער גרויסער טאָג וועגען וועלכען דער נביא צפניה האָט געזאָגט פאָלגענדע נביאות:

"לכן חכו לי נאום ה' ליום קומי לעד, כי משפטי לאסוף גוים לקבצי ממלכות לשפוך עליהם זעמי, כל חרון אפי, כי באש קנאתי תאכל כל הארץ" (צפניה ג' ח' עיי"ש הפסוקים הקודמים).

דערפאַר זאָגט גאָט: ערוואַרטעט מיר אין דעם טאָג ווען איך וועל זיך נעהמען פאַרניכטען; ווארום מיין באשלוס איז צו פאַרזאַמלען פעלקער און צונויפקלייבען קעניגרייכען, אום אויף זיי מיין צאָרן אויסצוגיסען, מיין גאַנצען ברענענדיגען צאָרן; פון דעם ראַכע-פייער מיינעם וועט דאָס גאַנצע לאַנד פאַרניכטעט ווערען".

„כי אז אהפוך אל עמים שפה ברורה לקרא כולם בשם ה' לעבדו שכם אחד".

„נאָר דאמאָלס וועל איך אומקערען צו אַלע פעלקער איין קלאָרע שפּראַך, אום אַלע זאָלען רופען גאָט'ס נאָמען און דינען איהם איינשטימיג".

און די „שפה ברורה" — קלאָרע שפּראַך, וואָס אַלע פעלקער וועלען דאמאָלס רעדען, וועט זיין די קלאָרע שפּראַך פון גאָט ב"ה, מיט וועלכער ער האָט די וועלט באשאַפען, „די לשון ברכה פון בי"ת". בב"א.

———o———

דרוש ב׳ לפ׳ בראשית ולראש השנה.

מלכיות—די רעזערוו־אַרמעען

זעקס זאַכען האָט גאָט באַשאַפען ביי בריאת העולם. צוליעב וואָס? די אייביגע מלחמה פון „רע" קעגען „טוב", פון „רשע" קעגען „צדק", וועלענדיג צורייסען גאָט׳ס תורה און צוברעכען זיין כסא הכבוד.

די רעזערוו־אַרמעען וואָס פאַרטיידיגען דעם כסא הכבוד און די תורה זיינען: „אבות, ישראל, מקדש און משיח". זייערע מלחמות אין די דורות פון: מבול, הפלגה, סדום, מצרים, בבל, רום און יון.

די ענטשיידונגס-שלאַכט וואָס ווערט יעצט געקעמפפט קעגען זיי אין דער גאַנצער וועלט אויף די שלאַכט־פעלדער פון באָלשעוויסטישער רוסלאַנד, פוילען, ליטע, רומעניע און דייטשלאַנד.

אידישע שוואַכקייט אין די דעמאָקראַטישע פרייע לענדער, ווי אַמע־ריקע, ענגלאַנד, פראַנקרייך, איטאַליע אז"וו. דער גרעסטער שונא פון יודענטהום איז עם הארצות. די שלאַכט האַלט ביים אַנטשידען ווערען; משיח קומט, עם הערען זיך זיינע פיסטריט! זיין שלום עליבם־באַגריסונג צו דער וועלט. — דער מלך הכבוד מיט זיינע אַרמעען קומען; די מיסטעריעזע טהויערען און טהירען עפענען זיך פאַר איהם; די מענשהייט וועט באַלד זינגען טריאומפירענד, ניט קרעכצענדיג: „המלך יושב על כסא רם ונשא!"

„אמרו לפני בר"ה מלכיות כדי שתמליכוני עליכם" (ר"ה ל"ד)

ששה דברים קדמו לבריאת עולם. יש מהן שנבראו ויש מהן שעלו במחשבה להבראות. התורה והכסא הכבוד נבראו, האבות וישראל ובית המקדש ושמו של משיח עלו במחשבה להבראות. (בר"ר פ"א ס"ד.)

בראשית

דער מדרש צוטהיילט דעם וואָרט „בראשית" אויף צוויי ווערטער: „ברא־שית". ד"ה, איידער גאָט ב"ה האָט אָנגעפאַנגען צו באַשאַפען אונזער וועלט, האָט ער פריהער באַשאַפען פאָלגענדע זעקס זאַכען: „תורה, כסא הכבוד — גאָט׳ס טהראָן. אבות — אברהם יצחק ויעקב. ישראל — אידען. בית המקדש, און משיח׳ן". צוויי זאַכען: „תורה וכסא הכבוד" זיינען באַשאַפען געוואָרען גלייך פאַר דער בריאה; די אַנדערע פיער

האָט דער בורא, ב״ה, ניט באַשאַפען גלייך, נאָר ער האָט געטראַכט וועגן זייער באַשאַפונג, ד״ה: אַז זיין וועלט וואָס ער געהט באַשאַפען וועט זיך נויטיגען אין זיי; און ווען זי וועט זיך נויטיגען זאָל ער זיי באַשאַפען יעדערן אין זיין צייט.

איידער דיזע וועלט איז באַשאַפען געוואָרען האָט דער בורא, ב״ה, געהאַט באַשאַפען אַנדערע וועלטען, און זיי זיינען חרוב געוואָרען.

„הקב״ה בונה עולמות ומחריבן״ (בר״ר פ״ג ס״ז). „דער הייליגער, געבענשט איז ער, האָט געבויט וועלטען און ער האָט זיי חרוב געמאַכט״.

די וועלט לערענט דעם פשט, אַז גאָט זעלבסט האָט זיינע געבויטע וועלטען חרוב געמאַכט, ווייל זיי זיינען איהם ניט געפעלען געוואָרען. איז דאָס אָבער שווער צו פאַרשטעהן:

ביי אַ בשר ודם פּאַסט צו זאָגען, ער בויט אָדער מאַכט אַ זאַך און שפּעטער זעהט ער זיך אַרום אַז די זאַך איז ניט ריכטיג געמאַכט געוואָרען, צושטערט ער עס און נעמט שאַפען פון דאָס ניי, ווייל דעם מענשענס שכל און פעהיגקייטען זיינען באַגרענעצטע און ניט בתכלית השלימות. אָבער ווי איז שייך צו זאָגען אַזעלכעס וועגען גאָט, וועלכער איז ניט באַגרענעצט אין קיין זאַך, די שלימות זעלבסט?

אויך פאַרשטעהט זיך, אַז די פריהערדיגע וועלטען זיינען געוועזען באַשאַפען לויט דעם זעלביגען פּלאַן ווי די וועלט.

און דער פּלאַן פון דער וועלט איז געוועזען די תורה.

„אני הייתי כלי אומנתו של הקב״ה, בי הסתכל הקב״ה וברא את העולם״.

„איך בין געוועזען גאָט׳ס ווערקצייג און פּלאַן און אין מיר האָט זיך דער וועלט־אַרכיטעקט איינגעקוקט״, זאָגט די תורה, און לויט מיין פּלאַן האָט ער די וועלט באַשאַפען, זיינען זיי דאָך געוויס אַרויסגעקומען גוט. טו וואַרום האָט ער זיי חרוב געמאַכט?

דעריבער דיינק איך צו זאָגען, אַז דער פשט פון דעם מאמר איז אַזוי: „הקב״ה בונה עולמות״, דער הייליגער, געבענשט איז ער, האָט געבויט וועלטען, „ומחריבן״, און „דער מענש״ האָט זיי חרוב געמאַכט.

ווייל געוויס האָבען זיך אויך אין יענע וועלטען געפונען דור־המבול׳ס — צאַריסטישע מלוכות, דור הפלגות — קאָמוניסטישע סאָוויעטען, מיט

זייערע נמרוד׳ס, גאָט׳ס באַקעמפּפערס, און סדום׳ס, דייטשישע נאַצי-רייכס מיט זייערע היטלערס, ציוויליזאַציאָן און הומאַניזם באַקעמפּפער. און זיי אַלע האָבען יעדער מאָל גאָט׳ס וועלט חרוב געמאַכט, געוואָלט צורייסען גאָט׳ס תורה און צוברעכען זיין כסא הכבוד.

אַזוי דערצעהלט דאָך אונז די תורה וועגען נמרוד׳ן:

„הוא היה גבור ציד לפני ה׳״ — ער איז געווען אַ מעכטיגער יעגער פאַר גאָט, געפיהרט מלחמה געגען גאָט. (עיין רש״י.)

דאָס גלייכען האָבען די מענשען פון דור-הפלגה געוואָלט בויען אַ טהורעם ביז׳ן הימעל אום אַרויפצוקריכען אויפ׳ן הימעל, צוברעכען גאָט׳ס טהראָן און אַוועקשטעלען דאָרטען זייער קאָמוניסטישען טהראָן. (עיין שם, מדרש.)

דעריבער האָט גאָט באַטראַכט, איידער ער האָט גענומען באַשאַפען די דאָזיגע וועלט, פלענער ווי אַזוי צו פאַרזיכערען אַז דיזע וועלט זאָלען שוין די מענשען, ווי שלעכט זיי זאָלען ניט זיין, ניט קענען מעהר חרוב מאַכען.

דיזע וועלט אונזערע זאָל זיין אונבאַזיגבאַר פון רשעים, זי זאָל שוין זיין אין דער בחינה פון:

„ויעמידם לעד לעולם חק נתן ולא יעבור״ (תהלים קמ״ח ז׳), אַוועקגעשטעלט אויף אייביג מיט אַ געזעץ, וועלכער קען ניט ווערען איבערגעטראָטען, דארום איז אויסער תורה וכסא הכבוד, וועלכע זיינען אויך געווען פאַר די באַשאַפונגען פון די פריהערדיגע וועלטען, אויפגע-גאַנגען אין זיין מחשבה צו באַשאַפען די אַנדערע פיער.

ווען מען פיהרט מלחמה איז דער שטייגער אַז אויסער די ערשטע אַרמעע, וועלכע קעמפּפט קעגען שונא, זיינען דאָ רעזערוויסטען, זאַ-פאַסען, וועלכע ווערען אַרויסגערופען ווען דער קאָמאַנדיר זעהט אַז זיין אַרמעע שטעהט אין געפאַהר צו ווערען באַזיגט פון שונא.

די רעזערווען, ווען זיי קומען אָן, פאַרשטאַרקען זיי די ערשטע אַר-מעען פיזיש און אויך גייסטיג, ווייל זייער מוטה ווערט פאַרשטאַרקט דורך די נייע כחות וואָס זיינען צוגעקומען.

ווען אַמעריקע האָט ערקלערט אַז זי געהט העלפען די אללייעס אין דער וועלט-מלחמה, איז דורכ׳ן ערשיינען פון ערשטען באַטאַליאָן אַמע-

ריקאנער סאלדאטען אין פראנקרייך אריינגעבלאזען געווארען א רוח גבורה אין די האלב-מוטהלאזע ארמעען פון פראנקרייך און ענגלאנד און זיי זיינען געווארען צוריק גבורים, צו באזיגען די ברוטאלע קראפט פון דייטשישען מיליטאריזם.

דאס זעלבע האט אויך דער בורא, ב"ה, געטהאן ביי דער באשאפונג פון אונזער וועלטעל.

ער האט אנגעגרייט א רעזערוו, זאפאס, וועלכע זאל זיין גרייט צו ערשיינען אויפ'ן מלחמה-פעלד ווען ר ע וועט האלטען צו באזיגען ט ו ב, ווען ר ש ע ו ת וועט האלטען ביים האבען די אויבערהאנד איבער. צ ד ק, ווען חיה'שע ברוטאליטעט וועט האלטען ביים צוברעכען מאראלישע אידעאלען, ווען עגאאיסטען וועלען זיך באדען אין בלוט פון זייערע ברידער-מענשען.

ווען דעספאטען וועלען ווערען מושלים און וועלען וועלען די פריי-הייטס-ליעבענדע מענשהייט דערטרינקען אין בלוט און טרערען.

און גאט'ס רעזערוו-ארמעען זיינען:

„אבות, ישראל, בית המקדש ושמו של משיח".

געדענקט האט דער באשעפער, אז די תורה מיט די יראה פאר זיין כסא הכבוד וועלען האלטען די כחות פון „רע" אין צוים, און ערמעגליכען די כחות פון „טוב" צו זיין די הערשער אין דער וועלט.

אבער וואס האט פאסירט?

צעהן דורות האט די באשעפעניש מענש, וועלכע איז געווען א קאמ-בינאציע פון הימעל און ערד, מלאך און חיה, זיך קאנוואולסיוו געראנגעלט צווישען ט ו ב און ר.ע, און ענדליך . . . האט ר ע געזיגט, אויסער איין מענש, נח, ביי וועלכען דער ט ו ב איז געווען דער זיגער.

דאן האט גאט געבראכט א מבול, אפצוואשען די שמוץ פון דער ערד. ער האט איהר ניט חרוב געמאכט, נאר מעהר ניט ווי ארום-געוואשען.

די וועלט איז דאמאלס געווען אין דער בחינה פון קינדער. זייערע הויפטזינד, „גזל, עריות און שפיכת דמים", איז ניט געווען מיט א שיטה, נאר פשוט חיות'דיג. אזוי פיהרען זיך פיער-פיסיגע חיות, און אזוי האבען זיי, צוויי-פיסיגע חיות, זיך געפיהרט.

און אַז עס איז געווען אַ נח, אַ צדיק תמים, וועלכער האָט זיך גע-פיהרט ווי אַ מענש, האָט זיי ניט געאַרט און זיי האָבען איהם ניט גע-פּרובירט איבעררעדען אָדער צווינגען צו לעבען ווי זיי לעבען.

נח׳ן האָט אויך ניט געקימערט ווי זיי פיהרען זיך. אַ באַווייז: ער האָט זיי ניט גע׳מוסר׳ט, אַבי ער זעלבסט איז געגאַנגען מיט גאָט.

„את האלקים התהלך נח״ — לא כתיב: „הלך נח, כ״א התהלך, התפעל — ניט ווי אברהם, וועלכער האָט געקעמפפט פאַר זיינע אידע-אַלען פון גאָט און מענשען-ליעבע.

אַ באַווייז פון זייער טאָלעראַנץ קען מען זעהן פון דעם פאַקט: הונדערט און צוואַנציג יאָהר האָט זיך נח באַשעפטיגט אַרום די תיבה. עס פאַרשטעהט זיך, אַז אין יענער צייט איז דאָס געווען אַ גרעסערער וואונדער וי צב״ש די שיף „לויתן״ היינט. זיינען זיך די מענשען אויפ-געלאָפען זעהען דעם וואונדער, און זיי האָבען איהם געפרעגט: „למה כדין?״ צו וואָס ער מאַכט עס?

האָט ער זיי געענטפערט:

כך אמר מאריה דעלמא דהוא מייתי מבולא על עלמא״.

„אזוי האָט גאָט, דער האַר פון דער וועלט, געזאָגט: ער וועט ברייגען אַ מבול אויף דער וועלט״. (מד״ר פ״ל ס״ז) און פאַר איין וועג, אַנווייזענדיג אויף די גרויסע ארזים, טענענבוימער, וועלכע ער האָט געפלאַנצט צו מאַכען פון זייער האָלץ די תיבה, האָט ער זיי אַריינגע-וואָרפען אַ דבר מוסר, און ער האָט צו זיי אַזוי געזאָגט:

„ריקים! אתם מניחים מי שקולו שובר ארזים ומשתחוים לעץ יבש״, (בר״ר פ׳ ל״א ס״ג). פּוסטיאַקעס! ליידיג-געהער! איהר לאָזט אַוועק דעם, וועמעס קול ברעכט טענענבוימער, „קול ה׳ שובר ארזים״, און איהר בוקט זיך צו אַ טרוקענע שטיק האָלץ.

ווען די באָלשעוויקעס, פאַשיסטען, אָדער נאַצים זאָלען זעהען איינעם בויענדיג אַ שיף, אין וועלכער ער זאָגט, ער וועט זיך ראַטעווען ווען אַ מבול וועט זיי פאַרפלייצען, און הערען אַזעלכע מוסר-ווערטער, וואָלטען זיי איהם געמאַכט אויף אָן אָרט מיט אַ קאָפּ קירצער און ער וואָלט שוין מעהר קיין בוימער ניט פלאַנצען און קיין תיבה ניט מאַכען, ווייל ער איז אַ קאָנטער-רעוואָלוציאָנער.

ווי האָבען זיי געהאַנדעלט?

זיי האָבען קינדיש-נאַאיוו געשמייכעלט און געטריבען ליצנות וועגען נח'ן, רופענדיג איהם: „ביזיא סבא" — מבוזה'דיגער אַלטער. (בר"ר פל"ו ס"ז.)

געהאָפט האָט דער בורא ב"ה, אַז נאָכדעם ווי די שמוץ פון דער וועלט, וואָס די יונגע, ניט-אַנטוויקעלטע „בני האדם" — קינדער-מענשען, האָבען אויף איהר אָנגעוואָרפען, וועט אָראָפּגעשווענקט ווערען, וועט אויפשטעהן אַ נייער, גרויסער דור, אַן אַנטוויקעלטע מענשהייט, וועלכע וועט שוין נעמען זיך אויפפיהרען ווי מענשען. און „טוב" וועט זיין די טאָן-געבערין.

אָבער אין פאַרלויף פון צעהן דורות, פון נח ביז אברהם, האָט דער מענש גאָרניט געלערענט. אמת, ער איז אַנטוויקעלט געוואָרען, אָבער... פאַר שלעכטעם; ער האָט באַקומען מעהר שכל, אידעאַלען, אָבער ער האָט זיך באַנוצט מיט דעם צו קעמפּפען קעגען גאָט. און ווען איינער האָט געוואָלט לעבען און זיך פיהרען ווי ער פאַרשטעהט, האָט מען איהם שוין ניט געלאָזען.

דער דור הפלגה האָט גענומען בויען אַ קאָמוניסטישען מגדל פון „שפה אחת ודברים אחדים", כדי צו צוברעכען גאָט'ס „כסא הכבוד".

דער מלך זייערער האָט זיך אַ נאָמען געגעבען „נמרוד", רעוואָלו-ציאָנער, — נמרוד מלשון מרד, — ערקלערענדיג: ער איז גאָט און זיין קאָמוניסטישע שיטה איז רעליגיאָן, און אַלע מוזען עס אנערקענען. און מען האָט באַשאַפען אַ טשעקא; אַוועקגעשטעלט אין כשדים אַ גרויסען קאַלך-אויוועז, אין וועלכען מען האָט אַריינגעוואָרפען אַלע קאָנטער-רע-וואָלוציאָנערען.

די מלחמה פון רע קעגען טוב, פון רשע קעגען צדק, האָט שוין אָנגענומען אַ שטאַרקען כאַראַקטער.

דאַמאָלס האָט גאָט אַרויסגערופען זיין רעזערוו-אַרמעע: „אבות-אברהם".

„מי העיר ממזרח צדק?" (ישעיהו מ"א פ' ב') ווער האָט אויפגע-וועקט די גערעכטיגקייט, אברהם'ען, דער סמל הצדק? (עיין רש"י ושאר מפרשים שזה קאי על אברהם) און צוליעב וועלכען ציעל? פרעגט דער

נביא. און ער ענטפערט: „יקראהו לרגלו", ער האָט איהם גערופען צו זיין פוס.

„השמים כסאי והארץ הדום רגלי" (ישעי' ס"ו א') דער הימעל איז גאָט'ס שטוהל און די ערד זיין פוס-ביינקעל, אויף וועלכע, כביכול, האַלט זיינע פיס, און צו זיינע פיס, צו זיין ערד, האָט ער איהם אברהם'ען, אַלס זיין רעזערוו-אַרמעע אַרויסגערופען.

און אברהם האָט ערקלערט מלחמה קעגען נמרוד און זיין סעקטע.

„ויקרא **בשם ה'**", און הויך, מוטהיג, העלדיש האָט אברהם, דער אַכט און פערציג יאָהריגער, געטליכער סאָלדאַט, גערופען אין נאָמען פון גאָט; און פון יענעם גרויסען מאָמענט, ווען אברהם האָט פּראָקלאַמירט דעם נאָמען „גאָט" צו דער וועלט ביז'ן היינטיגען טאָג קלינגט נאָך אַלץ די שטימע „בקול גדול ולא יסף.

„**אכן יש אלקים בשמים ובארץ!**" יע, עס איז דאָ אַ גאָט אויפ'ן הימעל און אויף דער ערד! ווינציג מענשען האָבען אין ערשטען מאָמענט דערהערט זיין רוף: „בשם ה'", אָבער וואָס עלטער די וועלט איז געוואָרען, וואָס מעהרער דורות עס זיינען אויף דער וועלט ערשינען, אַלץ מעכטיגער, קלינגענדיגער, הילכיגער, שאַרפער איז זיין שטימע געוואָרען, און אַלץ בעסער האָט די וועלט דערהערט, דערקענט און דערפיהלט אַז:

„אכן יש ה'!" געווים, זיכער איז דאָ אַ גאָט! און —

„ממזרח שמש עד מבואו מהולל שם ה'" פון זון-אויפגאַנג ביז זון-אונטערגאַנג, פון מזרח ביז מעריב, פון צפון ביז דרום ווערט דער נאָמען פון גאָט געלויבט. ביליאָנען מענשען האָבען זיין רוף דערהערט. אין קאַלך-אויווען האָט איהם נמרוד געוואָרפען, אָבער ער איז אַרויס גאַנץ און אונבאַשעדיגט און נאָך פייערדיגער האָט ער גערופען „בשם ה'".

שוין טויזענטער יאָהרען ווי נמרוד'ס דור-הפלגות, קאָמוניסטען, געצען-דינער, און אַלערליי פינסטערע כחות האָבען געקעמפּפט און קעמפּפען און ווילען מיט דער הילף פון פייער און וואַסער, שווערד און פייל, בלוט און טרערען פאַרטויבען אברהם'ס שטימע, אָבער זיי זיינען מאַכטלאָז.

„יתן לפניו גוים", פעלקער האָט ער פאַר איהם געגעבען, „ומלכים ירד", און קעניגען פאַר איהם געמאַכט אונטערטהעניג.

„**יתן כעפר חרבו**", ער האָט זיי ווי שטויב געמאַכט פאַר זיין שווערד, **וכקש נדף קשתו**", און ווי אַ פאַרשטויסענע שטרוי פאַר זיין בויגען. זיין געטליכער שווערד פון צדק, האָט צובראָכען זייערע בלוטיגע שווערדען און זיינע הייליגע, הימעלשע פיילענבויגענס, וועלכע האָבען געשאָסען מיט קוילען פון ליכט, מענשען־ליעבע און מאָראַל, האָבען צו־שאָסען זייערע פינסטערע פעסטונגען און איינגעוואָרפען זייערע מגדלים־טהורעמס.

יע, אברהם האָט געזיגט קעגען נמרוד און זיין סעקטע, און זיין קאַמפף האָבען זיינע זיהן יצחק ויעקב פאָרטגעזעצט.

די רעזערוו־אַרמעע פון „אבות" האָט פעסט אַוועקגעשטעלט דעם „כסא הכבוד" אין דער וועלט, און פאַרזיכערט דעם זכות־הקיום, עקזיס־טענץ־באַרעכטיגונג פון דער וועלט און מענשהייט, אַ וועלט אויף וועלכע דער באַשעפער קען זאָגען: „דין הניין לי" (בר"ר פ"ג ד'), פון דער וועלט בין איך צופרידען.

זעקס דורות זיינען פאַרביי און אַ נייע געפאַהר פאַר דער וועלט'ס עקזיסטענץ האָט זיך באַוויזען, נעמליך:

„מצרים און פרעה".

סדום איז געווען שלעכט. איהר שלעכטקייט איז באַשטאַנען, — אויסער די אַנדערע זינד, וואָס אַלע האָבען דאַן געהאַט, „ע"ז גילוי עריות ושפיכות דמים", — אין דעם, וואָס זי איז געווען עגאָאיסטיש, זי האָט געהאַלטען: „שלי שלי", מיינע באַלאַנגט צו מיר. איך וויל קיינעם ניט אַוועקגעבען מיינס, קיינעם ניט געוואָלט העלפען. מעג יענער שטאַרבען פון הונגער האָט מען איהם קיין שטיקעל ברויט ניט געוואָלט געבען. און אויב ווער האָט געהאַט די העזה צו בעטען הילף פון זיי האָט מען איהם געפייניגט פאַר דעם. צו דערזעלבער צייט האָט זי זיך אויך געהאַלטען ביים כלל, אַז: „שלך שלך", דיינע איז דיינע, און אַז איינער האָט איהר געטהאָן אַ טובה איז זי געווען דאַנקבאַר און איז געווען צופרידען צו באלוינען פאַר דעם.

דאָס קענען מיר זעהן פון דעם: ווען אברהם איז געקומען צו הילף די מלכים פון סדום ועמורה, אדמה וצביים, וועלכע זיינען געווען רשעים, ווי די חז"ל טייטשען אויס זייערע נעמען: ברשע — בר־רשע . . . ברע — בן־רע וכ"ו (בר"ר מ"ה ס"ו).

פונדעסטוועגען האָט דער מלך סדום פאַר דאַנקבאַרקייט געזאָגט צו אברם׳ען: „תן לי הנפש והרכוש קח לך״, איך וועל נאָר נעמען מיינע מענשען, אָבער די גאַנצע גוטס, וואָס מיר האָבען צוגענומען ביי די שונאים אונזערע, געהער צו דיר.

און ווען אברם האָט ניט געוואָלט נעמען האָבען אַלע פעלקער אַלם דאַנקבאַרקייט איהם געקרוינט פאַר זייער מלך. (עיין ר״שי בראשית י״ד, י״ז.)

סדום האָט געהאַלטען אָפיציעל, אַז יעדער איינער איז אַ גלייכער מענש, אַזוי לאַנג ווי ער פאַרלאַנגט ניט פון זיי קיין הילף.

מצרים און פרעה האָבען אַנדערש געהאַלטען. זייער שיטה איז געווען:

„מאַכט איז רעכט״.

אין אַנדערע ווערטער: זיי האָבען איינגעטהיילט די מענשען אין צוויי קלאַסען. איין קלאַס: „מענשען״. די צווייטע קלאַס: מענשישע־בהמות אָדער שקלאַפען״.

מענשען זיינען: „די וועלכע זיינען שטאַרק, מעכטיג, רייך, זאַט און גליקליך״. זיי זיינען די בירגער פון לאַנד. זיי קומט אַלץ. שקלאַפען זיינען: „די שוואַכע, אָרימע, עלענדע״. זיי האָבען זיך גערעכענט אַלס „גרים״ אין לאַנד, ניט געהאַט קיין בירגער־רעכט.

און זיי, די מענשען־בירגער זיינען די הארען אָדער „די אָריער״, און האָבען די רעכט צו טהאָן מיט די גרים־שקלאַפען אַלץ וואָס זיי ווילען, אַזוי ווי מיט זייערע בהמות און חיות.

זיי, די שקלאַפען, דאַרפען בויען פאַר זיי שטעדט און פעסטונגען און טהאָן אַנדערע אַרבייטען, און אויב זיי טוהען ניט דאַרף מען זיי שמייסען ווי בהמות.

מיט פאַראַכטונג האָבען די מצרים געקוקט אויף גרים, ווען זיי האָבען געמאַכט פאַר שקלאַפען. אַזוי האָבען זיי געהאַנדעלט זאָגאַר קעגען די אידישע שקלאַפען, כאָטש זיי האָבען פאַר דער לאַנד אַזוי פיעל גוטעס געטהאָן.

און אַז דער קרעציגער פרעה דאַרף האָבען בעדער פון בלוט פאַר זיין רפואה, קוילעט מען אַלע טאָג דריי הונדערט אידישע קליינע קינדער

און ער באדט זיך רוהיג אין די ווארימע בלוט, און זיין קרעציגע נשמה פיהלט ניט קיין שמערצען. עס איז דאך נאר די בלוט פון שקלאפען, פון צוויי־פיסיגע בהמות.

און ווען ער האט א טובה פון א שקלאף, פיהלט ער ניט קיין הכרת טובה, דאנקבארקייט. וואס הייסט, ער, דער אריער, וועט פיהלען אין זיין בלוי־בלוטיגע בלוט דאנקבארקייט צו א שקלאף?

אזוי זעהען מיר: ווען דער שר המשקים איז א דאנק יוסף׳ס פתרון החלום באפרייט געווארען פון בור האסורים, צוריק געווארען מיניסטער, און יוסף האט איהם אין זיין תמימות געבעטען א טובה, דאס ער זאל איהם דערמאנען פאר פרעה׳ן און איהם ארויסציהען פון בית האסורים.

„כי אם זכרתני אתך כאשר ייטב לך ועשית נא עמדי חסד והזכרתני אל פרעה והוצאתני מן הבית הזה״. (בראשית מ׳ י״ד.)

האט ער זיך ניט וויסענדיג געמאכט.

ולא זכר שר המשקים את יוסף וישכחהו״,

דער שר המשקים האט ניט געדענקט אן יוסף און ער האט אן איהם איגגאנצען פארגעסען.

ווי קומט ער צו פארשמוצען זיין זכרון און געדענקען, האבן אין זינען א שקלאף? און נאך א שקלאף אן עברי?

און ווען פרעה האט געדארפט האבען א פותר חלום, האט ער, דער שר המשקים, זיך דערמאנט אן יוסף׳ן, און פארשטעלענדיג יוסף׳ן האט ער די ערשטע זאך, אזוי ווי ער וואלט זיך ווען ענטשולדיגען, דער־צעהלט:

„ושם אתנו נער עברי עבד לשר הטבחים״,

און דארטען איז געוועזן מיט אונז א יונג, אן עברי, א קנעכט צום שר הטבחים. עס איז אפילו ניט פאסיג צו דערמאנען איהם, אבער וואס קען מען טהאן? אז מען דארף דעם גנב נעמט מען איהם פון דער תליה. ער ווייסט פארט ווי פותר חלום צו זיין, וויל:

„ויהי כאשר פתר לנו כן היה״, און עס איז געוועזן ווי ער האט באשייד אזוי איז געוועזן.

און ווען פּרעה'ן איז דער פּתרון געפעלען געוואָרען און ער האָט געזעהן אַז יוסף איז: „אַ איש אשר רוח אלקים בו", אַ מענש, וועלכער באזיצט אַ געטליכען גייסט און ער קען מאַכען אַ נוץ פון איהם, האָט ער איהם געמאַכט פאַר'ן משנה למלך.

אָבער אויך זייענדיג אַ משנה למלך, מאַכענדיג רייך, מעכטיג און גרויס מצרים, האָט מען אויף איהם געקוקט פון אויבען אַראָפּ. מען האָט ניט פאַרגעסען אַז ער איז אַ גר, אַ שקלאַף, אַן עברי, מיט וועמען עס איז מיאוס, אונווירדיג צו עסען צוזאַמען ביי איין טיש.

„כי לא יוכלון המצרים לאכל את העברים לחם כי תועבה היא למצרים" (בראשית מ"ג, ל"ב).

דאָס איז געווען זייער דאַנקבאַרקייט.

און ווען מצרים איז געוואָרען גרויס און יוסף איז שוין געווען גע־שטאָרבען, דאַן:

„ויקם מלך חדש על מצרים אשר לא ידע את יוסף", איז אויפגע־שטאַנען אַ נייער קעניג, וואָס האָט ניט געקענט יוסף'ן.

זאָגען אונזערע חכמים: אַז דאָס איז געווען דער זעלביגער פּרעה, נאָר ער האָט זיך געמאַכט אַזוי ווי ער קאָן גאָרנישט קיין יוסף'ן. און אַלס דאַנקבאַרקייט האָט ער זיינע ברידער און זיינע קינדער צוריק געמאַכט פאַר שקלאַפען, אַזוי ווי יוסף איז אַמאָל געווען, האָט צוגע־נומען זייערע בירגער־רעכטע, צוריק דעקלאַסירט, פאַרטריבען זיי פון זייערע שטעלעס, צוריקגענומען זייערע פאַרמעגענס, וועלכע ער האָט געהאַלטען אַז עס באַלאַנגט צו איהם. (עיין שמות רבה פ"א ס"ח.)

זאָגענדיג: „הנה עם בני ישראל רב ועצום ממנו",

„זעהט, דאָס פאָלק פון די קינדער ישראל איז גרויס, שטאַרק און רייך", פון וועמען האָבען זיי עס צוגענומען? „ממנו", פון אונז.

ער און די מצריים האָבען ניט געפיהלט קיין דאַנקבאַרקייט צו זיי, ווייל וואָס הייסט דאַנקבאַרקייט־געפיהלען צו שקלאַפען, צו הילפלאָזע ברואים?

„מאַכט איז רעכט", ווער עס האָט מאַכט דער האָט רעכט, און אָהן מאַכט איז מען רעכטלאָז, און דער וועלכער איז אַן אויבער־מענש און

באַזיצט מאַכט האָט די פאָלקאָמע רעכט צו דריקען, פייניגען און פאַר־שקלאַפען די רעכטלאָזע ברואים.

ניט ניטשע און ניט געטהע זיינען די ערפינדער פון דער פילאָזאָפיע אַז: „מאַכט איז רעכט" און מאַכט מאַכט אַ מענשען פאַר אַן אויבער־מענש, נור פרעה.

און די אַרישע פילאָזאָפיע פון דעם בלוטיגען הונד, היטלער, ימ"ש, איז ניט זיינע, נאָר נאָכגעקאָפירט פון פרעה מלך מצרים.

ווי מיר זעהען, האָט אין דער לאַנד מצרים דער כח פון „רע, רשעה און פינסטערניש" זיך אַ סך מעהר געשטאַרקט ווי אין סדום.

און מיר זעהען אויך, אַז אין מצרים איז ניט געווען אַ רעליגיעזע מלחמה ווי ביי נמרוד'ן. פרעה האָט זיך אין דער אמונה פון זיינע שקלאַפען ניט געמישט.

ער זעלבסט האָט געזאָגט וועגען יוסף'ן, אַז ער איז: „איש אשר רוח אלקים בו". און יוסף האָט אויך צו איהם געזאָגט: „אלקים יענה את שלום פרעה". און די אידען אין מצרים האָבען געהאַט זייער טראַ־דיציאָנעלען שבת, אָפּגעהיט זייער שפּראַך, קליידער און מאַראַל, און משה'ס ביטע איז געווען צו לאָזען די אידען געהן אין דער מדבר דינען גאָט.

אָבער פרעה'ס שיטה, ווען זי וואָלט פאַרשפּרייט געוואָרען און גע־לאָזען געוואָרען צו געהן ווייטער, וואָלט זי גאָט'ס וועלט ווידער חרוב געמאַכט. און דאָס, ווי מיר ווייסען, האָט שוין דער בורא ניט געוואָלט.

און ער האָט אַרויסגערופען צום מלחמה־פראָנט די צווייטע רעזערוו־אַרמעע — „ישראל", די קינדער פון די „אבות".

„ואתה ישראל עבדי יעקב אשר בחרתיך זרע אברהם אוהבי". (ישעי' מ"א, ח"י.)

דו, ישראל, ביזט מיין קנעכט. יעקב, דו ביזט וועמען איך האָב אויסערוועהלט, דער זאָמען פון אברהם מיין פריינד.

„אשר החזקתיך מקצות הארץ ומאצילה קראתיך",

וואָס איך האָב דיר אַרויסגענומען פון די עקען פון דער ערד און פון איהרע „אדעלליט?" — פרעה'ס און היטלער'ס — האָב איך דיר אַרויסגערופען.

„ואומר לך עברי אתה בחרתיך ולא מאסתיך",

און איך האָב געזאָגט צו דיר: „מיין קנעכט ביזטו, מיין אַרמעע, איך האָב דיך אויסערוועהלט און דיך ניט פאַראַכטעט".

געה, מיין קנעכט, און ערקלער מלחמה צו די „אצילים", אַרישע אַדעללייט, די פרעה'ס און היטלערס, צוברעך זייער שיטה פון „מאַכט איז רעכט", און לערען דער וועלט אַז:

„גערעכטיגקייט איז מאַכט".

„ניט גבורה איז צדק, נאָר צדק איז גבורה".

אַ שווערע מלחמה וועסטו האָבען, אָבער:

„אַל תירא כי עמך אני", זאָלסט ניט מורא האָבען, ווארום איך בין מיט דיר.

„אל תשתע כי אני אלקיך", זיי ניט פאַרצווייפעלט, ניט נמרוד און ניט לענין, ניט פרעה און ניט היטלער זיינען אימשטאַנד דיר צו פאַרניכטען, גייסטיג אָדער קערפּערליך, ווארום:

„איך בין דיין גאָט".

„אף עזרתיך אף תמכתיך בימין צדקי".

איך שטאַרק דיר און איך העלף דיר און איך לעהן דיר אונטער מיט דער רעכטער האַנד פון מיין גערעכטיגקייט.

דיינע כלי זיין זיינען ניט קיין שווערד און פייל, פייער און בלוט, מאַכט און גוואַלדטהאַט. דיינע כלי זיין זיינען: „גערעכטיגקייט".

„הן יבשו ויכלמו כל הנחרים בך יהיו כאין ויאבדו אנשי ריבך", זעה, פאַרשעמט און צו שאַנד וועלען ווערען אַלע, וועלכע זייער צאָרן ברענט אויף דיר, ווי נישט וועלען ווערען און אונטערגעהן די מענשען וואָס שטרייטען מיט דיר וג"ו.

„כי אני ה' אלקיך מחזיק ימינך, האומר לך אל תירא, אני עזרתיך",

ווארום איך, גאָט, דיין האַר, האַלט דיך שטאַרק ביי דיין רעכטע האַנד, איך בין דאָס דער וואָס זאָגט צו דיר: „האָב ניט מורא, איך העלף דיר".

אזוי האָט דער אלהי הצבאות, דער קאָמאַנדיר פון די אַרמעען, פאַרזיכערט זיין אַרמעע, ישראל, ווען ער האָט איהר אַרויסגערופען פון דער לאַנד מצרים צו דער מלחמה-פעלד, דורך זיין עבד נאמן, משה, און:

„ויהי מקץ שלשים שנה וארבע מאות שנה, (שמות י״ב, מ״א).

און עס איז געווען צום סוף פון פיער הונדערט און דרייסיג יאָהר — פון דער צייט פון ברית בין הבתרים, פון אָפיציעלען בונד, וואָס גאָט האָט געשלאָסען מיט אברהם אַלס זיין רעזערוו-אַרמעע און אין שלאָף געוויזען די אַלע שונאים מיט וועלכע ער וועט דאַרפען פיהרען מלחמה, און פאַר-זיכערט איהם אין דער מחזה:

„אל תירא אברם אנכי מגן לך שכרך הרבה מאד״,

שרעק זיך ניט אברם, איך בין דיין באַשיצער, און דיין לוין פאַר דיין מלחמה פאַר מיר און פאַר מיין כסא הכבוד וועט זיין זעהר גרויס״.

„ויהי בעצם היום הזה יצאו כל צבאות ה׳ מארץ מצרים״,

און עס איז געווען פונקט אין דעם טאָג זיינען אַרויסגעגאַנגען אַלע גאָט׳ס אַרמעען פון דעם לאַנד מצרים.

אָנצוהויבען די מלחמה פון טוב קעגען רע, פון צדק קעגען רשעה, ליכט קעגען פינסטערניש, פרייהייט קעגען שקלאַפעריי, מענ-שען-ליעבע קעגען ברוטאַליטעט, רעכט קעגען מאַכט, גלייכהייט קעגען אויטאָקראַטיע.

איידער די אַרמעע ישראל האָט פאַרלאָזען מצרים אַריינצוטרעטען אין היסטאָרישען קאַמפף, האָט מען זיי אָנגעזאָגט אַ מצוה, וואָס זאָל זיין זייער מאָטטאָ אין לעבען, נעמליך:

„תורה אחת יהיה לאזרח ולגר הגר בתוכם״,

„איין געזעץ זאָל זיין פאַר דעם אַלטען בירגער און פאַר׳ן גר וואָס וואוינט צווישען אייך״. דערצעהלט די תורה:

„ויעשו כל בני ישראל כאשר צוה ה׳ את משה ואת אהרן כן עשו״. (שמות י״א). און אַלע קינדער ישראל האָבען געטהאָן אַזוי ווי גאָט האָט משה׳ן און אהרן׳ען געבאָטען, אַזוי האָבען זיי געטהאָן, ד״ה, באַלד אויפ׳ן אָרט, אין מצרים, פאַר׳ן אַרויסגעהן, האָבען אידען די תורה פראַקטיצירט, ביי דער פייערונג פון קרבן פסח, ווארום מיט דער באַ-

פרייאונג פון אידען זיינען אויך אַנדערע שקלאַפען פון אַנדערע פעלקער באַפרייט געוואָרען, ווי דער פסוק דערצעהלט:

„וגם ערב רב עלה אתם", און אַ סך געמישט פאָלק איז אַרויס-געגאַנגען מיט זיי.

דערצעהלט די תורה ווייטער, אַז דאַמאָלס, ווען גאָט האָט געזעהן אַז די אידען האָבען אַזוי געטהאָן, אַנערקענענדיג די לעהרע פון „תורה אחת יהי' לאזרח ולגר הגר בתוכם".

„ויהי בעצם היום הזה הוציא ה' את בני ישראל מארץ מצרים על צבאותם. (שם פ' נ"א.)

„און עס איז געוועזן געגני אין יענעם טאָג, דאָס גאָט האָט אַרויס-געבראַכט די קינדער ישראל פון לאַנד מצרים מיט זייערע אַרמעען".

ד"ה, יעצט קען ער זיך אויף זיי פאַרלאָזען, אַז זיי וועלען זיין גוטע סאָלדאַטען, צו פיהרען מלחמה פאַר צדק און יושר.

ווען די צבאות ה' זיינען אַרויסגעגאַנגען פון מצרים האָט זיי גאָט ניט פאַרזיכערט, אַז זייער וועג וועט זיין געשפרייט מיט רויזען און בלומען. פאַרקערט, ער האָט זיי געוויזען ווי שווער זייער מאַרש וועט זיין. עס וועט זיי פיעל מאָל אויסקומען אַדורכצוגעהן „רויטע ימים" פון בלוט, — „הים סוף נקרא הים האדום („רעד סיע") ניט פון פרעמדע בלוט, נאָר פון אייגענע בלוט.

אָבער איין זאַך האָט מען זיי פאַרזיכערט: אַז דערטרונקען וועלען זיי ניט ווערען, ווייל ווען זיי וועלען שוין זיין ביז'ן נאָז אין וואַסער אָדער בלוט (עיין שמ"ר פ' כ"א ס"י).

„דאַן וועט גאָט געבען זיין „מטה אלקים", געטליכען שטעקען, געט-ליכען סצעפטער אין דער האַנד פון אַ משה, וועלכען ער וועט אין יעדען דור אויסערוועהלען פאַר זיין שליח".

און דער משה וועט שפאַלטען דעם ים און איהר, ישראל, וועט אַדורכגעהן און די פרעה'ס מיט זייערע אַרמעען וועלען ווערען דער-טרונקען.

איהר זאָלט אויך ניט מיינען דאָס ווען איהר וועט שוין אַריבער דעם רויטען ים זייט איהר שוין געקומען אל המנוחה. ניין, דאַן וועט

אייך אויסקומען צו קעמפפען אין אַ מדבר, אין אַ מדבר העמים, אַרומ־געריגנעלט פון נחשים ועקרבים, שלאַנגען און עקדישען.

און ווען עס וועט זיין „יומם״ - טאָג, ווען עס וועט זיין פאַר אַלעמען טאָג, ליכטיג, וועלען די פרעה׳ס און מצריים און אַנדערע רשעים איינ־וויקלען אייך אין אַן „עמוד הענן״, אין אַ פינסטערען וואָלקען־זייל, פון גזירות, געטאהס, צונעמען אייערע פרנסות א. ז. וו.

און „לילה״, ווען אויך ביי זיי וועט זיין נאַכט, פינסטער, קריזיסען, דעפּרעסיעס, מלחמות, רעוואָלוציעס און זאָ ווייטער, וועלען זיי אַרום אייך אָנצינדען אַן „עמוד אש״, פייער־זייל, פון פּאָגראָמען, רציחות, שאַנד־טהאַטען און גרושים.

אָבער איהר, מיינע אָרמעען, זאָלט ניט זיין פאַרצווייפעלט, ווייל איהר זאָלט וויסען און געדיינקען אַז :

„וה׳ הולך לפניכם״,

אַז איך, אייער גאָט, געה אימער פאַר אייך, איך היט אייך. אַנדערע אָרמעען, ווען זיי פיהרען אַ מלחמה, שטעהט יעדער איינער אין געפאַהר צו ווערען פאַרניכטעט אויב ער זאָל ניט זיין דער זיגער. ביי אייך איז אַנדערש. זיי קענען אייך פייניגען, אָנטהאָן צרות, אָבער באַזיגען אייך, קיינמאָל ניט!

ניט אַליין וועט איהר די מלחמה פיהרען. איך וועל אייך אין דער מדבר פאַרבינדען מיט מיין אייביגער אונפאַרענדערטער, אונבעזיגבאַרער תורה און צוזאַמען וועט איהר געהן.

איך וועל אויך פאַר אייך בויען דעם „מקדש״.

„ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם״, אין וועלכען איך וועל רוהען, כדי צו זיין נעהענטער, כביכול, צו אייך ; אויך דער מקדש פון וואַנען עס וועט אַרויסגעהן מיין לעהרע, מיינע אידעאַלען, און פון וואַנען עס וועט אַרויסשיינען מיין שכינה. איז איינער פון מיינע רעזערוו־אָרמעען אין דער מלחמה פון ט ו ב קעגען ר ע, פון צ ד ק קעגען ר ש ע.

דער בית המקדש וועט זיין אייער פעסטונג, אייערע טרענטשעס, אין וועלכע איהר וועט זיך באַשיצען, וואו איהר וועט זיך באַהאַלטען. אין משכן, מקדש, שוהלען, ישיבות, בתי מדרשים און תלמוד תורות, וועט איהר קריגען אייער מוטה, גבורה און גייסטיגע אַמוניציע.

איהר, אַלע מיינע צבאות: „אבות — זכות אבות, ישראל, תורה און מקדש", וועלען זיך אין מדבר אָרגאַניזירען און קיין מאַכט וועט אייך ניט קענען באַזיגען.

זעקס טעג אין סיון האָבען זיך תורה וישראל פאַרבונדען ביים באַרג סיני.

און אין יענעם טאָג האָבען אַלע פעלקער ערקלערט מלחמה צו ישראל און תורה. אַלס אַ סימבאָל צו דעם, ערקלערען אונזערע חכמים, זיינען די נעמען פון באַרג ביי וועלכען דער בונד איז געשלאָסען געוואָרען.

דער באַרג רופט זיך „סיני" און „חורב". „סיני" רופט ער זיך, ווייל: „שירדה שנאה לעולם", ווייל אין דער וועלט האָט אַראָפּגענידערט אַ שנאה, פיינדשאַפט צו ישראל און צו דער תורה. „חורב" רופט ער זיך, ווייל: „שירד חורבן לעולם", פון דאַן אָן איז אַראָפּ אַ חורבן צו ישראל און תורה אין דער וועלט. די וועלט וויל אומעדום און שטענדיג דורך איהר שנאה אונז חרוב מאַכען.

אין אַ מלחמה איז דער שטייגער, דאָס אַמאָל באַפאַלט דער אַטאַקי-רענדער שונא איין פליגעל, אַמאָל אַ צווייטען, וועלענדיג דורך דעם אויס-געפינען דעם שוואַכען פונקט פון פראָנט, וואו עס וועט איהם זיין גרינגער דורכצוברעכען און זיעגען. און די וועלכע פאַרטהיידיגען זיך ווען זיי זעהען אַז דער שונא נעמט שטאַרק אַטאַקירען אין איין פלאַץ ציהען זיי צו די אַרמעען פון אַנאַנדער פליגעל, כדי זיך צו פאַרפעסטיגען. און ווען דער אַטאַקירער זעהט אַז דאָ איז איהם אונמעגליך דורכצוברעכען, דאַן באַמיהט ער זיך צו באַפאַלען דעם צווייטען פליגעל. און דער פאַרטהיי-דיגער ציהט ווידער אַריבער פאַרשטאַרקונג פון ערשטען פליגעל.

ביז ענדליך, ווען דער שונא זעהט אַז אַטאַקירענדיג דאָ אויף איין פליגעל, דאָ אויפ'ן צווייטען, וועט ער גאַר ניט אויספיהרען; פאַרקערט, דאָס שוואַכט איהם אָפּ, באַשליסט ער צו מאַכען אַ גענעראַלנע אַטאַקע אויף אַלע פראָנטען. דאָס רופט זיך: „די אַנטשיידונגס-שלאַכט".

דאָס זעלבע האָט פאַסירט ביי אונז אין גאַנצען לויף פון אונזער היסטאָריע.

דאָ איז מען באַפאַלען איין פראָנט, דאָ אַ צווייטען, און ווען איין פראָנט איז שוואַך געוואָרען איז די אַרמעע פון צווייטען פראָנט גע-קומען צו הילף.

נבוכדנצר מלך בבל האָט ערקלערט מלחמה קעגען „ישראל”, פאַר־ברענט איהר פעסטונג, דעם בית המקדש, חרוב געמאַכט איהר לאַנד. און די איבערגעבליבענע פון ישראל האָט ער פאַרטריבען קיין בבל, גלוי־בענדיג אַז אין בבל וועלען זיי אין צייט פאַרשווינדען. אַזוי וואָלט טאַקע פּאַסירען.

איז די „תורה” געקומען ישראל׳ן צו הילף, און אין בבל איז גע־שאַפען געוואָרען דער שטאַרקסטער פעסטונג וואָס אַ פאָלק האָט אַמאָל געהאַט, אָדער וועט האָבען — דער „תלמוד בבלי”.

דאָס גלייכען איז געווען מיט רוים. זי האָט געוואָלט פאַרניכטען ישראל׳ן, איז די תורה געקומען אין דער געשטאַלט פון „ישיבת יבנה” מיט איהר גענעראַל ר׳ יוחנן בן זכאי און ישראל׳ן געראַטעוועט. יון האָט געוואָלט ברעכען דעם „תורה פראָנט”, און אויך פאַרשוועכען דעם היי־ליגען פעסטונג בית המקדש, צו ישראל׳ן האָט ער גאָר ניט געהאַט, איז אויפגעשטאַנען ישראל אונטער דער פיהרערשאַפט פון זיינע גענעראַלען, די חשמונאים, און געקומען דער תורה און דעם בית המקדש צו הילף. אַזוי כסדר, אין אַלע צייטען און אין אַלע ווינקלען פון דער וועלט.

לעצטענס האָבען מיר געהאַט אַ צאַר, וועלכער האָט געוואָלט פאַר־ניכטען ישראל׳ן. רעליגיאָן האָט די צאַרישע מלוכה צופיעל ניט גע־טשעפּעט. איז די תורה געקומען צו הילף: ישיבות, שוהלען, בתי מדרשים און חדרים זיינען געווען פול מיט לומדי תורה. און ישראל האָט זיך געהאַלטען פעסט.

היינט פאַר אונזערע אויגען ווערט געפאָכטען: „די לעצטע גע־נעראַל-שלאַכט”, פון אונזערע שונאים קעגען אונז. און דארום איז זי אויסגעשפּרייט אויף אַלע פראָנטען. דער טייוועל האָט דערפיהלט אַז זיין לעצטע שעה איז געקומען. אַ ליכט נעמט שיינען אויף׳ן אידישען הימעל, ליכטיג צו מאַכען אויך די גאַנצע וועלט, און ער האָט אַוועקגעשטעלט אַלע זיינע מלאכי חבלה אויף׳ן שלאַכטפעלד, מיט אַלע מיני כלי זיין.

אין דער באָלשעוויסטישער רוסלאַנד, אַ זעקסטע חלק וועלט, האָט ער אַנגעשטעלט זיינע קאַנאָנען קעגען דער „תורה”. ישראל׳ן טשעפּעט ער ניט דאָרטען, ער וויל זיי זאָגאַר אַ לאַנד אַן אייגענע געבען, בירא־בידזשאַן, וואו זיי וועלען קענען עסען חזיר פלייש פון אייגענע אויס־געהאָדעוועטע חזירים׳לאַך.

און אויף דעם צווייטען פראָנט: פוילען, ליטע, רומעניע . . . ווערט געפיהרט אַ פאַרניכטונגס־מלחמה קעגען ישראל. אין פוילען ווערען איידעל מיט זיידענע הענטשקעס דערשטיקט און דערוואָרגען עקאָנאָמיש מיליאָנען אידען, ליידענדיג אונבאַשרייבליכען נויט, ניט טאָרענדיג אַפילו קיין געשריי אַרויסלאָזען פאַר דער וועלט געגען די וועלמאַזשנע פאַנס. אָבער צו דער תורה האָט מען גאָרניט. דער רוח התורה והיהדות איז שטאַרק אין פוילען, ליטע, וועלכע גיט זיי צו מוטה און שטאַרקייט אַדורכ־צוטראָגען זייער ביטערען לעבענסקאַמפף.

אויף די אידען פון ליטע און פוילען קען געזאָגט ווערען דוד המלך׳ס ווערטער:

„לולא תורתך שעשועי אז אבדתי בעניי״. (תהלים קי״ט, צ״ב)
„ווען ניט דיין תורה וואָלט מיר ערפרעהען, וואָלט איך שוין לאַנג פאַר־לאָרען געוואָרען אין מיין אָרימקייט״.

אויך אין די פרייהייטס־ליבענדע לענדער, ווי אַמעריקע, ענגלאַנד, פראַנקרייך, איטאַליע און זאָ ווייטער, איז אונזער סכנה גרויס. אמת, פון אויסוויינינג האָבען מיר ניט קיין מלחמה. די ממשלות און אויך די בירגער זיינען גוט צו אונז אידען און צו אונזער תורה. מיר זיינען ב״ה פרייע בירגער, האָבען אַלע רעכטע, עקאָנאָמיש; מעגען אויך לערנען תורה, דינען גאָט און היטען די מצוות פיעל מיר ווילען, אונ־געשטערטערהייט. אָבער די סכנה פאַר אונזער פראָנט קומט צו אונז צום באַדויערען פון אינוויינינג. מלחמות ווערען פאַרלאָרען ניט אַזוי פיעל דורך דעם וואָס עס פעהלט סאָלדאַטען אָדער אַמוניציאָן, ווי דורך דעם וואָס די אַרמעע פאַרלירט איהר מוטה, איהר רוח גבורה, ווערט אַפּאַטיש, און נעמט אַנטלויפען פון די רייהען. דאָס זאָגט מען איז געוועזען די אורזאַכע וואָס רוסלאַנד און דייטשלאַנד האָבען פאַרלאָרען די מלחמה, אין דער וועלט מלחמה, און דעם צאַרס און דעם קייזערס טהראָנען זיינען צושמעטערט געוואָרען.

דאָס זעלבע מיט אונז אין די פרייע ליבעראַלע, דעמאָקראַטישע לענדער. די אידישע אַרמעע, דער אידישער פראָנט, וועלכער האָט אונטער די שווערסטע באַדינגונגען אין גלות געקעמפפט מוטהיג, העל־דיש, פאַר איהר גאָט, תורה, אידישקייט און אידישען נאַציאָנאַלנעם שטאַלץ, איז געוואָרען אַפּהענדיג, אַפּאַטיש צו אַלעם וואָס איז הייליג; און דער גרעסטער שונא פון יודענטהום — עם הארצות — אונוויסענהייט,

האָט זיך אַרויפגעכאַפּט אויפ׳ן טהראָן און מאַכט אָן שרעקליכע חורבנות אין אונזערע רייהען. פינף און זיבעציג פּראָצענט פון אידישע קינדער אין אַמעריקע קריגען קיין אידישע ערציהונג, זיינען פאָלקאָמע עמי הארצים. און פון די פינף און צוואַנציג, וואָס האָבען יע אַ אידישע ערציהונג, איז דאָס אויך נאָר אויפ׳ן שפּיץ גאָפּעל. אויסער אַ קליינער פּראָצענט אין די ישיבות, וועלכע לערנען תורה, אמת׳ע תורה; די חומות התורה, די תורה-פעסטונגען שאָקלען זיך, זייער עקזיסטענץ וואַקעלט זיך יעדען טאָג פון יאָהר, און שטעהען בנס.

די בתי מקדש פון גלות, די שוהלען און בתי מדרשים זיינען פּוסט, ליידיג, קוים אַ מנין פון קדישים. די גרעסטע טהייל פון זיי ווערען חרוב דורך די שווערע „משכנות״-מאָרטגיידזשעס, וואָס זיי האָבען אויף זיך. ס׳איז מקוים געוואָרען די רייד פון אונזערע חז״ל: „משכן״, דארום רופט ער זיך משכן, „שנתמשכן בעבור עוונותיהם של ישראל״, ווייל ער איז פאַר׳משכנ׳ט געוואָרען דורך די אידישע זינד, דורך אידישע קאַלטקייט, אַפּאַטיע, הפקרות און איבערהויפּט עם הארצות. די צבאות בני ישראל אַנטלויפען פון מלחמה פראָנט, מען אַסימילירט זיך, און ווען אפילו ניט אמת׳ע אַסימילאַציאָן אַנטלויפט מען פון אידען און פון אידישע הייליגטהימער.

„דרכי ציון אבלות מבלי באי מועד״ (איכה, א׳ ד׳)

די אויסגעצייכענטע אידישע וועגען, די וועגען פון די שוהלען און בתי מדרשים, תלמוד תורות, חדרים און ישיבות זיינען פאַרוויסטעט, קיינער באַזוכט זיי ניט. יע, גרויס איז די סכנה, איצטער, אויף אַלע אידישע פראָנטען.

אָבער ניט פאַרצווייפעלט, ברידער, עס איז דאָ נאָך אַ רעזערוו-אַרמעע, וועלכע קומט צום פראָנט אין גיכען, צו העלפען ניט נאָר ביי-צושטעהן די אַלע שונאים, נאָר זאָגאָר זיי אַלעמען צו באַזיגען, פאַר אונזער גליק און פאַר זייער גליק.

די רעזערוו-אַרמעע, וועלכע קומט, רופט זיך: „משיח״. און די יעניגע, וועלכע האָבען ליכטיגע אויגען, קענען זעהן זיינע פיס-טריט אויף די בערג פון ציון און ירושלים. „מה נאוו על ההרים רגלי מבשר״, ווי שעהן זיינען אויף די בערג די פיס פון מבשר. און די וועמענס אויערען זיינען ניט פאַרשטאָפּט מיט גלות-וואַטע, קענען הערען זיין

„שלום”, ווי ער באגריסט די אַלע געטליכע אַרמעען. זיין גוטע בשורה, וועגען הילף. „מבשר טוב משמיע ישועה”. זיין אָנזאָגען צו ציון: „עס קעניגט דיין גאָט!”

„אומר לציון מלך אלקיך!” (ישעי׳ נ״ב ז׳)

און פון אַלע לענדער, פון אַלע מלחמה פראָנטען, פון אַלע שלאַכט־פעלדער ציהען זיך די צבאות בני ישראל, די אידישע געטרייע אַרמעען. אויף אַלע וועגען געהען זיי, אויף אַלע ימים שווימען זיי. פול מיט פרייד און האָפנונג. „שמחה לארצך וששון לעירך”. ארץ ישראל איז פול מיט שמחה און ירושלים מיט ששון. אין דער צייט וואָס אַלע לענדער און שטעדט זיינען פול מיט אומעט און שרעק פאַר׳ן מאָרגענדיגען טאָג.

באַלד, באַלד, במהרה בימינו, וועט ערפילט ווערען די אידישע תפלה פון טויזענטער יאָהרען:

„ובכן תן כבוד ה׳ לעמך, תהלה ליראיך ותקוה טובה לדורשיך ופתחון פה למיחלים לך, שמחה לארצך וששון לעירך וצמיחת קרן לדוד עבדך ועריכת נר לבן ישי משיחך במהרה בימינו”.

גיב כבוד צו דיין פאָלק, לויב צו דיינע פורכטער, און אַ גוטע האָפענונג צו דיינע פאָרשער, און מוטה אַ מויל צום עפענען, צום ריידען, צו די וואָס האָפען צו דיר. ברייננ זיי מיט שמחה צו דיין לאַנד און מיט פרייד צו דיין שטאָדט, און אַ שפּראָצונג פון הערשאַפט צו דוד דיין קנעכט, און פאַרפערטיג אַ דערלייכטונג צום זוהן פון ישי, דיין גע־זאַלבטען.

אויך די ערשטע תפלה וועט מקוים ווערען: „ובכן תן פחדך ה׳ אלקינו על כל מעשיך ואימתך על כל מה שבראת וייראוך כל המעשים וישתחוו לפניך כל הברואים ויעשו כולם אגודה אחת לעשות רצונך בלבב שלם”.

גאָט אונזער גאָט, גיב דיין פחד אויף אַלע דיינע ווערק, און דיין פורכט אויף אַלעם וואָס דו האָסט באַשאַפען. זאָלען פאַר דיר זיך פורכטען אַלע דיינע ווערק, און זאָלען זיך פאַר דיר בוקען אַלע דיינע באַשעפעניש, און זאָלען אַלע מאַכען איין בונד צו טהאָן דיין רצון מיט׳ן גאַנצען האַרצען.

און ווען אַלע באַשעפעניש גאָט׳ס וועלען פאַר איהם זיך פורכטען, און אַלע פעלקער וועלען געבען כבוד צו גאָט׳ס פאָלק, דאַמאָלס:

„ובכן צדיקים יראו וישמחו וישרים יעלזו, וחסידים ברנה יגילו ועולתה תקפץ פיה, וכל הרשעה כולה, כעשן תכלה כי תעביר ממשלת זדון מן הארץ״.

די צדיקים וועלען זעהן און זיך פרעהען, און די ערליכע וועלען ענטציקט זיין און די חסידים וועלען מיט געזאַנג זיך פרעהען, און אונרעכט וועט ווערען פאַרשטומט, און אַלעס בייזעס וועט ווי רויך פאַרשווינדען, און געוואַלד-הערשאַפט וועט פאַרניכטעט ווערען פון דער ערד.

דאַמאָל, ווען טוב וועט באַזיגען רע, — צדק — רשע, וועט די וועלט באַקומען איהר תיקון, וואָס איז איהר אָנגעצייכענט געוואָרען ביי ששת ימי בראשית, און „ותמלוך אתה ה׳ לבדך על כל מעשיך, בהר ציון משכן כבודך, ובירושלים עיר קדשך וכ״ו.״

וועט גאָט אַליין קעניגען איבער אַלע זיינע ווערק אויף דעם באַרג ציון, זיין הערליכע וואָהנונג, און אין ירושלים, זיין הייליגע שטאָדט. דאַן וועט אַ שטימע קלינגען איבער דער וועלט אויסרופענדיג:

שאו שערים ראשיכם והנשאו פתחי עולם ויבא מלך הכבוד! הויבט אויף טהויערען אייערע קעפּ און ערהויבט אייך איהר אַלטע טהירען, איהר אַלטע, סודות׳דיגע, מיסטעריעזע טהויערען און טהירען, וועלכע האָבען פאַרשלאָסען די סודות פון גאָט׳ס הנהגה אין דער וועלט, איבערהויפט זיין הנהגה צו זיין אויסגעוועהלטען פאָלק ישראל. הויבט זיך אויף! עפענט זיך! אום עס זאָל אַריינקומען דער געעהרטער קעניג.

און די וועלט וועט פרעגען:

„מי זה מלך כבוד?״ ווער איז דאָס דער געעהרטער קעניג?

און דער געטליכער בת קול וועט ענטפערען:

„הי עזוז וגבור ה׳ גבור מלחמה״.

דער שטאַרקער און מעכטיגער גאָט, גאָט דער קריגס־העלד.

ווידער וועט די שטימע אויסרופען:

„שאו שערים ראשיכם ושאו פתחי עולם ויבא מלך הכבוד!"

הויבט אויף טהויערען אייערע קעפּ! הויבט זיך איהר עוויגע, אַלטע טהירען! אום עס זאָל אַריינקומען דער געעהרטער קעניג.

„מי הוא זה מלך הכבוד?"

זוער איז דער געעהרטער קעניג?

„ה' צבאות", גאָט פון די אַרמעען, וועלכע ער האָט באַשאַפען ביים „בראשית": „תורה, אבות, ישראל, מקדש און משיח", וועלכע האָבען אַזוי העלדיש, מסירת־נפש'דיג געקעמפפט פון „בראשית" ביז היינט, אום פעסט אָוועקצושטעלען זיין „כסא הכבוד" אין דער וועלט, פאַר דער גאַנצער מענשהייט. „הוא", — ער, דער „מלך הצבאות", וועט פון יעצט אָן אנערקענט ווערען פון אַלע זיינע באַשעפעניש אַלס „מלך הכבוד", דער געעהרטער קעניג „סלה" אויף אייביג.

דאַמאָלס וועט מען ניט קרעכצענדיג, זיפצענדיג מיט אַן אַי,־אַי־אַי־ניגון, ווי מיר אידען טהוען היינט אין גלות, נאָר מיט פרייליכע, ענטציקענדע, טרואומפירענדע געזאַנגען וועט די גאַנצע מענשהייט אויסרופען:

„המלך! יושב על כסא רם ונשא!"

דער מלך הכבוד זיצט אויף איין הויכען און דערהויבענעם שטוהל! בב"א.

הערה: דרשנים יכולים להשתמש בקאפיטעל מ"ז תהילים שאומרים קודש תקיעת שופר, המתאים מאד לדרוש הזה, ולא רציתי להאריך יותר.

דרוש ג׳ לפ׳ בראשית

חשיבות התורה

דעם מדרש רבה׳ס ערשטע דרשה אויפ׳ן ערשטען וואָרט פון דער תורה — בראשית.

דעם חפץ חיים׳ס זצ״ל אַ משל וועגען חשיבת התורה.

רבי הושעיה רבה פתח: ואהיה אצלו אמון ואהיה שעשועים יום יום. די תורה דערצעהלט: איך בין ביי איהם ערצויגען געוואָרען, איך בין אימער זיין פארגעניגען געווען און האָב איהם צו יעדער צייט פרעהליך געמאכט.

מיט דעם פסוק „פתח ר׳ הושעיה רבה״, האָט דער גרויסער רבי הושעיה אָנגעפאנגען זיין „מדרש רבה״, זיינע וואונדערליכע דרשות, אין וועלכע ער אַנטפלעקט פאַר אונז אַלע סודות פון כביכול, גאָט, מלאכים און וועלט, די סודות פון דער נאַטור, פון מענשען, גוטע ווי שלעכטע, און פון אַנדערע באַשעפענישען. דאַ פליהט ער מיט אונז אַרויף אויף זיינע דרוש-פליגלען אין די הימלען און לאָזט אונז הערען גאָט׳ס רייד, ווי ער רעדט זיך אַדורך מיט מלאכים, נביאים און מענשען, ניט נאָר מיט צדיקים, זאָגאַר אויך מיט רשעים, וועלכע ער רופט צו זיך, בעטענדיג זיך ביי זיי: „חזור בך״, האָב חרטה! קום צוריק! און דאַ פליהט ער מיט אונז אַוועק אין דער פאַרגאַנגענהייט פון טויזענטער יאָהרען ביים אָנפאַנג „בראשית״, ווייזענדיג אונז ווי אַזוי, בכיכול, גאָט איז געזעסען ביי זיין וואַרשטאַט און געמאַכט די וועלט, אָדער ביים פורעם און אויסגעפורעמט דעם מענשען.

און דאַ גרונטעוועט ער זיך מיט אונז אין זיינע טיעפע דרשות צו די אָפגרונדען פון דער וועלט, צום תהום פון דער מענשליכער נשמה, אַנט-פלעקענדיג פאַר אונז אַלעם וואָס עס געפינט זיך ביי איהר אויפ׳ן דנאָ.

און דאַ ווערען מיר אויף זיינע דרוש-כוואַליעס געטראָגען איבער ים׳ען, פון איין עק וועלט צו דער צווייטער. אָדער מיר לאָזען זיך אַראָפ אין די טיעפענישען פון די ימים און ברייגען אַרויף חכמה - דימאַנטען, בינה-בריליאַנטען און מאַראַלישע פעריל.

וואָרום ר׳ הושעיה רבה האָט אָנגעפאַנגען דעם מדרש מיט דעם פסוק זיינען דאָ פיעלע ערקלערונגען. (עיין שם במפרשים על המדרש.)

נאָך מיין מיינונג האָט דער מדרש אָנגעפאַנגען מיט דעם פסוק, ווייל ער האָט געוואָלט אָנפאַנגען מיט דער גרעסטער, וויכטיגסטער, חשוב־סטער זאַך וואָס גאָט פאַרמאָגט.

ער האָט ניט אָנגעפאַנגען מיט די הימלען, ערד, וואַסערען, בערג און היגלען, וועלכע זיינען באַשאַפען געוואָרען ביים בראשית. וואָרום וואָס זיינען הימלען ביי גאָט, וועלכע ער מאַרקירט אוים מיט אַ שפאַן? „ושמים בזרת תכן" (ישעיה מ׳ י״ב) און וואָס איז די ערד, וועלכע ער מעסט איהרע שטויב אין אַ מאָס? „וכל בשליש עפר ארץ". וואָס זיינען די וואַסערען ביי איהם, וועלכע ער מעסט אין זיין הויפען? „מי מדד בשעלו מים?" און וואָס פאַר אַ ווערדע האָבען די בערג, וועלכע ער וועגט אויפ׳ן וואָג, און די היגלען, וועלכע ער וועגט אויפ׳ן וואָגשאָל, „ושקל בפלס הרים וגבעות במאזנים".

ר׳ הושעיה האָט זאָגאַר ניט אָנגעהויבען מיט אַ דרשה וועגען מענשען און פעלקער. וואָרום אויך זיי, וואָס זיינען זיי קעגען גאָט? ווי אַ טראָפען פון אַן עמער, ווי די שטויב פון וואָגשאָלען. „הן גוים כמר מדלי וכשחק מאזנים נחשבו", (שם).

איין זאַך איז דאָ אויף גאָט׳ם וועלט, וועלכע איז חשוב, און דאָס איז: „די תורה".

און די חשיבות התורה ווערט אויסגעדריקט אין דעם אויבענדער־מאָנטען פסוק:

איך וועל דאָ איבערגעבען אַ געדאַנק וועגען חשיבת התורה, וואָס איך האָב געהאָט די זכיה צו הערען פון חפץ חיים זצ״ל, אין איינעם פון זיינע מוסר חיזוקים וואָס ער פלעגט זאָגען פאַר די בני הישיבה, אין ראַדען.

ערקלערענדיג עס מיט פאָלגענדען ציור: אַ קליינע מטבע, אַ גראָשען אָדער אַ קאָפּיקע, איז ביי אַן אָרימאַן חשוב. ווען ער זאָל עס דערזעהן אין גאַס וועט ער מיט שמחה זיך איינבייגען און אויפהייבען. אָבער אַ גביר פון צעהנדליגער טויזענטער וועט צוליעב אַזאַ קליינע מטבע זיך ניט באַמיהען איינצובייגען און אויפהייבען. וואָס פאַר אַ צורה האָט ביי איהם אַ גראָשען אָדער אַ קאָפּיקע? ער וועט זיך אָבער באַמיהען אויפצוהייבען אַ רובעל אָדער אַ פינף־רובעלדיגען.

א מיליאָנער ווי רויטשילד וועט אזא מטבע אויף פאַרבייגעהן, עס וועט איהם גאָרניט פאַסען; פאַר אַ גרעסערע מטבע וועט ער זיך שוין יע אָנשטריינגען.

דאָס זעלבע מיט היטען געלט. אַן אָרימאַן וועט זיין רובעל היטען מיט אַ שמירה מעולה, אָבער ניט רויטשילד; אָבער אַ גרויסען סכום געלט אָדער אבנים טובות ומרגליות וועט שוין רויטשילד גוט אָפּהיטען און זיי פאַרשליסען אין זיין אוצר, אייזערנער קאַסע, כאָטש צופיעל זיך ריהמען מיט דעם וועט ער ניט; ווי איז אָבער ווען ער האָט אַ ברילִיאַנט. וועלכער איז אַ יקר-המציאות, איינער אין דער גאַנצער וועלט, וועט ער עס ניט נור גוט היטען, ער וועט זאָגאַר זיך ריהמען און שטאָלצירען מיט דעם. אַ קלייניגקייט, ער באַזיצט אַזאַ גרויסען אוצר! ער וועט ביי יעדער געלעגענהייט זיך שפּילען מיט דעם, זיך פרעהען און ריהמען.

הקב"ה איז דער גרעסטער עשיר אין דער וועלט: „לי הכסף ולי הזהב נאום ה' צבאות", (חגי ב' ח') „צו מיר געהערט דאָס זילבער, אויך מיר געהערט דאָס גאָלד! זאָגט גאָט פון די אָרמעען". אָבער זיי האָבען ביי איהם ניט קיין חשיבות.

אָבער איין חשוב'ן אוצר פאַרמאָגט גאָט, מיט וועלכען ער שטאָל-צירט, מיט וועלכען עס שפּיעלט זיך, וועלכער פאַרשאַפט איהם גרויס פרייד און פאַרגעניגען טאָג-טעגליך. דאָס איז די תורה הק', ווי עס שטעהט געשריבען: ואהיה אצלו אמון ואהיה שעשועים יום יום משחקת לפניו בכל עת" (עכ"ל ה"ק). און דארום האָט דער גרויסער דרשן ר' הושעיה די ערשטע דרשה זיינע ביים ערשטען וואָרט „בראשית" אָנגע-הויבען מיט אַ דרשה פון אויבען-דערמאָנטען פסוק וועגען חשיבות התורה.

און מיר דרשנים פון אַלע דורות, וועלכע טרינקען פון זיין גרויסען מדרש-קוואַל, און מאַכען אָנטרינקען דאָס פאָלק מיט די טאָניקס און לעבענס-עלעקסירען פון זיין קוואַל, דאַרפען געהן אין זיינע פיס-טריט און פון אַלע אונזערע דרשות דאַרפען די ערשטע זיין: „דרשות וועגען תורה".

און די ערשטע געדאַנקען צו פאַרנעמען דעם פּלאַץ אין דעם אידענס האַרץ און נשמה,

„ושמתם את דברי אלה על לבבכם ועל נפשכם",

דאַרף זיין וועגען תורה, אַליין לערנען און זיינע קינדער לערנען; און שעצען, שטיצען און הערליך האַלטען די ת"ח, וועלכע האָבען זוכה געווען צו זיין עשירים מיט תורה-עשירות.

ווארום אזוי ווי צו גאָט אזוי אויך צו דער וועלט און צו די מענשען, וועלכע פאַרשטעהען תורה, ליעבען תורה און שטרעבען צו תורה, ברייננגט די תורה אין אַלע דורות פרייד און פאַרגעניגען, ווי די תורה זעלבסט זאָגט:

„משחקת בתבל ארצו ושעשועי את בני אדם" (שם ל"ב)

„איך מאַך אויך יעצט פרעהליך אויף זיין ערדישער וועלט די מענשען ביי ועמען איך בין אַ פאַרגעניגען".

און גליקליך איז דער מענש וועלכער פאַרשטעהט עס און הערט צו דעם רוף פון דער תורה, וועלכע זאָגט צו איהם:

„ועתה בנים שמעו לו ואשרי דרכי ישמרו" (שם ל"ג)

„הערט מיר אויס, קינדער, ווי גליקליך זיינען די וואָס היטען אָפּ מיינע וועגען". ווארום:

„כי מוצאי מצא חיים ויפק רצון מה'" (שם ל"ה)

„די וועלכע געפינען מיר געפינען לעבען און וועלען געפינען חן פון גאָט".

און די תורה - עשירות איז ניט שווער צו געפינען. ווי דער פסוק זאָגט:

„כי המצוה הזאת אשר אנכי מצוך היום לא נפלאת היא ממך ולא רחוקה היא" (דברים ל' י"א).

ווארום די דאָזיגע געבאָט וועלכע איך באפעהל דיר היינט איז ניט פאַרהוילען פון דיר און ניט ווייט פון דיר.

„לא בשמים היא לאמר מי יעלה לנו השמימה ויקחה לנו וישמיענו אותה ונעשנה?"

ניט אויפ'ן הימעל איז עס, אַז מען זאָל דאַרפען זאָגען: ווער וועט פאַר אונז אויפ'ן הימעל אַרויפגעהן, אַראָפּנעמען עס צו אונז און עס אונז לאָזען הערען, כדי מיר זאָלען עס קענען טהאָן?

„ולא מעבר לים היא לאמר מי יעבר לנו אל עבר הים ויקחה לנו וישמיענו אותה ונעשנה",

„און ניט פון יענער זייט ים איז עס, אַז מען זאָל דאַרפען זאָגען: ווער וועט פאַר אונז אַריבערגעהן אויף יענער זייט ים, און עס נעמען פאַר אונז און עס אונז לאָזען הערען כדי מיר זאָלען עס טהאָן".

„כי קרוב אליך הדבר מאד בפיך ובלבבך לעשותה".

„נייערט זעהר נאָהענט איז די זאַך צו דיר, עס איז אין דיין מויל און אין דיין האַרץ עס צו טהאָן".

יע, גרינג, זעהר גרינג, איז דיעזען גרויסען תורה אוצר צו באַקומען. עס פאָדערט מעהר ניט ווי איין זאַך, נעמליך:

אַז די וועלט זאָל פאַרשטעהן, ווי רבי הושעיה רבה האָט פאַרשטאַנען, אַז זי, די תורה, איז און דאַרף זיין פון אַלץ דער „בראשית".

דרוש ד׳ לפ׳ בראשית ולפ׳ נח.

אָפּטימיזמוס וועגען אדם - מענשהייט

ראשון און מפטיר: אין ראשון פון פ׳ בראשית איז דעם מענשענס רעקאָרד טוב מאד. אין מפטיר — רק רע.

אין ראשון איז ער באַשטימט צו לעבען אייביג, אין מפטיר נאָר הונדערט און צוואַנציג יאָהר.

אין ראשון איז זאָגאַר זיין פלייש—גייסט. אין שביעי, זיין גייסט—פלייש.

אין ראשון איז די גאַנצע וועלט הייליג, ריין און שעהן. אין מפטיר—שמוציג און פאַרדאָרבען.

אין ראשון איז, כביכול, גאָט און די גאַנצע וועלט מיט איהם פול מיט פרייד און געזאַנג, און אין מפטיר—מיט עצבות.

אין ראשון: נעשה אדם בצלמנו כדמותנו, אין מפטיר: אמחה את האדם. ברייט און טויט — צוויי קייטען.

ענדע גוט אַלעס גוט. אדם און נח—סימבאָלען פון דער גאַנצער מענשהייט. דער מענש וועט ענדליך ביים סוף פון זיין היסטאָרישען מפטיר צוריק געווינען זיין רעקאָרד: „טוב מאד".

„וירא אלקים את כל אשר עשה והנה טוב מאד".
און גאָט האָט געזעהן אַלעס וואָס ער האָט געמאַכט און עס איז „זעהר גוט".

ביי די באַשאַפונגען פון יעדען טאָג שטעהט נאָר: „טוב — גוט", און ביים זעקסטען טאָג שטעהט: „טוב מאד — זעהר גוט". ווארום? דעם סוד ערקלערען די חכמי המדרש אויף פאָלגענדען אופן:

רבנן אמרי לה בשם ר' חנינה בר אידי, ורבי פנחס ורבי חלקיה בשם ר' סימון: „הוא מאד הוא אדם, הינון אותיות דדין הינון אותיות דדין". הה"ד: וירא אלקים את כל אשר עשה והנה טוב מאד, זה אדם".
(בר"ר פ' ח' ס"ה ופ"ט סי"ב.)

ד"ה, מיט'ן וואָרט „מאד" מיינט די תורה דעם „אדם - מענש". וועלכער איז באַשאַפען געוואָרען אין זעקסטען טאָג, ווייל די ווערטער א ד ם און מ א ד זיינען גלייך, זיינען צונויפגעשטעלט פון די זעלביגע אותיות: אל"ף, דל"ת, מ"ם. עס איז גלייך ווי עס וואָלט געווען געשריבען „והנה טוב אדם" — „זעה, דער מענש איז גוט".

אָבער ווארום, פרעגט זיך, שטעהט געשריבען „מאד" און מיר זאָלען ערקלערען אז דאָס מיינט „אדם"? די תורה האָט דאָך געקענט שרייבען בפירוש: „והנה טוב אדם"?

דער תירוץ איז: הקב"ה האָט ניט געקענט אוועקשטעלען זיין חתימה פון „טוב" וועגען מענשען בפירוש, אַזוי ווי ער האָט געשריבען וועגען אַלע זיינע ווערק וואָס ער האָט אין די זעקס טעג באַשאַפען, ווייל אַלע זיינע באַשעפענישען, ווי ער האָט זיי באַשאַפען, אַזוי זיינען זיי אַוועקגעשטעלט געוואָרען אויף אייביג, זיך איבעראַנדערשען קענען זיי ניט.

וועגען אַלע זיינע באַשעפענישען קען געזאָגט ווערען:

„כי הוא צוה ונבראו ויעמידם לעד לעולם חק נתן ולא יעבור. (תהילים קמ"ח ה' ו') ער האָט באַפוילען און זיי זיינען באַשאַפען געוואָרען; און ער האָט זיי אַוועקגעשטעלט אויף אייביג לאַנג. קוים האָט ער אַ געזעץ גע-געבען — ווי זיי זאָלען זיין — קען אַנדערש ניט זיין.

אַנדערש איז דער מענש. איהם האָט מען געגעבען אין האַנד „די בחירה”, אויסוואַהל, פרייען ווילען צו מאַכען פון זיך ווי ער וויל, — טוב אָדער ח״ו רע. דארום ווען גאָט ב״ה וואָלט שטעלען בפירוש: „טוב אדם”, וואָלט ער דאָך מוזען זיין גוט, און מיט דעם וואָלט „די בחירה” פון איהם צוגענומען געוואָרען.

דעריבער האָט גאָט געשטעלט דעם וואָרט „טוב” וועגען אדם נור ברמז, בסוד, ווייל דעם מענשענ׳ס טוב איז אַ סוד, וועלכען קיינער קען ניט אַנטפלעקען, סיידען דער מענש אַליין דורך זיינע מעשים טובים. גאָט׳ס וואונש איז אַז דער מענש זאָל זיין „טוב” און ער האָט איהם געגעבען די מעגליכקייט, דורך דער געטליכער נשמה וואָס ער האָט אין איהם אַריינגעבלאָזען, צו זיין גוט. אָבער דער שליסעל צו זיין סודות־דיגען איך פון טוב אָדער ח״ו רע, האָט דער מענש אין זיין האַנד.

ווען אַ מענש ווערט געבאָרען, רופט מען אויס וועגען איהם וואָס ער זאָל זיין: „גבור או חלש” — אַ שטאַרקער אָדער אַ שוואַכער, עשיר או עני — רייך אָדער אָרעם, חכם או טפש — אַ קלוגער אָדער אַ נאַר, אבל צדיק או רשע לא — אָבער צי ער זאָל זיין אַ צדיק אָדער אַ רשע רופט מען ניט אויס”. דאָס ווענדעט זיך ניט אין גאָט. דאָס, ווי געזאָגט, באַלאַנגט צום מענשען זעלבסט. אָבער כאָטש מען איז אויף איהם ניט גוזר דאָס ער מוז זיין אַ צדיק, דאָך איז מען איהם וועגען דעם שטאַרק מרמז, מען באַשווערט איהם זאָגאַר: אַז ער זאָל זעהן זיך באַמיהען און זיין אַ צדיק און ניט קיין רשע. „משביעין אותו: תהי צדיק ולא תהי רשע” (נדה ל׳). אַז זיין גאַנצער לעבען, זיין מדרש החיים — לעבענס דרשות זאָל זיין אַ מדרש רבה — אַ גרויסע דרשה אויפ׳ן פסוק: „והנה טוב מאד”.

ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען פון דער מוטערס בויך און אַריינ־געקומען אין דער וועלט האָט זיך זיין ספר החיים — לעבענס־בוך אָנגע־פאַנגען מיט׳ן רמז׳דיגען סודות׳דיגען פסוק: „והנה טוב מאד”, ווען ער וועט אַרויסגעהן פון דער וועלט, געהן צוריק צום בויך פון דער מוטער־ערד, זאָל זיין „ספר החיים” זיך ענדיגען מיט אַ מבואר׳דיגען, קלאָרען פסוק: „והנה טוב אדם”.

נאָכמעהר, גאָט, ב״ה, האָט מרמז געווען דעם נאָמען „אדם” אין וואָרט „מאד” — זעהר, ווייל גאָט׳ס פאַרלאַנג איז: אַז דער מענש זאָל זיין: „טוב מאד” — זעהר גוט, „טוב מאד אדם — אַ זעהר גוטער

מענש". עס איז ניט גענוג אַז דער מענש זאָל זיך אויסאַרבייטען בלויז צו דער מדרגה פון טוב, „אדם טוב", נייערט צו דער מדרגה פון: „אדם טוב מאד".

ווייל ווען: „וירא אלקים את כל אשר עשה", ווען גאָט האָט באַטראַכט אַלץ וואָס ער האָט באַשאַפען, אַלע געטליכע כחות וואָס ער האָט אַריינגעטהאָן אין דער באַשעפעניש מענש, „והנה — זעה", „טוב מאד", ער קען זיין זעהר גוט, ווען ער וויל. ער באַזיצט גייסטיגע, געטליכע פעהיגקייטען מיט וואָס זיך אויסצואַרבייטען און דערגרייכען דורך זיי צו דער מדרגה פון „טוב מאד", צו ווערען די העכסטע, זעהר גוטע באַשעפעניש פון גאָט'ס בריאה.

און ניט דוקא קען דער מענש זיין „טוב מאד" אין פּאַראַלעל מיט די ערדישע ברואים, נאָר זאָגאַר אויך קעגען מלאכים פון הימעל קען ער באַקומען דעם רעקאָרד פון: „טוב מאד". ווארום מיט די ווערטער: „את כל אשר עשה" — אַלץ וואָס גאָט האָט באַשאַפען, וועלכע שטעהען פאַר די ווערטער: „והנה טוב מאד", מיינט די תוה"ק אויך מלאכים — ביי וועמען עס שטעהען אויך די ווערטער „עשה", „עושה מלאכי רוחות משרתיו אש לוהט" (תהילים ק"ד ד'), „ער מאַכט די ווינטען זיינע מלאכים, פייער-פלאַמען זיינע דינער" (עיין במה"רזוו בר"ר פ"ח ס"ה).

זעהר אָפּטימיסטיש איז, כביכול, גאָט געווען וועגען זיין ליעבלינג-באַשעפעניש מענש. גרוים האָפענונג האָט ער אויף דיזער מייסטערווערק זיינע געלייגט, און אַזוי שטאַרק איז זיין אמונה אין מענשען געווען, דאָס ווען די מלאכי השרת האָבען אויסגעדריקט זייערע פעסימיסטישע געדאַנקען וועגען איהם, זאָגענדיג צו גאָט:

„רבון העולם מה אנוש כי תזכרנו ובן אדם כי תפקדנו? הדא עקתא להן מבריא?" (בר"ר פ"ח ס"ו), „האַר פון דער וועלט, וואָס איז דער שוואַכער מענש אַז דו זאָלסט וועגען איהם דענקען? וואָס איז דער מענשען-קינד אַז דו זאָלסט וועגען איהם טראַכטען? צו וואָס דאַרפסטו איינגאַנצען אָט די צרה-מענש באַשאַפען?"

באַנוגען זיך, רבש"ע, מיט דיינע הימעלשע באַשעפענישען. צו וואָס זאָלסטו איבערגעבען אַלע אַרבייטען פון דיינע הענד, זאָגאַר די הימלען אין זיין רשות, אונטער זיין קאָנטראָל, וואָס ער וועט געווים קאַליע מאַכען דורך זיינע שלעכטע מעשים? (עיין במהר"זוו שם).

האָט זיי דער רבש"ע געענטפערט קורץ און שאַרף, מיט פעסטען גלויבען: „נעשה אדם!" „מיר וועלען באשאַפען אַ מענש!" זיין נאָמען וועט זיין: „אדם", ווייל: „בצלמנו כדמותנו", ער וועט זיין: „אין אונזער בילד", אין אונזער גלייכעניש", — ווי די חכמי הקבלה ערקלערען אַז דער נאָמען אדם איז פון לשון: אדמה לעליון — געגליכען צום אויבערשטען.

און דער נאָמען זיינער „אדם" איז גוט גענוג, שטאַרק גענוג, אַז דער תכלית, ענד-ציעל פון זיין באשאַפונג וועט זיין זעהר גוט, „טוב מאד", ניט קוקענדיג אויף אַלע זיינע פעהלערען, שוואַכקייטען, בלאָנ־זשענישען און קרומקייטען. אין די ענדע וועט ער אַלעס פאַרריכטען, גוט מאַכען און וועט ווערטה זיין צו טראָגען דעם טיטעל: „טוב מאד". (עיין בחדושי הרד"ל שם שהלכתי בעקבותיו), ווערט זיין צו זיין דער מושל, הערשער איבער דער ערד, הימלען און איבער אייך, מלאכים.

„תמשילהו במעשי ידיך כל שתה תחת רגליו" (תהילים ח' ז'), דו האָסט איהם געמאַכט הערשען איבער די אַרבייט פון דיינע הענד. אַלעס האָסטו אונטער זיינע פיס געלעגט. איבער אַלעס געוועלטיגט ער, איבער ערד און הימעל. — מעשה ידיך זו שמים. וכ"מש תהילים ק"ב: „ומעשה ידיך שמים", כל שתה תחת רגליו היינו העליונים (עיין מהר"זוו שם — ובפ' ו' ס"ט על הפסוק: „ולמשול ביום ובלילה").

לייענענדיג די ערשטע פרשה פון בראשית ווערט די האַרץ פול מיט שטאָלץ, גליק און פרייד וואָס איך, שוואַכע באַשעפעניש, מענש, האָב זוכה געווען צו אַזאַ גרויסען כבוד, צו אַזאַ אות-הצטיינות, אויסצייכענונג, אַז דער וועלט-באַשעפער האָט מיר אנערקענט פאַר די בעסטע באַשע־פעניש פון דער וועלט, שרייבענדיג וועגען מיר אדם „טוב מאד".

און איך לייען ווייטער, אַז גאָט האָט גענומען זיין ליעבלינג-בעשע־פעניש אדם, איהם אַריינגעזעצט אין אַ וואונדערליכען גאָרטען, ווי עס פאַסט פאַר זיין ווירדע, אָנזאָגענדיג איהם ניט צו עסען פון „עץ הדעת". אָבער אדם האָט ניט געפאָלגט גאָט. ער האָט זיך ליבערשט צוגעהערט צו די רייד פון שלאַנג און יע געגעסען פון די פאַרבאָטענע פרוכט.

און גלייך האָבען זיי, אדם און זיין ווייב, דערהערט די שטימע פון גאָט, וועלכע קלינגט איבער דער גאַנצער וועלט, רופענדיג:

„אדם איכה!?" אדם, וואו ביזטו!? מיט א פּאָר שעה צוריק ביזטו געווען „טוב מאד" און יעצט? „אתמול לדעתי ועכשיו לדעתו של נחש?" (בר"ר שם), „פריהער ביזטו געווען געגליכען צו מיר, גע־גאַנצען נאָך מיין דעה, מיין רצון, און יעצט געהסטו נאָך דער דעה און רצון פון שלאַנג?".

אָבער גאָט, כביכול, האָט נאָך אַלץ ניט פאַרלאָרען, אויפגעגעבען זיין צוטרוי צום מענש, און ער זאָגט:

„הן, האדם היה כאחד מאתנו" (בראשית ג' כ"ב), „זעה, דער מענש איז געוואָרען גלייך ווי איינער פון אונז".

זאָגען אויף דעם די חכמי המדרש: אַז דער „היה" מיינט: „יהיה", עתיד, ד"ה: אין דער צוקונפט — וועט ער פאַרט זיין — אַזוי ווי איינער פון אונז, זיין „טוב מאד". (עיין מד"ר בראשית פ' כ"א ס"א בפירוש מהרז"ו ובס"ט במתנת כהונה.)

און כאָטש יעצט איז ער קאַליע געוואָרען, האָט פאַרלאָרען זיין רע־פּוטאַציע, איז מעגליך אַז דאָס איז ניט זיין שולד. איך האָב איהם אריינ־געזעצט אין אַזאַ וואונדערליכען גן עדן; מלאכים בראָטען פאַר איהם פלייש און שטעלען פאַר איהם וויין. „אדם הראשון מיסב בגן עדן היה והיו מלאכי השרת צולין לו בשר ומסננין לו יין" (סנהדרין נ"ט). און ער געהט אָרום טאָג און נאַכט ליידיג, איז „מה יעשה הבן שלא יחטא?" וואָס זאָל ער טהאָן ער זאָל ניט זינדיגען? איך וועל איהם פון גן עדן אַרויסטרייבען, זאָל ער שווער און ביטער אַרבייטען פאַר זיין שטיקעל ברויט, זאָל ער דאַרפען פיהרען אַן אייביגע מלחמה פאַר זיין עקזיסטענץ. דאָס וועט איהם פון די זינדיגע שלאַנגען - דעות דערווייטערען. דורך זיין שווערער מיה און אַרבייט וועט ער צוריק באַקומען זיין תיקון, ער וועט זיך צוריק ערהויבען און געווינען זיין רעפּוטאַציע פון „טוב מאד".

אויך די מתנה פון „אייביג לעבען" דאַרף מען פון איהם צונעמען. אין אַ וועלט וואו מען קען זיך חבר'ן און פאָלגען די דעות פון שלאַנגען קען מען דעם מענשען אַזאַ טהייערען אוצר ווי לעבען ניט פאַרטרויען אויף אייביג.

אַזוי טייטשט אוים רבי סימון אין מדרש רבה די ווערטער פון איוב: (י"א כ'.)

„תתקפהו לנצח ויהלך משנה פניו ותשלחהו" — תוקף שנתן הקב"ה לאדם הראשון, לנצח, לעולם היה, ויהלך, כיון שהניח דעתו של הקב"ה והלך אחר דעתו של נחש, משנה פניו ותשלחהו (בר"ר פ' ט"ז ס"א ופ' כ"א ס"ד) —

ד"ה: גאָט האָט געגעבען צום מענשען שטאַרקייט צו לעבען אייביג, אָבער נאָכדעם ווי ער איז אַוועקגעגאַנגען פון גאָט צום שלאַנג האָט ער דעם אוצר החיים - הנצחי פון איהם צוגענומען.

יעצט פאַרבינדענדיג דעם מענש מיט אַזעלכע צוויי שווערע קייטען: „טויט און ברויט", איז שוין, כביכול, גאָט געוועזן זיכער אַז דער מענש וועט היטען זיין מענשליכקייט, היטען זיין רעפּוטאַציע פון „טוב מאד".

מיט גרוים שפּאַנונג און מיט אַ קלאַפּענדע האַרץ, פול מיט האָפענונג און שרעק, לייען איך ווייטער די פרשה בראשית. און ווי אַ פּאַנאָראַמע געהען אַדורך דורות. קין און הבל. אַ ברודער הרג'עט אַ ברודער. מען קען זיך ניט איינטהיילען מיט דער וועלט. און אַזוי דור נאָך דור, אָנ-הויבענדיג מיט „ויחי" — ויולד — און ענדיגענדיג מיט „וימת", ביז מיר קומען צום „אחרון - מפטיר". און אַ שרעקליכער, פאַרצווייפעלטער פּעסימיזם באַפאַלט מיר, לייענענדיג די ווערטער פון „מפטיר":

„וירא ה' כי רבה רעת האדם בארץ וכל יצר מחשבות לבו רק רע כל היום".

און גאָט האָט געזעהן אַז די שלעכטס פון דעם מענשען איז גרויס אויף דער ערד, און אַלע געדאַנקען פון זיין האַרץ זיינען נאָר שלעכט דעם גאַנצען טאָג".

„וינחם ה' כי עשה את האדם בארץ ויתעצב אל לבו".

„און גאָט האָט חרטה געהאַט וואָס ער האָט געמאַכט דעם מענשען אויף דער ערד, און ער איז געווען באקומערט אין זיין האַרץ".

„ויאמר ה' אמחה את האדם אשר בראתי מעל פני האדמה מאדם עד בהמה עד רמש ועד עוף השמים כי נחמתי כי עשיתם".

„און גאָט האָט געזאָגט, איך וועל אָפּמעקען דעם מענשען וואָס איך האָב באשאַפען פון דעם געזיכט פון דער ערד, פון אַ מענשען ביז אַ בהמה, ביז אַ שרץ, און ביז אַ פויגעל פון הימעל, ווארום איך האָב חרטה וואָס איך האָב זיי געמאַכט.

אַך, ווי שרעקליך עס איז צו לייענען די ווערטער! ווי אומעטיג עס ווערט אויפ׳ן הארצען! פאַרגלייכענדיג „ראשון מיט מפטיר”. אין ראשון איז דער רעקאָרד פון מענש: „טוב מאד”, אין מפטיר: „רק רע כל היום”. אין ראשון רופט ער זיך „אדם”, ווייל ער איז גלייך צו גאָט, אַ הימעלשעס וועזען, און אין מפטיר איז ער „אדם”, ווייל ער איז באַשאַפען געוואָרען: „מן האדמה”, פון דער ערד, אַן ערדישע באַשעפעניש. אין ראשון איז אדם: „אַן ענק — אַ ריעז”, גרוים פון הימעל ביז דער ערד און פון איין עק וועלט ביז דער צווייטער.

„אדם הראשון מן הארץ עד לרקיע היה — מסוף העולם ועד סופו היה וכ״ו” (חגיגה י״ב), און אין שביעי איז ער: אַ „נפל”, אַ ליליפּוטעל, „הנפילים היו בארץ . . . (שם).

אין ראשון איז ער באַשטימט צו לעבן אייביג און אין שביעי — נאָר הונדערט און צוואַנציג יאָהר.

אין ראשון ווערט ער געבענשט און באַשטימט פאַר׳ן הערשער איבער דער גאַנצער ערד.

„ורדו בדגת הים ובעוף השמים ובכל חיה הרומשת על הארץ” — „געוועלטיגט איבער די פיש אין ים, איבער די פויגלען פון הימעל און איבער אַלעס לעבעדיגע וואָס קריכט אויף דער ערד”, ווייל זיי זיינען „פלייש” און ער „גייסט”. זיין פלייש איז אויך אַ טהייל פון גייסט.

און אין שביעי, איז ער שוין פלייש און זאָגאַר זיין גייסט איז שוין אויך פלייש. „בשגם הוא בשר”. ר״ל: גם רוחו הוא כמו בשר. והבן. (ועיין ברש״י ורמב״ן).

אין דער ערשטער פרשה פון בראשית איז די וועלט אַזוי שעהן, פּרעכטיג, וואונדערפול און ערהאַבען. אַלעס האָט זיך געפרעהט, געווען אַדורכגעדרונגען מיט דער גרויסער פרייד פון שעפער, וועלכער איז אַזוי צופרידען געווען מיט זיין מייסטערווערק - וועלט דיזען מאָל, און ער האָט אויף די אַרבייט פון יעדען טאָג גע׳חתמ׳עט מיט זיין שטעמפּעל די ווערטער „כי טוב”.—

אַלעס האָט געשפּראָצט, געבליהט, געוואַקסען און זיך אַנטוויקעלט, געטאַנצט און געזונגען שירות ותשבחות צו זייער שעפער, וואָס עס האָט זיך איהם ענדליך איינגעגעבען צו באַשאַפען אַ וועלט וואָס זאָל איהם צופרידענשטעלען, פאַרשאַפען פאַרגעניגען.

„הקב"ה היה בונה עולמות ומחריבן עד שברא את אילו, אמר דין הניין לי, יתהון לא הניין לי" (בר"ר פ"ג ס"ז).

„גאָט ברוך הוא, איידער ער האָט די וועלט באַשאַפען, האָט געבויט וועלטען און חרוב געמאַכט ביז ער האָט באַשאַפען די וועלט, דאַן האָט ער געזאָגט: פון דער וועלט האָב איך הנאה, בין צופרידען, פון פריהער־דיגע האָט איך קיין הנאה געהאַט".

און אין מפטיר, האָט גאָט חרטה און איז, כביכול, עצבות'דיג, אומע־טיג, פעסימיסטיש, וואָס ער האָט באַשאַפען דעם מענשען און איהם אָנ־געטרויט אַזאַ שעהנע וועלט, ווייל ער האָט איהר פאַרדאָרבען.

ווי די תורה דערצעהלט גלייך אין אָנפאַנג נח:

„וירא אלקים את הארץ והנה נשחתה כי השחית כל בשר את דרכו על הארץ".

„און גאָט האָט געזעהן די ערד און נון זי איז פאַרדאָרבען, דען אַלע באַשעפעניסען האָבען פאַרדאָרבען זייער וועג אויף דער ערד, און ניט בלויז לעבעדיגע באַשעפעניסען, נור זאָגאַר די ערד און איהרע געוויקסע האָבען פאַרדאָרבען זייער וועג (עיין בר"ר פ' כ"ח ס"ח).

און „ויאמר ה' אמחה את האדם אשר בראתי מעל פני האדמה מאדם עד בהמה ער רמש ועד עוף השמים".

און גאָט ב"ה האָט געזאָגט: „איך וועל אָפּמעקען דעם מענשען, און אויך אַלע באַשעפענישען", — ווייל איך האָב זיי באַשאַפען צוליעב איהם, מענש, — און אַז ער ווערט פאַרניכטעט צו וואָס דאַרף מען זיי (עיין רש"י).

„כי נחמתי כי עשיתם".

איך האָב חרטה וואָס איך האָב אָט די גאַנצע געזינדעל: מענש, בהמה, שרצים, פייגלען באַשאַפען. יע, גערעכט זיינען געוועזן די מלאכים מיט זייערע פעסימיסטישע פראַגעס:

„מה אנוש כי תזכרנו ובן אדם כי תפקדנו?" הדא עקתא להן מבריא? צו וואָס דאַרפסטו אָט די צרה'דיגע באַשעפענים מענש באַ־שאַפען? וועלכער וועט אַלעם קאַליע מאַכען און פאַרדאַרבען.

יעצט איין אַן ענדע צו אַלעם „

אנשטאט: „נעשה אדם", וועט יעצט זיין: „אמחה את האדם", איך וועל אָפּמעקען דעם מענשען, אויסמעקען פון מיין תורה די ווערטער „כי טוב" און איבערהויפּט די ווערטער: „והנה טוב מאד — אדם", וואָס צוליב איהם איז אויך די גאַנצע וועלט פאַרדאָרבען געוואָרען, פון וועלכע איך האָב שוין געדענקט הנאה צו האָבען. צוריק וועט זיך איצטער די וועלט אומקערען צו דעם מצב פון „תהו ובהו" . . .

אָבער . . . אין דער לעצטער מינוט פּאַסירט אַ גרויסער נס.

ענדע גוט אַלעס גוט.

אויף דער וועלט-בימה אַנטפּלעקט זיך אַ נייער „אדם" מיט אַ רעקאָרד און רעפּוטאַציע פון „צדיק תמים", און וועגען וועמען מען קען זאָגען: אַז ער איז „טוב מאד". פאַרשוואונדען איז געוואָרען די עצבות, אומעטיגקייט, בכיכול, פון בורא׳ס האַרץ, דערוויי̇טערט זיינען געוואָרען די חרטה געפיהלען; און אַ צופרידענער הנאה-שמייכעל האָט זיך אויף קודשא ברוך הוא׳ס ליפּען באַוויזען, קוקענדיג אויפ׳ן „אדם", וועלכער איז אַרויסגעוואַקסען און זיך אַנטוויקעלט, ניט ווי דער ערשטער „אדם", צווישען מלאכים און אין אַ גן עדן, נור אין אַ „דור משחת", אין אַ וועלט פון שמוץ, זינד און פאַרדאָרבענהייט.

און גאָט זאָגט: עס איז כדאי געווען צו באַשאַפען די וועלט. עס איז כדאי געווען צו ליידען און צו דולדען פון די פאַרדאָרבענהייטען פון די צעהן דורות, פון ערשטען אדם, ביז׳ן „אדם" פון צעהנטען דור. עס איז כדאי געווען צו באַשאַפען דעם מענשען, מיט דער גאַנצער „פרשת בראשית", אַז אין דעם לעצטען פּסוק פון מפטיר, פון פ׳ בראשית, זאָל איך קענען שרייבען דעם פּסוק:

„ונח מצא חן בעיני ה׳",

„און דער „אדם—נח" האָט געפונען לייטזעליגקייט אין די אויגען פון גאָט",

וועלכער האָט צוריק צום מענשען אומגעקערט זיין עהרע, זיין יחוס, זיין שטאָלץ, זיין ווירדע פון „אדם", און אויך זיין טיטול: „טוב מאד" . . .

אַזוי פּאַסירט אין אַלע דורות זינט בריאת העולם. דורות קענען אַוועקגעהן, אין וועלכע דער מענש פאַרלירט זיין „איך", זיין „געטליכע דעה און ער פאַרבלאָנדזשעט נאָך „די דעה פון שלאַנג". עס דוכט

זיך אַז אַט, אַט, און אַן ענדע וועט קומען צו דער וועלט. אַט, אַט און זי וועט אָפּגעמעקט ווערען, ווייל גאָט האָט חרטה וואָס ער האָט אַזעלכע באַשעפענישען באַשאַפען, וועלכע רופען זיך „מענש", און זיינען ניט מעהר און ניט ווינציגער ווי צוויי־פיסיגע חיות אָדער קריי־כענדיגע, גיפטיגע שלאַנגען.

אָבער ביים שלוס, ביים מפטיר, באַווייזט זיך ווייטער אַן „אדם העליון", אַן „אויבער־מענש", וועלכער קערט אום צוריק צום מענשען זיין נאָמען „אדם", און זיין טיטול — „טוב מאד" . . .

אַזוי האָט פּאַסירט מיט צעהן דורות שפּעטער נאָך נח'ן, ווען די וועלט איז ווייטער פאַרקראַכען. איז ערשינען אַן „א ד ם ־ אברהם". און שפּעטער, ווען די וועלט איז געווען פאַרזונקען אין מ"ט שערי טומאה, האָט זיך אַנטפּלעקט אַן א ד ם ־ משה".

און אַזוי וועט עס געהן, ביז ענדליך אין צוקונפט וועט פאַרט גאָט'ס רצון ערפילט ווערען און:

„הן האדם היה כאחד מאתנו",

דער מענש וועט זיין — היה ־ יהיה — ווי איינער פון אונז.

דער מענש וועט זיין וואָס ער דאַרף זיין, „בצלמנו כדמותנו", אין אונזער בילד, אין אונזער גלייכעניש. צום סוף ביים מפטיר פון דער מענשליכער היסטאָריע וועט דער מענש צוריק געווינען זיין רעקאָרד „טוב מאד".

און ניט נאָר וועלען זיין אין יעדען דור איינצעלנע מענשען, יחידי סגולה, וועלכע וועלען מיט שטאָלץ און ווירדע טראָגען דעם נאָמען „אדם" און זיין „טוב מאד", נאָר די גאַנצע מענשהייט וועט עס זיין. אויב מיר זעהן, צום באַדויערען, אַז די מענשהייט איז פאַרזונקען אין בלאָטע און שמוץ, און איהר צורת אדם איז אָפּגעמעקט, זאָלען מיר ניט זיין אומעטיג, טרויעריג, פעסימישטיש און פאַרצווייפעלט, נאָר האָפען און האָפען:

על כן נקוה לך ה' אלקינו לראות מהרה בתפארת עוזך להעביר גלולים מן הארץ והאלילים כרת יכרתון, לתקן עולם במלכות שדי, וכל בני בשר יקראו בשמך להפנות אליך כל רשעי ארץ".

האָפען אַז געצען־דינעריי און עקעלהאַפטע געטער, דורך וועלכע מענשען זיינען געוואָרען רשעים, שלאַנגען, זאָלען פאַרניכטעט ווערען.

די וועלט זאָל פאַרפאָלקאָמט ווערען אין דער קעניגרייך פון אַלמעכטיגען. „אַלע פלייש-קינדער" זאָלען רופען צו גאָט, און „אַלע שלעכטע" פון דער ערד זאָלען זיך צו גאָט ווענדען, צוריק באקומען דעם צלם-אלקים, דעם געטליכען, מענשליכען געשטאַלט.

דאמאָלס וועט די גאַנצע מענשהייט זיין אַ הייליגער, לעבעדיגער עדות אויף די ריכטיגקייט פון פסוק:

„וירא אלקים את כל אשר עשה והנה טוב מאד".

און גאָט האָט געזעהן אַלעס וואָס ער האָט געמאַכט איז זעהר גוט און זעהר גוט איז עס ווייל . . . „טוב מאד זה אדם".

דרוש ה' לפ' בראשית.

די שריפט אויפ'ן וואַנד קעגען הענגלייכטער

מדה כנגד מדה, איז דער געזעץ פון גאָט'ס הנהגה אין דער וועלט. יוסף און זיינע ברידער.

פרעה, המן, בלשצר. מנא, מנא תקל ופרסין. דניאל'ס אונערשראָקענע רעדע, בלשצר'ס זינד; די פאַרשוועכטע כלי שרת, דורך טרינקען אין זיי אומווירדיגע וויין, און לויבען געצען פון גאָלד, זילבער, קופער און האָלץ. די וועלט איז אַ בית המקדש. שלום און אמת כלי שרת. די הערשער פאַרשוועכען זיי, טרינקענדיג אין זיי אומווירדיגע וויינען. סנחריב מלך אשור. גירוש שפּאַניע. ווילהעלם דייטשישער קייזער מיט זיינע געטער. זיין סוף. צאַר ניקאָלאַי. זייז דריי הונדערט יאָהריגער מאָלצייט. זיין סוף. דער עת קץ. די הערשער וועלען דאַן זיין: משכילים, אשרי המחכה.

„וירא אלקים את כל אשר עשה והנה טוב מאוד".
(בראשית א'.)
און גאָט האָט געזעהן אַלעס וואָס ער האָט געמאַכט
און עס איז זעהר גוט".

ר' שמעון, דער זוהן פון אבא, טייטשט אוים דעם פסוק אויף פאָלגענדען אופן:

„הנה טוב מאד זו מדת הטוב".

מיט די ווערטער „זעהר גוט", וואס ווערט געזאגט וועגען גאט'ס באשאף, ווערט געמיינט די מדה פון גוטעס, וואס גאט האט איינגע־אָרדענט אין דער הנהגה פון זיין וועלט. ד"ה: אז ווען א מענש טהוט גוטעס זאָל צו איהם באצאָהלט ווערען מיט גוטעס.

„והנה טוב מאד — זו מדת הפורעניות".

עס שטעהט ניט געשריבען: „הנה", אָהן א „ו", נייערט „והנה" מיט א „ו". באווייזט דער „ו" אויף א רבוי, א צוגאב. נאך א זאך איז דאָ, וואס איז זעהר גוט אין גאט'ס באשאפונג. וואס איז עס?

דאָס איז: „די מדה פון פורעניות", וואס א מענש ווערט באצאָהלט מיט שלעכטעס פאר זיינע זינד.

פרעגט אויף דעם דער מדרש:

„וכי מדת פורעניות טובה היא מאד?" צי איז דען די מאָס פון פורעניות זעהר גוט? ווי פאסט צו זאָגען אויף שטראָף, אויף פורעניות, אויף שלעכטס „טוב מאד?" ענטפערט דער מדרש:

„אלא שוקד על הפורעניות היאך להביאה".

ד"ה, די גוטסקייט באשטעהט אין דעם: „דאָס גאָט איז מדקדק, מעסט, ווען ער באצאָהלט א מענשען פאר זיינע מעשים, גוטע אָדער שלעכטע, אז דער שכר ועונש זאָל זיין: „מדה כנגד מדה", צוגעפאסט צום טהאַט, פינקטליך צוגעמאָסטען, מיט דער זעלביגער מאָס ווי דער מענש האָט געמאָסטען זיין סחורה פון גוטעס אָדער שלעכטעס צו אנ־דערע מענשען ווערט צו איהם געמאָסטען. און דארום ווערט זאָגאר די מדה פון פורעניות באטיטעלט מיט די ווערטער טוב מאד, ווייל דער מענש קען זעהן און דערקאָנען אין זיין שטראָף די עבירה פאר וועלכע ער ווערט באשטראָפט און ער וועט זעהן דורך דעם צו טהאָן תשובה.

(מד"ר בר' פ' ט' מי"א, ועיין שם בפירוש מהרז"ו ובחידושי הרד"ל.)

דיזע מדה, רעגעל, פרינציפ האָט גאָט אוועקגעשטעלט באלד ביים בראשית, ביים אָנפאנג פון דער וועלט-באשאפונג. אזוי זאָגט רבי הונא אין נאָמען פון ר. יוסי:

מתחלת ברייתו של אדם צפה הקב״ה שבמדה שאדם מודד בה מודדין לו״. (שם ועיין סיטה ה׳.)

אין אָנפאַנג וועלט-באשאַפונג האָט גאָט געזעהן איינצואָרדערען דעם כלל אין דער וועלט אַז: „מיט דער מאָס וואָס אַ מענש מעסט זאָל ווערען געמאָסטען צו איהם״.

דיזער געטליכער פרינציפּ וועט אָנהאַלטען אייביג, אַזוי לאַנג ווי די וועלט וועט עקזיסטירען און מענשען וועלען אויף איהר לעבען.

אַזוי זאָגט ר׳ סימון אין נאָמען פון ר׳ שמעון בר אבא:

„כל המדות בטלו מדה כנגד מדה לא בטלה״. (שם.)

ד״ה: אַלע ניין און פערציג מדות, לויט וועלכע גאָט ב״ה האָט באשאַפען די וועלט, זיינען שוין בטל געוואָרען, אָפּגעשאַפט, אויסער דער פרינציפּ פון „מדה כנגד מדה״ איז ניט בטל.

יעדער מענש קען עס זעהן אין די פּאַסירונגען פון זיין לעבען. „מיט דער זעלבער מטבע מיט וועלכער ער צאָהלט ווערט צו איהם געצאָהלט״.

דיזע מדה איז דער חוט השדרה — רוקען-מאַרך פון דער גאַנצער היסטאָריע פון אַלע נאַציאָנען, און וועט עס אויך זיין אין דער צוקונפט.

היינט האָבען די ברידער געוואָרפען יוסף׳ן אין גרוב. מיט צוויי און צוואַנציג יאָהר שפּעטער וואַרפט ער זיי אין גרוב פון געפענגעניש. היינט פאַרקויפען זיי איהם פאַר אַ קנעכט. מיט צוויי און צוואַנציג יאָהר שפּעטער פאַר׳משפּט׳ען זיי זיך זעלבסט: „הננו עבדים לאדוני״ (בראשית מ״ד ט״ז), מיר זיינען גרייט צו זיין קנעכט צו מיין הערר.

היינט דערטרינקען פרעה און די מצריים אידישע קינדער אין טייך. שפּעטער ווערען זיי דערטרונקען.

„כי בדבר אשר זדו עליהם״, אין טאָפּ אין וועלכען זיי האָבען אידען געקאָכט זיינען זיי זעלבסט אָפּגעקאָכט געוואָרען. (עיין רש״י שם).

היינט האָט המן געמאַכט מיט שמחה און פליים אַ תליה אויפצו-הענגען אויף איהר מרדכי׳ן. ער האָט געקוקט אויף דער תליה און געקוואָלען פון דעם געדאַנק אַז מאָרגען וועט אויף איהר זיך צאַפּלען דער יהודי מרדכי. און מאָרגען איז ער אויף איהר מיט זיינע בנים געהאנגען.

די גאַנצע היסטאָריע פון אַלע פעלקער פון אייביג אָן ביז דעם „עת קץ״ — ווען אויפ׳ן וועלט-טהראָן וועט אַרויפשטייגען דער מלך המשיח, מלך השלום — וועלכע ווערט געשריבען מיט בלוט און טרערען פון מיליאָנען מענשען, און וועלכע איז פאַרשריבען אין טויזענטער, טויזענטער בענדער, איז פאַרשריבען געוואָרען דורך דניאל הנביא אין פיער ווערטער:

„מנא, מנא, תקל ופרסין״. (דניאל ה׳ כ״ה).

אַזוי דערצעהלט דער פסוק:

בלשצר, דער זוהן פון נבוכדנצר, קעניג פון בבל, האָט געמאַכט אַ גרויסען מאָהלצייט, און כדי צו באווייזען די מעכטיגקייט און שטאָלץ פון בבל, האָט ער, זייענדיג אין אַ שיכור׳ן צושטאַנד, געהייסען ברייגנען די הייליגע כלים פון בית המקדש; און ער מיט זיינע בעאַמטע, זיינע ווייבער און קעבס-ווייבער האָבען אין זיי געטרונקען וויין.

מען האָט וויין געטרונקען און געלויבט געטער — גאָלדענע, זיל-בערנע, קופערנע, אייזערנע, הילצערנע און שטיינערנע. אין דער זעלבער צייט זיינען אַרויסגעגאַנגען פינגער ווי פון אַ מענשליכער האַנד און האָבען געשריבען געגענאיבער דעם „הענגלייכטער״, אויף דער קאַלך פון קעניגליכען טעמפעל-וואַנד.

דערשראָקען איז געוואָרען דער קעניג; זיין אויסזעהן פאַרענדערט, זיינען געדאַנקען — צומישט. עס איז לויז געוואָרען דער גאַרטעל פון זיינע לענדען, און זיינע קניע האָבען געקלאַפט איינע אָן די אַנדערע.

הויך האָט דער קעניג געשריען מען זאָל ברייגנען די צויבערער, כשדי׳מער און מאַגיקער און געהייסען זיי לעזען דעם שריפט. אָבער די שיכור׳ע, נאַרישע חכמים פון בבל האָבען ניט פאַרשטאַנען ווי צו לעזען די ווערטער.

נאָכמעהר איז קעניג בלשצר צושראָקען געוואָרען. ביז די קע-ניגין האָט איהם געגעבען אָן עצה צו רופען אַ מאַן, וועלכער באַזיצט אַ גייסט פון הייליגען גאָט — בילדונג און פאַרשטאַנד, ווי געטליכע פאַרשטאַנד, און וועלכער איז נאָך פון זיין פאָטער נבוכדנצר אָנגעשטעלט געוואָרען אַלס דעם גרעסטען פון די בילדער-שריפט-קענער; אַ מאַן, וועלכען באַזיצט אָן אויסערגעוועהנליכען גייסט, וויסענשאַפט און פאַר-שטאַנד, וועלכער לעגט אוים טרוימען, ערקלערט רעטעניסען און בינדט אָפּ פאַרבונדענעס. דער נאָמען פון דעם מאַן איז — דניאל דער יהודי.

גלייך איז דניאל געבראַכט געוואָרען פאַר'ן קעניג. און דער קעניג האָט געבעטען דניאל'ן איבערצולעזען די שריפט און ערקלערען די באַדייטונג, און דערפאַר וועט ער איהם אָנקליידען אין פורפור מיט אַ גאָלדענער קייט אויף זיין האַלז און אַלס דער דריטער פון קעניג וועט ער הערשען אין קעניגרייך.

דאַן האָט דניאל געענטפערט און געזאָגט צום קעניג: „זאָלען דיינע געשענקע ביי דיר בלייבען, און דיינע פרעזענטען גיב אַן אַנדערען. איך וועל אָבער די שריפט לעזען פאַר'ן קעניג און ערקלערען איהם די באַדייטונג".

דו, אָ קעניג! דער אויבערשטער גאָט האָט דיין פאָטער, נבוכדנצר, געגעבען רעגירונג, גרויסקייט, עהרע און פראַכט. פון דער גרויסקייט וואָס ער האָט איהם געגעבען פלעגען אין שרעק זיין פאַר איהם אַלע פעלקער, נאַציאָנען און שפּראַכען; וועמען ער האָט געוואָלט האָט ער דערשלאָגען און וועמען ער האָט געוואָלט האָט ער געלאָזט לעבען, וועמען ער האָט געוואָלט האָט ער אויפגעהויבען און וועמען ער האָט געוואָלט האָט ער נידעריג געמאַכט.

ווען אָבער זיין האַרץ איז שטאָלץ געוואָרען און זיין גייסט ווידערשפּעניג, איז ער אַראָפּגעזעצט געוואָרען פון זיין קעניגליכען טהראָן און זיין עהרע איז אַוועק פון איהם; פון מענשען איז ער פאַריאָגט געוואָרען, זיין האַרץ איז טהיריש געוואָרען און זיין וואוינונג איז געווען מיט שלאַנגען; מען האָט איהם געשפּייזט מיט גראָז, ווי אַן אָקס, און פון הימעל-טהוי איז זיין קערפּער באַפייכט געווען. ביז ער האָט אנערקענט אַז דער אויבערשטער גאָט הערשט איבער דער מענשען-רעגירונג, און וועמען ער וויל שטעלט ער דערביי אָן.

אָבער דו, בלשצר, זיין זוהן, האָסט ניט געבויגען דיין שטאָלץ, אָבוואָהל דו ווייסט עס אַלעס.

דו האָסט אויך געגען הימעלשען גאָט שטאָלצירט און די כלים פון זיין הויז האָט מען צו דיר געבראַכט, און דו מיט דיינע בעאַמטע, ווייבער און קעבס-ווייבער האָבען אין זיי וויין געטרונקען, און געטער פון זילבער, גאָלד, קופּער, אייזען, האָלץ און שטיין, וועלכע זעהען ניט, הערען ניט, און פאַרשטעהען ניט — האָסטו געלויבט, אָבער דעם גאָט וואָס דיין נשמה איז אין זיין האַנד און אַלע דיינע וועגען זיינען איהם באַוואוסט, איהם האָסטו ניט געעהרט.

דערפאַר איז פון איהם געשיקט די שטיק-האַנד, וועלכע האָט די שריפט אָנגעצייכענט אויפ׳ן וואַנד, געגענאיבער דעם הענגלייכטער — די שריפט וואָס איז אָנגעצייכענט איז:

„מנא, מנא, תקל ופרסין״.

און דאָס איז די ערקלערונג פון זאַטץ:

„מנא״, באַדייטעט: „מנה אלהא מלכותך והשלמה״, גאָט האָט געצעהלט די טעג פון דיין קעניגרייך און באשטימט זי זאָל געענדיגט ווערען.

פאַרוואָס האָט גאָט באשטימט אַז דיין מלוכה זאָל זיך ענדיגען? ווייל: תקל — תקלתא במאזניא והשתכחת חסיר״, גאָט האָט געוואויגען אויפ׳ן וואָגשאָל דיינע מעשים, דיינע זכיות און חובות און דו ביזט גע-פונען געוואָרען פעליג. איבערהויפט דורכדעם וואָס דו האָסט מבזה געווען די הייליגע כלים פון גאָט׳ס הויז. דאָס האָט איבערגעוואויגען די שאָל פון חוב; און דער רעזולטאַט איז אַז: ״פרסין, פריסת מלכותך ויהיבת למדי ופרס״,

דיין קעניגרייך איז צובראָכען געוואָרען און אָוועקגעגעבען צו מדי ופרס . . .

אין דער זעלבער נאַכט איז בלשצר, דער קעניג פון כשדים, ער-מאָרדעט געוואָרען . . .

די האַנד וואָס בלשצר האָט געזעהן איז די געטליכע האַנד, וועלכע שרייבט די היסטאָריע פון פעלקער. און די היסטאָרישע געטליכע האַנד שרייבט ניט אין דער פינסטער, נאָר דוקא געגענאיבער דעם „הענג-לייכטער״, אין דער ליכטיגען. ווען דער „הענגלייכטער״ פון דער לאַנד, דוכט זיך, איז פול מיט שיינענדיגע ליכט פון כבוד, רוהם, שטאָלץ, רייכקייט, מעכטיגקייט, פראַכט און גלאַנץ.

קיין סך ביכער אָדער זאָגאָר ווערטער שרייבט ניט די געטליכע האַנד, מעהר ניט ווי פיער ווערטער:

„מנא מנא תקל ופרסין״.

און איידער די ווערטער ווערען אָנגעשריבען אויפ׳ן וואַנד פון אַ מלוכה ווערט פריהער אויף אַ וואָגשאָל געוואויגען די מעשים פון דער מלוכה און פון איהרע הערשער, די זכיות און די חובות. און ווען

די חובות וועגען איבער, דאַן באַווייזט זיך די האַנד און שרייבט די פיער ווערטער. און אויב דאָס פאָלק וויל וויסען וואָס עס וועט צו איהר געשעהן, דאַרף זי מעהר ניט ווי אַ קוק טהאָן אין איהר ספר הזכרונות, אין איהר היסטאָריע, אַ קוק טהאָן אויף'ן פּעקעל זינד, וואָס עס געפינט זיך אין איהר אַראָפּגעלאָזטער וואָגשאָל, וואָס זי האָט געטהאָן צו אַנדערע, און ווייסען אַז דאָסזעלביגע וועט געטהאָן ווערען צו איהר.

„כאשר עשתה כן תעשה לה וגמולה ישוב בראשה".

די הויפּט זינד וועלכע ציהען אַראָפּ די וואָגשאָל צו דער ערד זיינען דערקלערט געוואָרען דורך דניאל'ן צו בלשצר'ן אין זיין אונערשראָקענער רעדע, איידער ער האָט צו איהם ערקלערט די באַדייטונג פון די שריפט אויף'ן וואַנד.

נעמליך: (איינס) פאַר פאַרשוועכען די הייליגע כלים פון גאָט'ס בית המקדש, טרינקענדיג אין זיי אומריינע וויין. זיי מיט זייערע בע-אַמטע, ווייבער און קעבס-ווייבער. (צווייטענס) פאַר לויבען, זינגען שירות ותשבחות צו געטער פון גאָלד, זילבער, קופּער, אייזען, האָלץ און שטיין. און פון גאָט, ביי וועמען אין האַנד עס איז זייערע נשמות, ווילען זיי ניט הערען און ניט וויסען . . .

די גאַנצע וועלט איז גאָט'ס בית המקדש, אין וועלכער זיין שכינה רוהט. „מלא כל הארץ כבודו". און הקב"ה האָט צו דער וועלט גע-געבען הייליגע כלי שרת, וועלכע דאַרפען אָנגעפילט ווערען מיט הייליגע געטראַנקען, פון וועלכע די מענשהייט זאָל טרינקען.

און די הערשער פון אַ פאָלק דאַרפען זיין די משרתים אָנצוגיסען אין די כלי שרת דעם הייליגען וויין — כמדומין אתם ששררה אני נותן לכם עבדות אני נותן לכם — (הוריות, י') און באַדינען די מענשהייט און דורכדעם דינען גאָט, וועמעס הייליגער רצון איז אַז זיינע מענשען-קינדער זאָלען זיין גליקליך און לעבען צופרידען. איין הייליגע כלי שרת איז: „שלום", — (השלום נקרא כלי. לא מצא הקב"ה כלי מחזיק ברכה לישראל אלא השלום) — אין איהר דאַרפען די הערשער, משרתי ה', גאָט'ס דינער, צו וועמען ער האָט אָפּגעטיילט פון זיין כבוד, אָנגיסען הייליגע וויין, וויין פון ברידערליכקייט, ליעבע, איבערגע-בענהייט צו מענשען, און רחמנות, מיטלייד פון מענש צו מענש; פון גוטען ווילען צווישען מענשען, פון רעספּעקט איינער צום צווייטען, פון

טהייער האלטען די לעבענס פון אנדערע מענשען, זאגאר פון אנדערע מדינות.

וואס האבען געטהאן און טהוען די בלשצר'ס פון אלע דורות? זיי פילען אן די כלי פון שלום מיט אומווירדיגע ווייגען, מיט האס, עגאאיזם, פוסטען שטאלץ, מאכען מלחמות אום צו ברייגגען אייביגען שלום אין דער וועלט, גיסען בלוט, טויטען מיליאנען מענשען אום צו מאכען די וועלט זיכער צום לעבען, פארשקלאפען די וועלט מיט זייער קנעכטישען מיליטאריזם אום די וועלט צו מאכען פריי, דעמאקראטיש.

א צווייטע הייליגע „כלי" האט גאט דער וועלט געגעבען: „אמת", פארלאנגענדיג אז מען זאל איהר אנפילען מיט ריינע ווייגען, דער צונג מיט דער הארץ זאלען זיין איינס. דער צונג זאל ריידען דאס וואס די הארץ טראכט, „ודובר אמת בלבבו". אבער די בלשצר'ס אין אלע דורות פילען אן די כלי שרת פון אמת מיט אומריינע, אומווירדיגע ווייגען, וועלכע ווערען אנגערופען: פאליטיק, דיפלאמאטיע, איינער דעם צווייטען צו פארנארען.

און דאס טוהען זיי, ווייל זיי ווילען גרויסע מאהלצייטען פאר זיך מאכען, צו קענען פרעסען און זויפען. זיי מיט זייערע בעאמטע, מיט זייערע וויבער און קעבס-ווייבער . . .

און אין זייער שיכרות פארגעסען זיי דעם גאט וואס זייערע נשמות זיינען אין זיין האנד און אלע זייערע וועגען זיינען צו איהם באוואוסט און ווילען איהם ניט עהרען.

און אנשטאט גאט לויבען זיי זייערע געטער פון גאלדענע און זיל-בערנע וואליוטעס, פון אייזערנע און קופערנע כלי זיין, פון הילצערנע און שטיינערנע פעסטונגען.

דיזע זינד שווערען אראפ זייערע וואגשאלען פון חובות. דאן באווייזט זיך די געטליכע, היסטארישע האנד, וועלכע שרייבט אן אויף זייערע ווענד, געגען איבער זייערע "הענגלייכטער", — ווען זייערע הערשאפט-הענגלייכטער זיינען פול מיט ליכט פון עשירות, זיעג, גבורה, כבוד און רוהם, — די פיער ווערטער: מנא, מנא תקל ופרסין".

צו די אלע בלשצר'ס, דעמאגאגען, דעספאטישע הערשער און דיק-טאטארס קומט א צייט ווען זיי דערזעהן די געטליכע שריפט, און דער-הערען די געטליכע רייד פון אידישען נביא דניאל.

אַבער צו זייער גרויסען אומגליק און צו דעם אומגליק פון דער ליידענדער, אומגליקליכער מענשהייט דערזעהן זיי די שריפט און דער־הערען די רייד ווען עס איז שוין שפעט, ווען דער שווערד איז שוין אַרויסגעצויגען פון שייד; ווען די זון פון זייער הימעל לאָזט זיך שוין אַראָפּ, און עס קומט די פינסטערע נאַכט, אינמיטען באַלעוועען און שיכור'ן, און די בלשצר'ס ווערען ערמאָרדעט . . .

פרעה און די מצריים האָבען די שריפט דערזעהן זיך טרינקענדיג אין ים סוף, און אנשטאט וואָס פריהער האָט פרעה און די מצריים געזאָגט: „לא ידעתי את ה'", מיר קאָנען ניט און ווייסען ניט גאָט, מיר האָבען אונזערע געטער. האָבען זיי דערהערט גאָט'ס שטימע און געזאָגט: „אנוסה מפני ישראל כי ה' נלחם להם במצרים", לאָמיך אַנט־לויפען פון ישראל, וויל גאָט שטרייט פאַר זיי קעגען מצרים.

סנחריב מלך אשור האָט די שריפט דערזעהן און דערהערט די שטימע פון נביא ישעיה: לשבור אשור בארצי ועל הרי אבוסנו", אשור'ן וועל איך צוברעכען אין מיין לאַנד און אויף מיינע בערג וועל איך איהם צוטרעטען דאמאָלס, ווען ער האָט געליטען זיין מפלה ביי די טהויערען פון ירושלים און ווען זיינע זיהן אדרמלך ושראצר האָבען שפעטער גע־שטאָכען זייערע שווערדען אין זיין ברוטאַלער, שטאָלצער האַרץ.

אַרום יאָהר תרנ"ב האָבען די פינסטערע אינקוויזיטאָרען אַרויסגע־טריבען די אידען פון שפּאַניע אונקאָנפיסקירט זייערע פאַרמעגענס צו די קלויסטערס. הונדערטע יאָהרען האָבען די אייניקלאַך פון טאָרקוואַ־מאדע, פערדינאַנד און איזאַבעל געבאַלעוועט אין זייערע קלויסטערס, זייענדיג שיכור פון גרויס גליק, דאָס זייערע עלטער־פאָטערס האָבען אַרויסגעטריבען די אידען און זיי פאַרפייניגט צום טויט, און דורכדעם איז שפּאַניע געוואָרען פון אַ גרויסמאַכט אַ קליין מדינה'לע, אָרים, אונ־זויסענד, אָהן קולטור און אָהן ציוויליזאַציאָן, און דערפאַר האָבען זיי געקענט הערשען אויף דער אונוויסענדער מאַסע און אויסנוצען איהר פאַר זייערע עגאָאיסטישע צוועקען, — אַ זאַך וואָס וואָלט ניט פּאַסירט ווען אידען וואָלטען זיין אין שפּאַניע און איהר געהאָלפען זיין גרויס אָדער ווערען נאָך גרעסער —;

און אין יאָהר תרצ"ב זיינען די אינקוויזיטאָרען אַרויסגעטריבען געוואָרען דורך דעם שפּאַנישען ערוואַכטען פאָלק פון זייערע קלויסטערס און קאָנפיסקירט איז געוואָרען זייערע פאַרמעגענס; און טאָרקוואמא־

דעם אייניקלאך ריכטען אַף גלות אין זייער אייגען לאַנד, ווערען פאַר־לאַכט און פאַרשפּאָטעט וואו זיי קומען, ווי אַמאָל די אידען ווען זיי זיינען אַרויסגעטריבען געוואָרען פון שפּאַניע.

די לעצטע ווערטער פון זייער פינסטערער, יעזואיטישער אינקווי־זיציאָנס היסטאָריע ענדיגט זיך מיט די ווערטער:

„מנא מנא תקל ופרסין",

וועלכע זיינען אויפגעשריבען געוואָרען אויף זייערע קלויסטער־ווענד, קעגענאיבער דעם העגגלייכטער, אין וועלכען די ליכט, וואָס טאָרקוואמאדע מיט זיינע אינקוויזיציאָנס־מיטהעלפער האָבען אַמאָל אָנ־געצונדען, האָבען נאָך גאַנץ ליכטיג געברענט אין דער גייסטיג־פינסטע־רער שפּאַניע; יעצט, ביים רמב"ם'ס אַכט הונדערט יאָהריגען יובילעי, קלאַפּט זיך די באַפרייטע שפּאַניע אין האַרצען: „חטאתי", פאַר איהרע זינד קעגען דעם אידישען פאָלק, וויל שלום מיט אידען, בעט מען זאָל איהר מוחל זיין; און געקומען צו תשובה איז זי, ווייל זי האָט ענדליך דערזעהן דעם שריפט אויפ'ן וואַנד: „מנא מנא תקל ופרסין". ווייל זי האָט דערזעהן דאָס זי האָט זיך מעהר שלעכטעס געטאָהן ווי די אידען.

אין יאָהר 1870 האָט דייטשלאַנד באַזיגט פראַנקרייך, צוגענומען ביי איהר עלזאס לאָטערינגען, געטראָטען אויף איהר מיט איהרע יונקער־שע קנאַפּעל און אויפגעמאָנט ביי איהר אַ גרויסע קאָנטריבוציע, און אין 1919 איז די יונקערשע דייטשלאַנד געלעגען אַ צוטראָטענע אונטער די גראַציעזע, טאַנצענדיגע פיסלאַך פון פראַנקרייך, האָט צוריקגעגעבען עלזאס לאָטערינגען און אויף איהר איז אַ פיעל גרעסערע קאָנטריבוציע אַרויפגעלייגט געוואָרען.

שטאָלץ זיינען געווען די דייטשישע קייזערס מיט זייער זיעג. און אין די הייליגע כלי שרת פון שלום האָבען זיי געטרונקען אומריינע וויין, פון האַס, שנאה, ביטול, פוסטע, יונקערשע גאוה, און האָבען פאַר־שוועכט די כלי פון שלום.

און אויך די הייליגע כלי פון אמת האָבען זיי מחלל געווען, איהר אָנגעפילט מיט פאַלשע פּאָליטיק, דיפּלאָמאַטישע ליגענס. עס איז געווען זייער אייזערנער קאַנצלער ביסמאַרק, וועלכער האָט ערפונדען דעם דיפּ־לאָמאַטישען ווערטעל: „די צונג איז באַשאַפען געוואָרען צו פאַרשטעלען וואָס די האַרץ טראַכט". און אינטערנאַציאָנאַלע אָפּמאַכען זיינען ניט מעהר ווי אַ „סקרעפּ אָף פּייפּער".

און צו געטער מיליטעריסטישע, געמאַכט פון גאָלד, זילבער, קופּער, אייזען און שטאָל אין געשטאַלטען פון הארמאַטען, ביקסען, פּולעמיאָטען און שווערדען און זאָ ווייטער, האָבען זיי זיך געבוקט און געזונגען ליבּ־געזאַנגען, — און געצוואונגען די גאַנצע וועלט צוליב מורא פאַר איהר, אויך אַזעלכע געטער צו מאַכען און צו זיי זיך צו בוקען, כדי דורך זייערע געטער זיך קענען באַשיצען און פאַרטיידיגען פון דייטשלאַנד, מיט איהרע געטער — און אין גאָט, וועמענס נשמות זיינען אין זיין האַנד, האָבען זיי פאַרגעסען.

שרייענדיג: דייטשלאַנד איבעראַל, דייטשלאַנד מוז אַלמעכטיג ווערען; גאָט׳ס וועלט, זיין בית המקדש האָבען זיי פאַרשוועכט. אַזוי איז אָנגעגאַנגען ביז 1914, ווען קייזער בלשצר - ווילהעלם האָט פּראָקלאַ־מירט פאַר זיינע יונקערשע בעאַמטע, גענעראַלען און אָפיצירען, די משרתים פון זיינע אַמוניציאָנס-געטער, אַ גרויסען מאָהלצייט פון בלוט און פאַרניכטונג איבער גאַנץ איראָפּע, אויף וועלכען אַלע שדים און בעסטיעס האָבען געטאַנצט זייער טייוועלשען מלחמה-טאַנץ. דייטש־לאַנדס הענגלייכטער האָט דעמאָלט וואונדערליך באַלויכטען איהר לאַנד און געבלענדעט די אויגען פון אַנדערע לענדער. אין אַלע זיינע רעהרען־האָבען געשטעקט ליכט פון רייכטהום, בילדונג, חכמה, ציוויליזאַציע, ערפינדונגען, געשעפטען, קולטור, אָרדענונג, דיסציפּלין און שטאַרקייט.

אין יענער צייט, זייענדיג שיכור פון נצחונות, האָט זיך די געטליכע האַנד באַוויזען און אָנגעשריבען אויפ׳ן וואַנד קעגען הענגלייכטער פון קייזערס פּאַלאַץ אין פּאָרטסדאַם:

„מנא מנא תקל ופרסין״.

אָבער דערזעהן די שריפט האָט דער שכור׳ער קייזער בלשצר־ווילהעלם צו שפּעט, ווען די זון פון דייטשלאַנדס הימעל האָט זיך גענומען אַראָפּלאָזען, אונטערגעהן, און עס האָט זיך דערנעהנטערט די נאַכט, אין וועלכער ער האָט געדאַרפט כאַפּען זיין קלומאַק אויף די פּלייצעס — אין וועלכען עס האָט זיך אויך געפונען אַ האַק און אַ זעג — און ווי אַ גנב, קאָנטראַבאַנדיסט, שמוגלער, זיך אַריבער׳גנב׳ענען דעם דייטשישען גרענעץ און אַנטלויפען פאַר זיין לעבען נאָך האָלאַנד — אַזוי ווי עס זיינען אַמאָל געלאָפען איבער׳ן גרענעץ די אידען, אַנטלויפענדיג פון דער פינסטערער פּאָגראָמען-לאַנד — רוסלאַנד, — צו ווערען דאָרטען אַ האָלץ-העקער.

פאַרפלייצט איז געווען די לאַנד פון די צאַרען מיט די בלוט פון איהרע זיהן און טעכטער, וועלכע האָבען געלעכצט נאָך ברויט, פרייהייט און גערעכטיגקייט. געפּאַקט זיינען געווען די טורמעס מיט די פרייהייטס־קעמפּפער, אין וועלכע זיי זיינען פאַרפייניגט געוואָרען פיעל מאָל צום טויט. איבערפילט זיינען געווען די פינסטערע, אונטער־ערדישע קעלערס פון דער אָכראַנע, אין וועלכע די פרייהייטס־העלדען האָבען געשמאַכט, און פיעל מאָל אויסגעהויכט זייערע נשמות.

שרעקליך, מאוים׳דיג זיינען געווען די קלינגערייען פון די קייטען אויף די הענד און פיס פון די פּאָליטישע אַרעסטאַנטען, איבער די וועגען און סטעפּעס פון קאַלטען סיביר און סאַכאַלין אינזעל, יאָמערליך און פאַרצווייפעלט זיינען געווען די געשרייען פון די אידען אין די פּאָגראָמען, וועלכע זיינען געמאַכט געוואָרען אויף׳ן באפעהל פון בלשצר - ניקאָלאַי, מיט זיינע ראַטהגעבער, ראַספּוטינס, פּאָביעדאָנאָסצעווס, סובארינס, פּו־רישקעוויטשעס און אַנדערע ימ״ש.

הארץ־רייסענד, ביז צו משוגעת, זיינען געווען די געוויינען, יאָמערען און קלאָגען פון טאַטעס און מאַמעס, ווען זיי האָבען געזעהן ווי די חולי־גאַנעס שפּאַלטען די קעפּ פון זייערע עופה׳לאך אָן די שטיינערנע ווענד, אָדער ווי זייערע אומשולדיגע טעכטער ווערען געשענדעט און זיי האָבען זיי ניט געקענט העלפען.

ביז עס איז געקומען דער באשטימטער טאָג, ווען בלשצר - צאַר ניקאָלאַי האָט געמאַכט אַ גרויסען מאָהלצייט, דעם דריי הונדערט יאָה־ריגען יובילעאום פון דער ראָמאַנאָוו הויז. ליכטיג האָבען געברענט די ליכט אין צאַרישען הענגלייכטער. ער און זיינע שותפים, (?) ענגלאַנד און פראַנקרייך מיט די אַנדערע ליבעראַלע, דעמאָקראַטישע מדינות האָבען באַזיגט און צובראָכען זיין שונא, וועלכער האָט איהם ניט גע־לאָזט רוהען — דייטשלאַנד.

אָבער דאָ האָט זיך באַוויזען די געטליכע, היסטאָרישע האַנד, וועלכע האָט אויפ׳ן וואַנד פון צאַרסקען דוואָרעץ אָנגעשריבען די ווערטער:

„מנא מנא תקל ופרסין״.

און צאַר ניקאָלאַי האָט די ווערטער דערזעהן ווען ער איז גע־שטאַנען צוגעשטעלט צום וואַנד אין אַ פינסטערען הויף. ער און זיין

צאַרינע און זיין נאַסליעדניק און פרינצעסינס, און קעגען זיי זיינען געשטאַנען סאָלדאַטען מיט געלאָדענע ביקסען, וואַרטענדיג אויף דער קאָמאַנדע פון: ראַז, דוואַ, טרי, סטרעליאַעטע! — פון די צו וועלכע ער האָט ניט לאַנג אַזוי געטהאָן, און קוקענדיג אויף די טרערען פון זיין צאַרינע און הערענדיג איהר געוויין און קלאַג, ווי זי קראַמפּפט פון יסורים פאַר איהרע קינדער, וועלכע וועלען באַלד זיך צאַפּלען אין ליוזשעס בלוט און זיך וואַלגערען ערגעץ אין מיסט, האָט ער דאַמאָלס דערהערט די יאָמערען פון די טויזענטער מאַמעס, וועמענס קינדער זיינען געטויטעט געוואָרען אין פּאָגראָמען דורך זיינע מלאכי חבלה, חוליגאַנעס, פּאָגראָמשטשיקעס.

און זעהענדיג די צושראָקענע, פאַרצווייפעלטע אויגען פון זיינע קינדער, האָט ער אויך דערזעהן די טויזענטער אויגען פון די אומשול-דיגע קינדער פון וועלכע ער איז געווען דער רוצח.

אין דעם לעצטען מאָמענט פון זיין לעבען האָט ער דערהערט דעם אמת'ן גאָט'ס וואָרט דורך זיין חוזה דניאל. ניט דעם וואָרט פון פאַלשע געטער, דורך זיינע געצענדינערשע נביאים, נביאים פון האַס און שנאה, נביאים פון רשעות און אכזריות, נביאים פון פּאָגראָמען, בלוט-פאַרגי-סונגען און גלות'ן, פון נביאים אויסוואורפען, די פּאָביעדאָנאָסצעווס און ראַספּוטינס, — נאָר פון אַן אמת'ן נביא, אַ נביא פון ליעבע, צדק און יושר, אַ נביא פון גאָט, אין וועמענס האַנד עס זיינען דאָ אַלע נשמות פון צאַר און פויער, פון פראַוואָסלאַוונעם און אידען, פון רייכע און אָרימע, און יעדענס נשמה, יעדענס לעבען, יעדענס גליק, יעדענס פרייהייט און זיכערהייט איז ביי איהם טהייער, און וויל אַז אַלע זאָלען עס געניסען מיט'ן פולען האַנד.

יע, דער שיכור'ער, בלוטדורשטיגער צאַר בלשצר האָט עס דער-הערט, ווען די זון פון צאַריזם, סאַמאָדערזשעסטוואָ, זעלבסטהערשאַפט פון די ראָמאַנאָווס האָט זיך אַראָפּגעלאָזען און די פינסטערע נאַכט איז אָנגעקומען.

אין יענער נאַכט איז בלשצר-ניקאָלאַי גע'הרג'עט געוואָרען . . .

ווידער איז די לאַנד פון רוסלאַנד פאַרפלייצט מיט בלוט, ווידער זיינען פול די געפ"או קעלערען מיט געפייניגטע אַרעסטאַנטען. הילכיג קלינגען ווידער די קייטען אויף די הענד און פיס פון אַרעסטאַנטען,

ווידער וואַלגערען זיך אין אַלע גלות'ן די זיהן און טעכטער פון דער רוסישער לאַנד.

עס איז מעהר ניט ווי איין אונטערשייד:

די אַמאָליגע פייניגער זיינען היינט די געפייניגטע, און די געפייניגטע זיינען די פייניגער. די אַמאָליגע שקלאַפען זיינען היינט די הערשער און די הערשער-שקלאַפען די אַמאָליגע שמייסער, זיינען היינט די געשמי-סענע, און די געשמיסענע — שמייסער.

אַזוי דרעהט זיך דער גלגל העולם, דער היסטאָרישער ראָד, אויף וועלכען עס זיינען אויפגעשריבען די ווערטער:

„מנא מנא תקל ופרסין".

און באטראַכטענדיג די אַלע היסטאָרישע פּאַסירונגען, און לעזענדיג די ווערטער: „מנא, מנא תקל ופרסין" אויף אַלע ווענד, קעגען די ענגלייכטערס, און זעהענדיג אַז נאָכדעם אַלעמען האָט נאָך די וועלט ווינציג געלערענט, און זיינען נאָך קנאַפּע „משכילים" געוואָרען, און די וועלט איז נאָך פול מיט בלשצר'ס, וועלכע מאַכען בלוטיגע מאָהלצייטען און פאַרשוועכען גאָט'ס הייליגע כלים פון בית המקדש, די „כלים פון שלום ואמת", טרינקענדיג אין זיי אומריינע ווייך פון שנאה, רציחה, נקמה, לויבענדיג זייערע פאַלשע, געצענדינערשע געטער, געטער פון גאָלד און זילבער, געטער פון קאַפּיטאַליזם אָדער פּראָלעטאַריזם, געטער פון קייזערטהום אָדער נאַציזם, געטער פון צאַריזם אָדער קאָמוניזם, געטער פון קעניגטהום אָדער פאַשיזם. רעליגיעזע געטער אָדער אַטהע-איסטישע געטער, געטער פון ביוראָקראַטיזם אָדער מכלומר'שטע ליבע-ראַליזם.

אַלע זיינען זיי פאַלשע געצען, ווייל עס איז ניטאָ קיין בארעכטיגונג פאַר בלוט-פאַרגיסונג, פאַר פייניגען ברידער-מענשען, פאַר פאַראור-זאַכען צרות און ליידען צו אַנדערע. בלוט איז בלוט, ניט קיין וואַסער, און פייניגונגען, ליידען און שמערצען, טוהען וועה יעדען מענשען, צי ער איז רייך אָדער אָרים, קאַפּיטאַליסט אָדער אַרבייטער, הערשער אָדער קנעכט, פרומער אָדער פרייער; צי ער באַלאַנגט צו דער רעליגיאָן אָדער אַ צווייטער, צי ער גלויבט אין דער אידעע אָדער אַ צווייטער; לעבענס דאַרפען זיין טהייער, און דעם חבר'ס גליק און וואוילשטאַנד דאַרף זיין הייליג. די אַלע שלעכטס קען נאַר געטהאָן ווערען אין נאָמען פון פאַלשע געטער.

און זעהענדיג ווי ווינציג די וועלט טהוט תשובה, באַטראַכטענדיג דאָס אַלעס, קענען מיר קוים האָבען אַ באַגריף, ווי וואָלט גאָט'ס וועלט אויסגעזעהן, ווען דער בורא, ב"ה, וואָלט ניט איינגעשטעלט אין איהר זיין „מדה כנגד מדה" פון „מדת פורעניות", אַז פאַר שלעכטעס זאָל גע־צאָהלט ווערען מיט די זעלבע מדה פון שלעכטעס. כאשר עשה כן יעשה לו".

באַטראַכטענדיג דאָס אַלץ, פאַרשטעהען מיר די רייד פון אונזערע חז"ל, אַז: „והנה טוב מאד", „עס איז זעהר גוט". מיינט עס: „די מדה כנגד מדה פון מדת פורעניות", יע, עס איז זעהר אַ גוטע זאַך פאַר דער וועלט, פאַר דער מענשהייט.

עס איז, צום באַדויערען, שווער, זעהר שווער, עס צו זאָגען, און עס שטעלט זיך אימער ביי די פאַרשידענע משכילים די פראַגע:

„וכי מדת פורעניות טובה היא מאד?"

ווי איז שייך צו זאָגען וועגען שלעכטס גוט, און מכל שכן „זעהר גוט"? אָבער פאַרפאַלען, אַזוי איז דאָס. עס איז ניט, כביכול, גאָט'ס שולד. עס איז דעם מענשענס אייגענע שולד. ער איז אונקאָנטראָלירבאַר. ער קען זיין קלוג, אַ משכיל, און איז אַ פתי. ער קען זיין אַ מענש און וויל בעסער זיין אַ חיה. ער קען זיין פריי און גלייכט צו זיין אַ שקלאַף. ער קען האָבען אַ פיהרער, אַ הערשער ווי רוזוועלט, און קלייבט אויס, להבדיל, אַ חיה אין אַ מענשען-געשטאַלט, ווי היטלער, ימ"ש, און בוקט זיך צו איהם. ער קען האָבען אַ קעניג, ווי קעניג דזשאָרדזש פון ענגלאַנד, און איהם געפעלט בעסער אַ סטאַלין, און קניהט זיך צו איהם.

מיר קענען זאָגען אויפ'ן מענשען מיט זיינע הנהגות דאָס זעלבע ווי דניאל האָט געזאָגט:

„ואני שמעתי ולא אבין", „איך האָב דאָס געהערט און ניט פאַר־שטאַנען". און מיר פרעגען צוזאַמען מיט דניאל'ן:

„ואמרה ה' מה אחרית אלה?" און איך האָב געזאָגט: מיין הער! מיט וואָס וועט זיך דאָס אַלעס ענדיגען?

„ויאמר: לך דניאל כי סתומים וחתומים הדברים עד עת קץ". (דניאל י"ב.)

און ער האָט געזאָגט: געה דניאל. די ווערטער זיינען אונפאַר־שטענדליך, ביז דער ענדע פון אַ געוויסער צייט.

עס וועט קומען אַ צייט וואָס:

„יתבררו ויתלבנו ויצרפו רבים”, פיעלע וועלען אונטערזוכט ווערען, גערייניגט און געלייטערט. „והרשיעו רשעים”, און די רשעים וועלען באשולדיגט ווערען, באקומען זייער שטראָף. „ולא יבינו כל רשעים”, און די אַלע רשעים וועלען עס ניט פאַרשטעהן. אָבער:

„והמשכילים יבינו, די קלוגע, די פאַרשטענדיגע וועלען עס ביים „עת קץ” פאַרשטעהן. און די וועלט וועט דאמאָלס געפיהרט ווערען ביי די משכילים, ביי די וועלכע: „השכל וידע אותי נאום ה׳” וועלכע וועלען פאַרשטעהן גאָט, און פאַרשטעהן, באַגרייפען זיין הנהגה פון בריאת העולם ביז׳ן „עת קץ”. דאַן, ביים ע ת ק ץ , וועט גאָט פיהרען די וועלט מיט „איין מדה כנגד מדה”, נעמליך מיט דער „מדת הטוב”, מיט דער מאָס פון גוטסקייט, ווייל אַלע מענשען וועלען שטרעבען נאָר צו טהאָן גוטעס, און מיט גוטעס וועט צו זיי געצאָהלט ווערען.

און דאמאָלס ביים „קץ”, ווען:

„והמשכילים יזהירו כזהר הרקיע”, די קלוגע וועלען גלאַנצען מיט אַ הימעל־שיין”. „ומצדיקי הרבים ככוכבים לעולם ועד”, און די וואָס האָבען פיעלע צו גוטעס געבראַכט, וועלען שיינען ווי די שטערען, אויף עוויג. און די וועלט וועט פול זיין מיט ששון ושמחה. און פון, כביכול, גאָט׳ס אויגען וועט שטראָמען קוואַלען פון פרייד, קוקענדיג אויף זיינע גליקליכע מענשען־קינדער. דאמאָלס וועט די גליקליכע מענשהייט מיט גרויס כבוד און מיט הימעלשער שמחה עפענען דעם הייליגען „ספר בראשית” און לייענען דעם פסוק:

„וירא אלקים את כל אשר עשה ה נ ה טוב מאד” (בלא וא״ו), „און גאָט האָט געזעהן אַלעס וואָס ער האָט געמאַכט איז זעהר גוט”, ווייל אַלעס וועט זיך פיהרען בלויז מיט איין מדה, מיט „מדת הטוב”.

לאָמיר האָפען אַז דער טאָג פון „עת קץ” איז ניט ווייט. ווארום:

„אשרי המחכה ויגיע” (שם)

גליקליך איז דער וואָס האָפט און וועט דערגרייכען, בב״א.

דרוש ו' לפ' בראשית, לראש השנה, לתק"ש,
לפ' תשא, לפ' נשא.

דעם מענשענס פנים

רש"י ז"ל'ס ערקלערונג אויף „יודעי תרועה". אַ מעשה וועגען אַ גרויסען מאלער און זיין זוהן. ווי אַזוי ג' האָט באשאַפען דעם מענשען. די גאַנצע וועלט איז באשאַפען געוואָרען בלויז מיט גאָט'ס אָטעם, דער מענש מיטביידע הענד, און עס האָט גענומען פינף שעה. ווארום? ווען האָבען אַלע באשעפעניסען מורא פאר'ן מענשען? דער וואונדער פון מענשענס פנים. אַ ביאור אויף ברכת כהנים. דער טעם פון מצוות עליה לרגל. ווי אַזוי אידען האָבען אַמאָל געהיט זייערע פנים'ער, און ווי אַזוי היינט. אַ טעם ווארום די צווייפיסיגע חיה היטלער האָט ניט קיין מורא צו באפאַלען אידען. אַן ערקלערונג אויף דעם פשט אין רש"י אויפ'ן פסוק: „אשרי העם יודעי תרועה, ה' באור פניך יהלכון".

וייצר ה' אלקים את האדם. (ב' ז').

אין צור כאלקינו — אין צייר כאלקינו.

(ברכות י', מגילה י"ג).

„אשרי העם יודעי תרועה, ה' באור פניך יהלכון".

(תהילים פ"ט, ט"ז).

וואויל איז צום פאָלק וואָס ווייסט ווי איבערצור-
בעטען זייער שעפער מיט'ן בלאָזען פון שופר ראש השנה.
גאָט, אין דער ליכטיגקייט פון דיין פנים געהען זיי.

(כן פירש רש"י).

דאַרפען מיר פאַרשטעהן:

אויב דער פסוק מיינט דאָ צו זאָגען אַז דורך דער מצוה פון שופר-בלאָזען בעטען אידען איבער גאָט, האָט געדאַרפט שטעהן: „אשרי העם תוקעי שופר". אָדער אויב ער וויל זאָגען דעם לשון הכתוב: „זכרון תרועה" (ויקרא כ"ג כ"ד), האָט ער געקענט זאָגען: „תורעי תרועה, זוכרי תרועה, תוקעי תרועה", אָבער ניט „יודעי תרועה". „יודעי תרועה" מיינט: זיי ווייסען, קענען, פאַרשטעהען די תרועה.

און אַז זיי וועלען וויסען „די תרועה״ וועלען זיי דורכדעם זוכה זיין, אַז: „ה׳ באור פניך יהלכון״, צו געהן אין דער ליכטיגקייט פון גאָט׳ס פנים; ווייל דאמאָלס וועט צו זיי די ליכטיגקייט פון גאָט׳ס פנים אַנט־פּלעקט ווערען.

וואָס פאַר אַ שייכות האָט דוקא „תרועה״, וואָס מיינט: קרעכצען, זיפצען, יאָמערען, קלאָגען, וויינען צו דער אַנטפּלעקונג פון דער ליכטיג־קייט פון גאָט׳ס פנים, און ניט קיין אַנדער הבטחה?

געווען אַמאָל אַ גרויסער מאלער, וואָס פלעגט מאָלען וואונדער־ליכע בילדער. זיינע קונסט-בילדער האָבען אַלעמען באַצויבערט. מענשען פלעגען קענען שטעהן גאַנצע טעג, ניט ווערענדיג מיעד, און קוקען אויף זיי מיט ענטציקונג.

אוצרות מיט געלט פלעגט מען צאָהלען פאַר יעדען בילד וואָס איז פון זיין פענזעל געשאַפען געוואָרען. אין אַלע מוזעאומס און קונסט־גאַלעריעס האָבען זיינע בילדער פאַרנומען דעם אויבען-אָן. אָהן זיי האָט קיין קונסט-גאַלעריע ניט געקענט גערעכענט ווערען פאָלקאָם; זיי זיינען געווען די נשמה פון אַלע קונסט-זאַמלונגען. אַלע אַנדערע בילדער און קונסט-ווערק האָבען געהאַט אַן אינהאַלט בלויז ווען דעם קינסטלערס בילדער זיינען געווען צווישען זיי.

מענשען פלעגען לכתחילה קומען נאָר אָנקוקען זיינע בילדער און פאַר איינוועג אויך געכאַפּט אַ קוק אויף די אַנדערע און זיך פאַראינ־טערעסירט מיט זיי.

מערקווירדיג איז געווען דער פאַקט, דאָס ער האָט זיך גאָר ניט געדאַרפט אָנשטריינגען אום צו שאַפען זיינע וואונדערליכע בילדער. ער האָט בלויז געדאַרפט נעמען זיין פענזעל אין האַנד, איינטונקען אין פאַרב, אַ שמיר אַהין, אַ שמיר אַהער און אַ בילד איז געשאַפען געוואָרען.

אָבער דער קינסטלער האָט זיך מיט זיינע אַלע שאַפונגען ניט צו־פרידענגעשטעלט, און ער האָט באַשלאָסען צו שאַפען אַ גרויס ווערק, אַ וואונדער-שאַפונג, קעגען וועלכער אַלע זיינע ביז יעצטיגע שאַפונגען זאָלען זיין קליין, מינדערווערטהיג.

יאָהרען האָט ער געאַרבייט מיט גרויס מיה, פלייס און אָנשטריינגונג ביז עס איז איהם ענדליך געלונגען זיין ציעל צו ערגרייכען, זיין לעבענס־ווערק צו שאַפען.

דאָס בילד איז געווען זיין אייגענע געשטאַלט, און זיין גאַנצען א י ך, נשמה, לעבען, פעהיגקייטען און מדות האָט ער אין איהר אריינגע־געבען. און אַזוי ריכטיג איז דאָס בילד געווען, דאָס יעדער איינער, קו־קענדיג אויף איהר, האָט ווירקליך געמיינט אַז דאָס איז דער קינסטלער זעלבסט.

צו יעדער'ן, קוקענדיג אויף איהר, האָט זיך אויסגעדוכט: אַז די ליפען באַוועגען זיך און רעדען, און ער הערט דעם קינסטלערס שטימע, אַז די אויגען קוקען ווי לעבעדיגע אויף איהם, אַז ער זעהט אויפ'ן פנים דעם קינסטלערס שמייכעל, פרייד, צער, כעס, רוגזה, אויפרעגונג, ליעבע, שנאה, ענערגיע, מוטה, גוטסקייט, רחמנות, טרייהייט, פאַרגעבונג אז"וו.

מען האָט פון ווייטען אויף קיין פאַל זיך ניט געקענט פאַרשטעלען אַז דאָס איז ניט דער לעבעדיגער קינסטלער, סיידען מען האָט עס אָנ־געטאַפט מיט'ן האַנד און געזעהן אַז דאָס איז בלויז אַ טויטער לייווענט מיט פאַרב.

פייגעל, זאָגאַר רויב־פייגעל, פלעגען אַוועקפליהען, מיינענדיג אַז דאָס איז אַ לעבעדיגער מענש. חיות, זאָגאַר די ווילדעסטע, צוק־חיות, פלעגען מורא האָבען צוצוקומען נאָהענט, ווארום דער בילד האָט אויס־געדריקט אַזוי פיעל גבורה, דאָס עס פלעגט אויף זיי אַ גרויס מורא און פחד אָנפאַלען.

גליקליך איז דער קינסטלער געווען און פול מיט פרייד, דאָס איהם האָט זיך איינגעגעבען צו שאַפען אַזאַ וואונדערליכע, אונשטערבליכע קונסט־ווערק.

ווען דאָס בילד איז פאַרטיג געוואָרען, האָט דער מאלער צוגערופען זיין זוהן און צו איהם אַזוי געזאָגט:

„דיזעס וואונדער־בילד, די קרוין פון מיינע שאַפונגען, גיב איך איבער אין דיין האַנד, אַז דו זאָלסט אויף איהר אַכטונג געבען. דו ווייסט דאָך וויפיעל מיה און אַרבייט איך האָב אויף איהר אַוועקגעגעבען, דארום בעט איך דיר: זעה, האַלט איהר טהייער! פאַרנאַכלעסיג איהר ניט! לאָז ניט פאַלען אויף איהר קיין שטויב און מכל שכן בלאָטע. לאָז ניט מען זאָל אָפקראַצען די פאַרב פון איהר פנים און מאַכען אין איהר ריצען. זעה, מיין קינד, אַז די שעהנקייט, פרישקייט און ליכטיג־קייט פון דעם בילד זאָל ניט אָפבליאַקירען, פאַרקערט, עס זאָל אַלע מאָל

מעהר שיינען און לייכטען. נאַדיר, קינד מיינס, אַזעלכע זאַלבען מיט וועלכע דו זאָלסט איהר שמירען און דאָס וועט עס נאָך שעהנער און ליכטיגער מאַכען. זעה אויך, מיין קינד, אַז עס זאָל זיין אין אַן אָרט וואו עס איז ניט צו קאַלט אָדער צו היים, ווייל איןביידע פאַלען וועט דאָס בילד פאַרדאָרבען ווערען. עס דאַרף געהאַלטען ווערען אין אַ מיטעלמעסיקער טעמפעראַטור.

„זיי אויך וויסען, מיין קינד, אַז כל זמן דו וועסט דאָס בילד טהייער האַלטען און גוט אויף איהר אַכטונג געבען, וועסטו זיין גליקליך; אַלע וואָס וועלען זעהן דאָס בילד, וועלען באקומען צו דיר גרויס ליעבע; זיי וועלען דיר פיעל כבוד אָפּגעבען, און קוקען אויף דיר מיט גרויס יראת הכבוד, עהרע-פורכט, רעספּעקט, און מכל שכן וועט קיינער ניט וואַגען דיר שלעכטעס צו טהאָן. יעדער איינער וועט נאָר זוכען וועגען און מיטלען ווי אַזוי דיר צופרידען צו שטעלען, מאַכען גליקליך; עס וועט זיין ביי זיי אַ גרויסער גליק און כבוד, אַז זיי וועלען האָבען די זכיה מיט עפּעס דיר צו פאַרשאַפען פאַרגעניגען, — דיר, מיין קינד, און באַזיצער פון אַזאַ קונסט-ווערק, דאָס שענסטע בילד וואָס די וועלט פאַרמאָגט.

„פאַרקערט, אויב דו וועסט דאָס בילד פאַרנאַכלעסיגען, ניט גוט אַכטונג געבען אויף איהר, איבערגעבענדיג זיך צו וועלטליכע, ליידענשאַפטליכע פאַרגעניגענס, וועלען אַלע מענשען און באַשעפענישען פיהלען אַ שנאה צו דיר, וועלען מיט פאַרגעניגען דיר טהאָן שלעכטעס, ווערענדיג דורכדעם אויסדריקען זייער פאַרביטערונג פאַרוואָס דו האָסט אַזאַ וואונדער-ווערק פאַרדאָרבען. אינסטינקטיוו וועלען זיי פון דיר נקמה נעמען פאַר מיר. זיי וועלען קיין שום רחמנות-געפיהלען פאַר דיר האָבען; אויב דו האָסט ניט געהאַט קיין רחמנות אויף דיין פאָטער, וועלכער האָט זיך אין דיר פאַרטרויט, אויב דו האָסט ניט געהאַט קיין רחמנות אויף מיין שעהנע קונסט-ווערק, אויב דו האָסט ניט געהאַט קיין רחמנות אויף זיך זעלבסט, טו ווי אַזוי וועט זיך קענען דערוועקען רחמנות אין זייערע הערצער צו דיר?

„אויך זאָלסטו, מיין קינד, וויסען, אַז איינמאָל אין יאָהר וועל איך קומען זעהן דאָס בילד, אויסצוגעפינען צי עס איז אין גוטען אָרדענונג געהאַלטען געוואָרען, אויב דו האָסט עס ניט קאַליע געמאַכט".

גענומען האָט דער זוהן דאָס בילד מיט אַן הבטחה צו זיין ליעבען פאָטער, עס צו היטען ווי די שוואַרץ-אַפּעל פון זיין אויג . . .

לײדער האָט ער אין זײן פאַרשפּרעכונג געשװינד פאַרגעסען און זיך איבערגעגעבען צו עולם-הזה'דיגע פאַרגעניגענס.

פיעל שטויב און בלאָטע האָבען דאָס בילד פאַרדעקט, היץ און קעלט האָבען עס פאַרדאָרבען. אין פיעלע ערטער האָבען זיך זאָגאַר געמאַכט ריצען. דער זוהן האָט זיך כמעט װי פאַרגעסען אַז עס געפינט זיך אַזאַ בילד אין זײן רשות, פאַר װעלכע ער איז פאַראַנטװאָרטליך.

דערנעהנטערט האָט זיך דער טאָג װען זײן פאָטער האָט געדאַרפט קומען עקזאַמינירען דאָס בילד.

דורכ'ן יאָהר צײט װאָס דאָס בילד איז קאַליע געװאָרען איז אויך זײן לאַגע געװאָרען שלעכט. צו אַ סך זאַכען האָט ער געגלוסט, אָבער ער האָט זײ ניט געקענט באַקומען, זײנע װאונשען זײנען ניט ערפילט געװאָרען. זײנע שונאים האָבען זיך פאַרמעהרט און יעדערער האָט איהם אום'רחמנות'דיג שלעכטס געטהאָן.

דאַמאָלס האָט ער זיך דערמאָנט אָן פאָטערס בילד און ער איז געקומען אויף איהר אַ קוק טהאָן. האַלטענדיג עס איז האַנד האָט ער געװײנט, געקרעכצט און געזיפצט. אָבער ניט אויף דעם בילד האָט ער געװײנט, װאָס איז דורך זײן נאַכלעסיגקײט פאַרדאָרבען געװאָרען, פאַראומרײניגט און פאַרשמוצט געװאָרען, נאָר ער האָט געװײנט אויף זײן לאַגע, אויף זײן ביטערען שיקזאַל, אויף זײנע צרות, אויף זײנע ניט-ערפילטע װאונשען.

און די טרערען האָבען גערונען אויפ'ן בילד און האָבען עס נאָך מעהר פאַרפּאַטשקעט, װײל די טרערען זײנען געװען שמוציגע, אומרײנע, עקעלהאַפטע, עגאָאיסטישע, אָהן שום חרטה, געװיסענסביסע פאַר זײן טהאָט, אָהן שום רחמנות פאַר דעם בילד און פאַר דעם צער װאָס זײן פאָטער װעט האָבען.

ענדליך איז געקומען דער טאָג װען זײן פאָטער האָט געדאַרפט קומען זעהן דאָס בילד. עס האָבען זיך שוין געהערט די יובל-געשרײען, דער בלאָזען פון טרומײטערס. באַלד װעט זיך די טהיר עפענען און זײן גרויסער פאָטער װעט ערשײנען . . .

עפּעס האָט זיך אַ ריהר געטהאָן אין זײן אַמאָליגער, צאַרטער נשמה. עפּעס האָט זיך גענומען אין זײן האַרצען באַװעגען. קרעכצען און זיפצען האָבען זיך פון זײן ברוסט אַרויסגעריסען. גרויס שרעק איז אויף

איהם באפאלען, און ער האט אויסגעבראכען אין א גרויסער געוויין; א שטראם פון טרערען האט פון זיינע אויגען אנגעהויבען צו רינען. דאס זיינען שוין געווען אנדערע טרערען ווי ביז יעצט. דאס זיינען געווען טרערען פון חרטה, פון געוויסענסביסע פאר זיינע זינד, פאר זיין נאכלעסיגקייט; טרערען פון בושה פאר זיין גרויסען פאטער, וועמען ער וועט באלד דארפען קוקען אין די אויגען און אפגעבען דין וחשבון; טרערען פון רחמנות צו זיין ליעבען געטרייען פאטער, וועלכער וועט זיך אזוי פיעל מצער זיין ווען ער וועט דערזעהן וואס זיין ליעבער, אנגעטרויטער זוהן האט געמאכט צו זיין ליעבלינג-בילד; טרערען פון רחמנות פאר דעם שעהנעם בילד, וואס איז אזוי פארשמוצט און מיאוס; טרערען פון רחמנות צו זיך זעלבסט, פאר זיין זינקען אזוי נידעריג, פאר זיין פארדארבען זיך און אויך די וועלט; אנשטאט וואס די וועלט און אלע ברואים האבען געקענט זיין זיינע פריינד, זיינען זיי פארוואנדעלט געווארען צו זיין זיינע שונאים, און זוכען איהם צו טהאן שלעכטעס.

דאס זיינען געווען הימעלשע לייטערונגס-טרערען, הייליגע, תמימות-דיגע „תשובה-טרערען".

געפלאסען זיינען די טרערען אהן אויפהער און געפאלען אויפ'ן בילד; און די ריינע „תשובה-טרערען" האבען אפגעוואשען די שמוץ פון דעם בילד, עס אויסגעלייטערט, אומגעקערט צו איהר די אמאליגע שעהנקייט, ריינקייט, די אמאליגע צויבערליכע ליכטיגקייט.

און זיינע אמת'דיגע חרטה-זיפצען און קרעכצען האבען אויסגערייניגט די פארדארבענע לופט און אטמאספערע.

נאכמעהר, דאס בילד איז נאך שעהנער, ליכטיגער און צויבערליכער געווארען.

און ווען זיין פאטער איז ערשינען און געזעהן דאס בילד, האט זיך א געטליכער שמייכעל אויף זיינע ליפען באוויזען און א הימעלשער שיין האט פון זיין פנים געשטראהלט, זעהענדיג דאס זיין זוהן האט איהם נישט ענטוישט און געוואוסט ווי דעם טהייערען אוצר צו היטען.

און דער פאטער האט מיט גרוים ליעבשאפט און צערטליכקייט זיין קינד געבענשט, איהם ווידער דאס בילד אנגעטרויט, און געוואונשען אז אויך אין דער צוקונפט זאל ביי איהם דאס בילד אזוי ליכטיג שיינען; דערפאר וועט איהם וואויל זיין און ער וועט שטענדיג

זיין גליקליך, און זיין לעבענסוועג וועט זיין באלויכטען מיט געטליכע ליכט.

דעם פסוק „ואין צור כאלקינו" (ש"א ב'), ס'איז ניטאָ אַזאַ שטאַר־קייט ווי אונזער גאָט, טייטשען אויס אונזערע חכמים ז"ל (ברכות י' מגילה י"ג) „אין צייר כאלקינו", „ס'איז ניטאָ אַזאַ מאלער ווי אונזער גאָט".

יע, אַ גרויסער מאלער איז גאָט. וואָס פאַר אַ וואונדערליכע בילדער, לאַנדשאַפטען עס זעהט זיך אין יעדען ווינקעלע פון דער וועלט, אין יעדער פיצעלע פון דער נאַטור. זינט די וועלט שטעהט באַזינגען די פּאָעטען איהר שענקייט און מאלער מאָלען איהר. אָבער זיי האָבען נאָך זאָגאַר ניט באַזונגען פאָלקאָם, און ניט אַרויסגעבראַכט די גאַנצע שעהנקייט וואָס עס געפינט זיך אין איין בוימעלע, בלימעלע אָדער זאָגאַר גרעזעלע. און ווער רעדט נאָך וועגען די שטורעמדיגע שעהנקייט פון ים, דעם שטילען צויבער פון רוהיגע קוואַלען, די סודות־דיגע פּראַכטיגקייט פון וועלדער, די שמונה־עשרה'דיגע שטילקייט פון פעלדער מיט תבואה, לאָנקעס מיט גראָז, די הויכקייט פון די בערג און טיפקייט פון טהאָלען.

און געוויס וועלען זיי קיינמאָל ניט קענען אַרויסגעבען די שעהנ־קייט פון די הימלען, די מאַיעסטעטישע פּראַכט פון דער זון, די חלום־דיגע, בענקענדיגע, כישוף'דיגע גראַציע פון דער לבנה, דאָס גלימערען פון די שטיפערישע, טאַנצענדיגע שטערען.

ווארום ווען פון אַלע וועלדער זאָלען געמאַכט ווערען פּענזעלס, און פון די ימים פאַרב, און די הימלען לייוואַנט, און אַלע מענשען זאָלען לעבען אייביג און זיין מייקעל אנדזשעלאס, ראפאעלס, וועלען זיי זאָגאַר ניט אַזוי פיעל ווי אַ טראָפּען פון ים קענען קאָפּירען און נאָכמאַכען די שעהנקייט פון גאָט'ס בילדער אין דער נאַטור.

און באַשאַפען האָט גאָט אָט די אַלע בילדער אָהן מיה, אָהן אַרבייט, בלויז מיט זיין וואָרט, און מיט'ן אָטעם פון זיין מויל.

„בדבר ה' שמים נעשו וברוח פיו כל צבאם" (תהילים ל"ג ו' ה'), דורך גאָטס וואָרט זיינען געמאַכט געוואָרען די הימלען, דורך דעם אָטעם פון זיין מויל אַלע זייערע פּלאַנעטען. עיין מנחות כ"ט, ובבר"ר פ' י"ב ס"י, שהעולם נברא בה"א עיי"ש וה"א מתבטאת ע"י רוח הפה על ידי נשימה, והבן.

„בעשרה מאמרות נברא העולם" (אבות פ"ה), מיט צעהן אויס־שפריך איז די וועלט באשאַפען געוואָרען.

אָבער, כביכול, הקב"ה האָט מיט דער בילדער־גאַלעריע פון דער נאַטור זיך נאָך ניט צופרידען געשטעלט. נאָך אַ בילד האָט ער געוואָלט באשאַפען, וועלכעס זאָל זיין די קרוין פון זיינע אַלע שאַפונגען, און ער האָט געזאָגט:

„נעשה אדם בצלמנו כדמותנו" — לאָמיר מאַכען אַ מענשען אין אונזער בילד, נאָך אונזער גלייכעניש.

„וייצר ה' אלקים את האדם", און גאָט האָט באשאַפען אָדער אויסגעמאָלען (וייצר מלשון צורה) דעם מענשען. אויף איהם האָט שוין, כביכול, דער בורא געאַרבייט; ביי אַלע זאַכען וואָס גאָט האָט באשאַפען שטעהט אַז גאָט האָט געגעבען אַ באפעהל: „עס זאָל זיין!" און עס איז געוואָרען.

„ויאמר אלקים: יהי אור! ויהי אור", און גאָט האָט געזאָגט „עס זאָל זיין ליכט!" און עס איז געוואָרען ליכט, און אז"וו.

ביים מענשען שטעהט ניט גאָט האָט געזאָגט: „יהי אדם!" „עס זאָל זיין אַ מענש", און עס איז געוואָרען אַ מענש. ביי איהם שטעהט: „נעשה אדם", לאָמיר מאַכען אַ מענשען. איהם דאַרף מען מאַכען; אַרום איהם דאַרף מען אַרבייטען, און מען דאַרף אַרבייטען מיטביידע הענד.

די הימלען זיינען באשאַפען געוואָרען מיט די פינגער פון גאָט. „כי אראה שמיך מעשי אצבעותיך" (תהילים ח' ד'). דער מענש מיט ביידע הענד. „אחור וקדם צרתני ותשת עלי כפיך" (תהילים קל"ט), מיין פאַרגאַנגענהייט און מיין צוקונפט האָסטו געבילדעט און דו האָסט אויף מיר אַרויפגעלייגט דיינע הענד.

„מכאן לאדם ולבית המקדש שנבראו בשתי ידים" (מדרש תהילים, וילקוט תהילים רמ"ז תתפ"ח, בשם אגדת שמואל). דכתיב: „ידיך עשוני ויכוננוני (תהילים קי"ט ע"ג), „דיינע הענד האָבען מיר באַ־שאַפען און צו אַ שטאַנד געבראַכט".

פון די בעסטע מעטאַריאַלען, וועלכע גאָט האָט צונויפגעזאַמעלט פון אַלע טהיילען וועלט האָט ער דעם מענשען אויסגעאַרבייט.

די העכסטע און חשוב'סטע טהייל פון מענשען איז דער קאָפּ. דארום האָט דער בורא גענומען ערד פאַר דעם קאָפּ פון ארץ ישראל, וואָס וועגען איהר איז געשריבען:

„וראש עפרות תבל" (משלי ח' כ"ו)

אין מענשענס קאָפּ געפינט זיך די נשמה, שכל, דער כח פון חכמה ובינה. איז פאַר דעם צוגעפאַסט ארץ ישראל ערד, וועגען וועלכע עס ווערט געזאָגט: „אוירא דא"י מחכים" (בב"ב קנ"ח), די לופט פון ארץ ישראל מאַכט קלוג. און פון ארץ ישראל גופא האָט גאָט אויס־געקליבען פון די בעסטע, חשוב'סטע עפר, פון דעם אָרט וואו דער הייליגער מזבח איז געשטאַנען. ווארום כדי צו אַנטוויקלען די נשמה און דעם שכל וואָס געפינען זיך אין מוח מוז דער מענש ברייגנען קרבנות, מוז זיין גרייט אימער זיך מוסר נפש צו זיין.

א"ר יודן בן פזי מלא תרוד אחד עפר נטל הקב"ה ממקום המזבח וברא בו את האדם וכ"ו." (ירושלמי נזיר פ"ז ה"ב, ועיין בתורה התמימה בראשית. ובפדר"א: חבה יתירה חבב הקב"ה לאדם הראשון שבראו ממקום טהור וקדוש, ומאיזה מקום לקחו? ממקום בית המקדש).

פאַר זיין גוף האָט ער גענומען ערד פון אַ צווייטען לאַנד, וואו די לופט מאַכט קלוג, וואו תורה שבע"פ איז געשאַפען געוואָרען, בבל.

אמר רב אושעי' משמיה דרב: אדם הראשון גופו מבבל וראשו מארץ ישראל וכ"ו (ועיין שם במהרש"א).

די גאַנצע נאַטור איז מיט ווערטער און אָטעם פון גאָט'ס מויל באַשאַפען געוואָרען. ווי לאַנג געדויערט זאָגען אַ וואָרט אָדער אַן אָטעם טהאָן? אָבער אויסצואַרבייטען די וואונדערליכע באַשעפעניש מענש, גאָט'ס בילד, האָט, כביכול, גאָט געאַרבייט גאַנצע פינף שעה ביי זיין וואַרשטאַט.

„א"ר יוחנן בר' חנינא וכ"ו: שעה ראשונה הוצבר עפרו, שניה נעשה גולם, שלישית נמתחו אבריו, רביעית נזרקה בו נשמה, חמישית עמד על רגליו וכ"ו." אין דער ערשטער שעה איז אויפגעזאַמעלט גע־וואָרען די ערד, אין דער צווייטער האָט ער איהם אויסגעקנעטען ביז ער איז געוואָרען אַ גולם, אַ מומיע, אין דער דריטער זיינען אויסגע־פורעמט געוואָרען זיינע גלידער, אין דער פערטער האָט גאָט אריינ־

געבלאָזען אין איהם אַ נשמה, אין דער פינפטער שעה האָט זיך אדם געשטעלט אויף זיינע פיס, אַ פאָלקאָמער מענשען-בילד (סנהדרין ל"ח ובפדר"א פ' י"א).

עס האָט געדאַרפט ביי גאָט נעמען אַזוי פיעל צייט ביז וואַנעט: „וייצר ה' אלקים את האדם", גאָט האָט אויסגעמאָלען דעם מענשען. ווייל דורך דעם בילד מענש זעהט זיך אַרויס מעהר ווי פון אַלע בילדער הקדוש ברוך הוא'ס גרויסקייט.

„ולהגיד גדולתו של ממ"ה הקב"ה: אדם טובע כמה מטבעות בחותם אחד וכולן דומין זה לזה אבל הקב"ה טובע כל אדם בחותמו של אדם הראשון ואין אחד מהם דומה לחבירו (סנהדרין ל"ח).

אַ מענש שטעמפעלט מיט איין שטעמפעל אַ סך מטבעות און די צורות פון אַלע מטבעות זיינען גלייך איינע צו דער אַנדערער, אָבער דער הייליגער, געבענשט איז ער, האָט אָפּגעשטעמפּעלט אַלע מענשען מיט דער צורה פון אדם הראשון. אַלע מענשען האָבען איין פּנים מיט די זעלביגע שטריכען און דאָך געפינט זיך ניט צווישען ביליאָנען מענשען איין מענש זאָל זיין גלייך אין גאַנצען צום צווייטען זינט די וועלט עקזיסטירט און וועט עקזיסטירען.

זאָגאַר די גלידער פון איין מענשען זיינען ניט פאָלקאָם גלייך צום צווייטענס. מען פאַר'משפט אַ מענשען צו טויט-שטראָף לויט די פאָ־טאָגראַפישע שטריכען פון זיינע פינגער — פינגער-פרינטס.

און ניט נאָר די צורה, דער פנים פון יעדען מענשען איז אַנדערש, נאָר אויך זיין שטימע. יעדער מענש האָט אַן אַנדער קול; די שטימע פון מענשען איז לויט זיין פנים און דער פנים לויט זיין שטימע. דאָס זעלבע איז מיט מענשענס שכל, געדאַנקען, אידעען, אנשויאונגען, גע־פיהלען. יעדער פרצוף, געזיכט האָט אַן אַנדער שכל. דער שכל לויט'ן פרצוף און דער פרצוף לויט'ן שכל.

„כשם שאין פרצופיהן דומות זו לזו כך אין דעותיהן שוות" (ברכות נ"ח ועיי"ש סנהדרין ל"ח). „ובשלשה דברים אדם משתנה מחבירו: בקול, במראה ובדעת" (שם).

און אויב דער מענש האָט ערפונדען מיט זיין מענשליכען שכל אַן ערפינדונג, וועלכע זאָל איהם פאַרבינדען מיט אַנדערע מענשען פון איין עק וועלט צו דער צווייטער, „כתב, שריפט". איז ניטאָ קיין צוויי מענשען וועמענס האַנדשריפטען זאָלען זיין פונקט גלייך. אויך דער

סגנון, סטיל פון רעדען און פון שרייבען, איז ביי יעדען אנדערש. יעדען מענשען קען מען דערקאָנען זיין כאראקטער, פעהיגקייטען, מדות, גע־פיהלען, לויט זיין סטיל פון שרייבען און רעדען: „אין שני נביאים מתנבאים בסגנון אחד" (סנהדרין פ"ט).

„הסגנון הוא האדם" (מאמר החכם).

אָט די אַלע זאַכען זיינען די אויסדריקען פון מענשענס פנים, פון זיין צלם אלקים.

יע, אַ וואונדערליכעס בילד איז דער מענש, אַ צויבערליכעס, אונ־פאַרשטענדליכעס בילד; צוזאַמען מיט אונזער גרויסען קעניג דוד, רעדענדיג וועגען די מאַלונג פון מענשענס בילד, רופען מיר אויס: „פליאה דעת ממני נשגבה לא אוכל לה!"

דאָס צו פאַרשטעהן איז מיר אונבאַגרייפליך, צו הויך פאַר מיין מענשליכען שכל איך זאָל דאָס באַגרייפען (תהילים קל"ט).

ווען אדם מיט זיין צלם אלקים, געטליכע געשטאַלט האָט זיך אין דער וועלט באוויזען, האָט ער די גאַנצע וועלט פאַרנומען. רב יהודה זאָגט אינ'ם נאָמען פון רב אַז:

„אדם הראשון מסוף העולם ועד סופו היה" (חגיגה י"ב). אדם הראשון איז געווען פון איין עק וועלט ביז דער צווייטער גרויס. און רבי אלעזר זאָגט אַז:

„אדם הראשון מן הארץ עד לרקיע היה (שם), ער איז געווען הויך פון הימעל ביז דער ערד.

מיט דעם ווילען די אויבענדערמאָנעט חכמים זאָגען, אַז זיין מענ־שען-בילד האָט פאַרנומען די גאַנצע געטליכע נאַטור-גאַלעריע. ער האָט פאַרטונקעלט אַלע בילדער וואָס געפינען זיך אין דער נאַטור, פון הימעל ביז דער ערד, און פון איין טהייל וועלט צו דער צווייטער. אומעדום האָט זיך נאָר געזעהן זיין געטליך, מענשליך פנים.

און אַזוי שעהן איז זיין צורה געווען, אַזוי וואנדערליך איז ער אַרויסגעקומען פון דעם וועלט-אַרטיסטס האַנד, דאָס זאָגאַר די מלאכים, וואָס האָבען פריהער פראָטעסטירט קעגען דעם מענשענס באַשאַפונג, און ווען גאָט האָט געזאָגט:

„נעשה אדם בצלמנו כדמותנו", לאָמיר מאַכען אַ מענשען אין אונזער געשטאַלט, האָבען די מלאכים ניט געוואָלט דערלאָזען און געזאָגט:

„מה אנוש כי תזכרנו ובן אדם כי תפקדנו?"

וואָס איז דער שוואַכער מענש אַז דו זאָלסט וועגען איהם דענקען? וואָס איז דער מענשען-קינד אַז דו זאָלסט וועגען איהם טראַכטען?

אויך זיי, די מלאכים, זיינען באַצויבערט געוואָרען פון דעם מענשענס געטליכע-געשטאַלט, און זיינען אַריינגעפאַלען אין אַזאַ גרויסע התפעלות, עקסטאַז פאַר זיין פּרעכטיגער שעהנקייט, — מלאכים זיינען מבינים אויף שעהנקייט — דאָס זיי האָבען אַ טעות געהאַט און געדענקט אַז ער איז אַ גאָט און געוואָלט נעמען שפּרינגען פאַר איהם קדוש.

אמר רבי הושעיא בשעה שברא הקב"ה את אדם הראשון טעו בו מלאכי השרת ובקשו לאמר לפניו קדוש (בר"ר פ"ח).

רש"י: „לפי שנברא בצלם אלקים והן סבורים שהיא שכינה".

אויך אַלע ברואים פון דער וועלט זיינען פון זיין געטליכע גע-שטאַלט דערשראָקען געוואָרען, דענקענדיג אַז דאָס ער איז זייער באַ-שעפער, און זיינען געקומען צו איהם זיך בוקען.

עמד על רגליו והיה מתואר בדמות אלקים וראו אותו הבריות, ונתייראו, כסבורין שהוא בוראם, ובאו כולם להשתחוות לו (פדר"א פ' י"א, תנחומא פ' פקודי, עי"ש ותראה נפלאות מבריאת האדם).

ווען גאָט האָט דעם מענשען באַשאַפען, דערצעהלען אונזערע חכמים (קה"ר) [נטלו והחזירו על כל אילני גן-עדן ואמר לו: „ראה מעשי כמה נעים ומשובחים הם, וכל מה שבראתי — בשבילך בראתי; תן דעתך שלא תקלקל ותחריב את עולמי".]

האָט הקב"ה גענומען אדם'ען, באַוויזען איהם זיין גאַנצע נאַטור-גאַלעריע, אַלע וואונדערליכע בילדער, און ער האָט צו איהם געזאָגט: „באַטראַכט מיין אַרבייט ווי שעהן און ליבענסווערטה עס איז. דאָס אַלעס האָב איך נאָר באַשאַפען צוליעב דיר; שעהן וועט מיין וועלט-גאַלעריע זיין נאָר דאַן, ווען דו וועסט אָפּהיטען דעם צלם אלקים, מיין געשטאַלט, וואָס איך האָב דיר, מענש, געגעבען. ווען דיין פּנים וועט שיינען און לייכטען, ווי ער שיינט איצטער, דאַמאָלס וועט דיין שעהנ-קייט און ליכטיגקייט אָפּשטראַלען אויף אַלע בילדער פון דער נאַטור און אויך זיי וועלען שיינען און לייכטען אימער ווי זיי שיינען יעצט.

אויב אָבער דו וועסט מיין פנים ח"ו פאַרדאַרבען, פאַרשטויבען, פאַרשמוצען, קאַליע מאַכען, וועלען אַלע בילדער קאַליע ווערען. זיי וועלען פאַרלירען זייער נשמה, אינהאַלט און זאַגאַר עקזיסטענץ-באַ-רעכטיגונג. דעריבער בעט איך דיך, אָדם, קינד מיינער:

גיב אַכטונג אויף דיין געשטאַלט, אויף דיין מענשליכער צורה, אום דו זאָלסט ניט קאַליע מאַכען און חרוב מאַכען מיין גאַנצע וועלט.

„ויצו ה' אלקים על האדם לאמר" (בראשית ב' ט"ז), און גאָט האָט דעם מענשען אָנגעזאָגט פיעל מצוות, געבאָט, דורך וועלכע ער וועט קענען אויפהאַלטען די שעהנקייט פון זיין פנים.

ער האָט איהם אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל זיך היטען פון גרוים היץ, תאוה-היץ, ליידענשאַפטס-פייערען, ווען ער וועט קומען צו טהאָן עברות, און פון גרוים קעלט, קאַלטקייט, אָפּגעלאָזענקייט, אַפּאַטהיע, ווען ער וועט קומען צו טהאָן אַ מצוה.

ער האָט איהם אויך געגעבען זאַלבען, וועלכע האַלטען דעם פנים ליכטיג. ער האָט איהם געגעבען חכמה, שכל און דעת.

„חכמת אדם תאיר פניו", דעם מענשענס חכמה פאַרלייכט זיין פנים (קהלת ח' א').

גאָט האָט אויך אדם'ען פאַרזיכערט, אַז אַלע ברואים וועלען פאַר איהם מורא האָבען, דינען איהם און זוכען איהם צו געפעלען ווערען, זיין זיינע קנעכט, אַ דאַנק זיין געטליכע געשטאַלט.

„נעשה אדם בצלמנו כדמותנו" — לאָמיר מאַכען אַ מענש אין אונזער בילד, נאָך אונזער גלייכעניש. און דורכדעם וואָס ער וועט באַזיצען מיין געשטאַלט:

„וירדו בדגת הים ובעוף השמים ובבהמה ובכל הארץ וכ"ו", וועלען זיי געוועלטיגען איבער די פיש פון דעם ים, און איבער די פויגלען פון דעם הימעל, און איבער די בהמות, און איבער דער גאַנצער ערד. קיין שום חיה, קיין שום מזיק וועט דיר קענען שלעכטעס טהאָן, הערשען איבער דיר, כל זמן דו פאַרמאָגסט, מענש, דיין מענשליך פנים.

אזוי זאָגט רמי בר חמא: אין חיה רעה שולטת באדם אלא א"כ נדמה לו כבהמה וכ"ו (סנהדרין ל"ח), אַ חיה רעה קען ניט באַהערשען דעם מענשען, סיידען אַז די חיה דענקט וועגען מענשען אַז ער איז

א בהמה, א צוויי-פיסיגע בהמה. און דענקען קען די חיה אזוי בלויז דאן, ווען דער מענש פארלירט דורך זיינע בהמה'שע מעשים זיין מענשליכען פנים.

דניאל איז געווען אין א גרוב מיט לייבען און זיי האבען איהם ניט אנגערירט. דאס איז ניט געווען אן איבערנאטירליכער נס, נאר פארקערט, א נאטירליכע זאך, ווייל — ערקלערט דער זוהר הק' אין פ' משפטים: — זיין צלם אלקים, מענשליכער פנים, איז געווען גאנץ, און די לייבען האבען פאר איהם, זייער האר, מורא געהאט (עיין עץ יוסף על עין יעקב, סנהדרין ל"ח.)

ווען קין האט מקנא געווען זיין ברודער הבל, און איהם האט זעהר פארדראסען, שטעהט געשריבען:

„ויחר לקין מאד ויפלו פניו", קין איז געווארען זעהר בייז און זיין פנים איז אראפגעפאלען, פארלארען דעם מענשליכען פנים. און ווען ער האט שפעטער זיין ברודער הבל'ן גע'הרג'עט און גאט האט איהם געשאלטען, און ער האט אנערקענט זיין גרוים זינד, האט ער געזאגט:

„גדול עוני מנשא" — מיין זינד איז צו גרוים אריבערצוטראגען איהר שטראף;

„הן גרשת אותי היום מעל פני האדמה", אט האסטו מיר היינט פארטריבען פון דעם געזיכט פון לאנד.

„ומפניך אסתר", און פון דיין פנים וועל איך זיין פארבארגען; מעהר וועל איך, קין, דער רוצח, דיין פנים ניט האבען. מיין פנים וועט יעצט זיין א בהמה'שער אדער חיה'שער.

„והיה כל מוצאי יהרגני", און יעדערער וואס וועט מיר געפינען וועט מיך טויט שלאגען (עיין רש"י שם פ' ט"ו בשם ס"א).

„אנה — וואו", וואו קען איך, מענש, געהן, זיין, אהינקומען? אויב: „אלך מרוחך", אויב איך זאל אוועקגעהן פון דיין גייסט, וועלכען דו האסט אין מיר, מענש, אריינגעבלאזען;

„ואנה — וואו איז דער ארט אין וועלכען איך זאל זיך קענען פאר־באהאלטען, קיינער זאל מיר קיין שלעכטעס קענען טהאן?" אויב: „מפניך אברח" (תהילים קל"ט ז'), אויב איך, מענש, זאל פון דיין פנים

אנטלויפען, פון דיין געטליכען פנים מיט וועלכער דו האָסט מיר באַ-קרוינט?

ניט געהיט האָט דער מענש זיין צלם אלקים, איהם פאַרדאָרבען, און אַז דאָס בילד האָט פאַרלאָרען זיין ווערטה, האָבען אַלע בילדער פון דער נאַטורס-גאַלעריע קיין ווערדע געהאַט, און הקב"ה האָט געזאָגט:

„אמחה את האדם אשר בראתי מעל פני האדמה מאדם עד בהמה עד רמש ועד עוף השמים וכ"ו" (בראשית ו' ה'), איך וועל אָפּמעקען דעם מענשען וואָס איך האָב באַשאַפען פון דעם געזיכט פון דער ערד, פון אַ מענשען ביז אַ בהמה, ביז אַ שרץ, און ביז אַ פויגעל פון הימעל.

ווארום די אַלע באַשעפענישען האָבען נאָר געהאַט אַ ווערדע, אינהאַלט, ווען דאָס בילד פון מענש איז צווישען זיי געוועזן. יעצט אַז ער האָט געזינדיגט, זיין בילד פאַרדאָרבען, צו וואָס דאַרף מען זיי האָבען? (עיין שם ברש"י).

אויב דער חן פון מענשענס פנים איז ניטאָ אין מיין וועלט האָבען אַלע ברואים מעהר קיין חן אין מיינע אויגען. און גאָט האָט געבראַכט אַ מבול און דערטרונקען, אָפּגעוואַשען די גאַנצע בילדער-גאַלעריע.

אויסער איין מענש האָט זיך געפונען, וועלכער האָט אָפּגעהיט זיין געטליכען פנים, זיין צלם אלקים, און צוליעב דעם האָט ער געפונען חן אין די אויגען פון גאָט און ניצול געוואָרען, — נ ח.

„ונח מצא חן בעיני ה'" (בראשית ו' ח').

נאָך מענשען האָבען זיך שפּעטער געפונען, וועלכע האָבען געהיט זייערע פנים'ער, וועמענס פנים'ער זיינען אויסגעקריצט אויפ'ן כסא-הכבוד, גאָט'ס טהראָן (ספרי קבלה) אַברהם, יצחק ויעקב און יעקב'ס קינדער, משה, אהרן אז"וו. אָבער גאָט האָט זיך מיט דעם ניט באַנוגענט און ער האָט אויסערוועהלט דאָס פאָלק ישראל, איהם געגעבען זיין תורה, כדי:

„ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש" (שמות י"ט ה'), איהר זאָלט צו מיר זיין אַ קעניגרייך פון כהנים און אַ הייליגעם פאָלק.

„ועתה אם שמוע תשמעו בקולי ושמרתם את בריתי", און אַצונד, אויב צוהערען וועט איהר צוהערען צו מיין קול און איהר וועט היטען מיין בונד,

„והייתם לי סגולה מכל העמים", וועט איהר זיין ביי מיר אַ גע־שעצטע אייגענטהום, מעהר פון אַלע פעלקער,

„כי לי כל הארץ", כאָטש צו מיר געהערט די גאַנצע וועלט, און אַלע פעלקער זיינען מיר ליעב און טהייער. אַלע פעלקער זיינען שעהנע בילדער אין מיין וועלט-גאַלעריע.

אָבער איך וויל איין פאָלק, וועלכעס זאָל זיין אַ ס ג ו ל ה, אַן אויסנאַהם-בילד, וועמענס פנים זאָל באשיינען און באלויכטען אַלע ביל־דער פון אַלע פעלקער.

מיט דעם פאַרשטעהען מיר דעם נוסח-הברכה, מיט וועלכען גאָט האָט פאַרזאָגט די כהנים צו בענשען זיין פאָלק ישראל:

„יברכך ה' וישמרך, יאר ה' פניו אליך ויחונך, ישא ה' פניו אליך וישם לך שלום" (במדבר ו' כ"ד).

גאָט זאָל דיך בענשען און דיך היטען! גאָט זאָל דערלייכטען זיין פנים צו דיר און דיך לייטזעליגען! גאָט זאָל אויפהייבען דיין פנים צו דיר און דיר געבען פריעדען!

אונזערע חכמים ערקלערען די ברכה אַזוי: „יברכך — בממון", ער וועט דיר בענשען מיט געלט, „וישמרך מן המזיקים", און ער וועט דיר היטען פון מזיקים (ועיין ברש"י ובמדרשים הביאור של שאר הברכות).

אָבער ווען וועסטו קענען זיין געבענשט מיט רייכטהום? ווען וועסטו זיין באשיצט פון מזיקים?

איז דער ענטפער: „יאר ה' פניו אליך ויחונך", ווען גאָט וועט דערלייכטען זיין פנים צו דיר און דיר געבען חן ביי אַלעמען; אויב גאָט'ס פנים לייכט ביי דיר, האָסטו ביי אַלעמען חן, אפילו ביי מזיקים. דיר וועלען זיי ניט מזיק זיין, וואָרום זיי האָבען מורא פאַר דיר, זייער האַר.

אָבער אום דעם מענשענס פנים זאָל זיין געטליך באלויכטען, און זיין אַ מענשליך פנים, דאָס באלאַנגט שוין צום מענשען זעלבסט. ער זעלבסט דאַרף זיך מיט דער ברכה פון י א ר ה' פ נ י ו א ל י ך בענשען. ווי אַזוי? ערקלערט דער ספרי פאָלגענדעס:

„יאר ה' פניו אליך. יאר — זה מאור התורה. שנאמר (משלי ו'): כי נר מצוה ותורה אור".

גאָט זאָל לייכטען זיין פנים מיינט: „עס זאָל פון דיין פנים לייכטען דאָס ליכט פון תורה און מצוה".

און אָנצינדען די ליכט פון תורה און מצוה, זיי זאָלען לייכטען פון פנים, דאָס ווענדעט זיך, ווי באַוואוסט, אין מענשען זעלבסט.

דאָס גלייכען קען געזאָגט ווערען וועגען די ברכה: „ישא ה' פניו אליך וישם לך שלום", גאָט זאָל דיר געבען פריעדען. „שלום בכניסתך", שלום אין דיין אַריינקומען, „שלום ביציאתך", שלום אין דיין אַרויסגעהן, „שלום עם כל אדם" (במד"ר פ' י"א), שלום מיט אַלע מענשען, וואו דו ווענסט זיך קערען און ווענדען וועסטו אַלץ האָבען שלום.

אָבער ווען?

ווען בעפאָר וועט ביי דיר זיין: „ישא ה' פניו אליך", אז גאָט'ס פנים וועט זיין ביי דיר אויפגעהויבען דורך דיינע מעשים, דורך דער ליכט פון תורה און מצוות.

תורה און מצוות זיינען די זאַלבען וואָס דער צייר-אַרטיסט הקב"ה האָט געגעבען צו זיין ליעבען זוהן ישראל, דורך וועלכע ער זאָל קענען האַלטען אין גוטען אָרדענונג דאָס וואונדערליכע בילד, וואָס איז איהם אָנגעטרויט געוואָרען, דעם צלם אלקים, זיין געטליך-מענשליכען פנים.

און אַזוי ווי ביים אדם פרטי איז געזאָגט געוואָרען אַז: „אין חיה רעה שולטת באדם אלא א"כ נדמית לו כבהמה" (שבת קנ"א, סנהדרין ל"ח), אַ שלעכטע חיה קען ניט געוועלטיגען אויפ'ן מענשען סיידען ער האָט אַפריהער פאַרלאָרען דורך זיינע זינד זיין צלם אלקים, זיין מענש-ליכען פנים, און ער קוקט אוים אין די אויגען פון דער פיער-פיסיגער חיה ווי אַ בהמה, אַזוי איז אויך ביי אַ גאַנצען כלל פון אידען (עיין שם בעץ יוסף וענף יוסף).

עס האָט גענומען העכער הונדערט יאָהר ביי די רעפאָרמאַטאָרען און אַסימילאַטאָרען אין דייטשלאַנד אַפצומעקען זייערע עכט-אידישע, געטליכע, טראַדיציאָנעלע פנים'ער און זיי פאַרוואַנדלען אין עכטע אַריש-דייטשישע פנים'ער, אום אַ צוויי-פיסיגע חיה רעה — היטלער — זאָל פאַר זיי קיין מורא האָבען און אָנפאַלען אויף זיי אין מיטען העלען ליכטיגען טאָג, ווען די ציוויליזאַציאָנס-זון שיינט אין דער וועלט, און זיי וועלען פאַרצוקען פאַר דער גאַנצער וועלט אין די אויגען.

אַ זאַך וואָס וואָלט קיינמאָל ניט פּאַסירען, ווען זייערע פּנים'ער וואָלטען זיין עכט-אידישע, צלם אלקים'דיגע.

„וראו כל עמי הארץ כי שם ה' נקרא עליך ויראו ממך" (דברים כ"ח י'), און אַלע פעלקער פון דער ערד וועלען זעהן, אַז גאָט'ס נאָמען ווערט גערופען אויף דיר, וועלען זיי מורא האָבען פאַר דיר. זאָגט אויף דעם דער גרויסער רבי אליעזר:

„אלו תפילין שבראש" (ברוכות ח').

דאָס מיינט: „זיי וועלען זעהן דיינע תפילין וואָס דו טראָגסט אויפ'ן קאָפּ". דורך טראָגען תפילין ווערט גאָט'ס נאָמען גערופען אויף דיר, ווייל דורכדעם טראָגסטו דעם צלם אלקים.

דורך טראָגען תפילין היטסטו אָפּ די שעהנקייט און ליכטיגקייט פון דעם געטליכען פּנים, פאַר וועלכען נאַצישע חיות פירכטען און רעספּעקטירען.

ווען אידען האָבען געזאָגט: „נעשה ונשמע", האָבען צוגעשטימט צו נעמען די תורה און איהר היטען, האָט גאָט זיי געשענקט אַ גרויסע ציערונג, זיי האָבען זוכה געווען דאָס זייערע פּנים'ער האָבען געשיינט מיט „זיוו השכינה", מיט שכינה-גלאַנץ. אָבער מאַכענדיג דעם עגל האָבען זיי עס פאַרלאָרען.

„ויתנצלו בני ישראל את עדים מהר חורב", און די קינדער פון ישראל האָבען זיך אויסגעטהאָן זייער ציערונג פון באַרג חורב, פאַרלאָרען זייערע זיו-השכינה'דיגע פּנים'ער, וואָס זיי האָבען באקומען ביים באַרג חורב בשעה קבלת התורה, און דאָס איז אַוועקגעגעבען געוואָרען במתנה צו משה רבינו. און זיין פּנים האָט אַזוי געשיינט און געשטראַהלט, אַז ער האָט געמוזט טראָגען אַ מסוה, אַ צודעק אויף זיין פּנים (עיין שבת פ"ח ע"א ועיין בתורה תמימה על הפסוק הזה).

ווען משה האָט תפילה געטהאָן פאַר אידען און גאָט האָט זיי מוחל געווען, האָבען זיי צוריק זייערע געטליכע פּנים'ער באַקומען. אָבער גלייך נאָכדעם זיינען אידען פאַרזאָגט געוואָרען מיט דער מצוה פון „ראיה".

„שלש פעמים בשנה יראה כל זכורך את פני האדון ה' אלקי ישראל" (שמות ל"ז כ"ג), דריי מאָל אין יאָר זאָלען אַלע דיינע מאַנספאַרשוינען זיך ווייזען פאַר דעם הערר, דיין גאָט, דעם גאָט פון ישראל.

גאָט וויל זעהן דריי מאָל אין יאָהר די פּנים'ער פון זיינע קינדער: צי זיי לייכטען און שיינען ווי עס דאַרף צו זיין. ער פאַרלאַנגט פון זיי, בעט ביי זיי:

„ולא יראו פני ריקם (שם כ'), מיין פּנים זאָל ניט געזעהן ווערען ליידיג, ליידיג פון געטליכען געשטאַלט, ליידיג פון זיו השכינה.

און אויב עס האָט פּאַסירט אַז צווישען איין יום-טוב און צווייטען איז אַביסעל דער צלם אלקים פאַרפלעקט געוואָרען, אָפּגעקראַכען די פאַרב, אָפּגעבליאַקירט געוואָרען, איז דאָס אין ירושלים, אין בית המקדש, וואו אַלץ האָט געאָטעמט מיט קדושה, וואו אויף אַלעמען האָט גערוהט די שכינה. און מיט די געטליכע לעהרע פון די כהנים, צוריק אָפּגעפרישט געוואָרען, צוריק ריין און הייליג געוואָרען.

און ווען זיי זיינען צוריק צו זייערע היימען געקומען, האָבען זייערע פּנים'ער געשיינט מיט זיו השכינה שיין.

און ניט בלויז דערוועקט, רופט אַרוים דעם מענשענס פּנים רעספּעקט און מורא ביי אַלע ברואים, מענש, חיה, עוף און שרץ, ווען ער איז נאָהענט לעבען זיי, ווען זיי קענען זעהן זיין פּנים, נאָר זאָגאַר ווען ער איז ניט אין זייער געגענוואַרט, ווען ער איז ווייט פון זיי. האָבען זיי מורא צו טהאָן צו איהם זאַכען וואָס קענען איהם פאַרשאַפען צער, ווייל זיין מורא'דיגע געטליכע געשטאַלט שטעהט אימער פאַר זייערע אויגען.

זיי האָבען מורא אָנצוריהרען זיין הויז און זיין פעלד, זיין קוה און זיין הוהן.

אַזוי האָט גאָט ב"ה פאַרזיכערט צו די אידען, ביי דער מצוה פון „עליה לרגל":

„ולא יחמד איש את ארצך בעלותך לראות את פני ה' אלקיך שלש פעמים בשנה" (נשמות ל"ד כ"ד).

און קיינער וועט ניט גלוסטען דיין לאַנד ווען דו וועסט אויפגעהן נאָך ירושלים: „לראות את פני ה' אלקיך", זיך צו באַווייזען מיט דיין געטליכען פּנים וואָס דו באַזיצט (האי את פירושו - עם, והבן) דריי מאָל אין יאָהר.

זאָגען אויף דעם אונזערע חכמים ז"ל:

„מלמד שתהא פרתך רועה באפר ואין חיה מזיקתה, תרנגולך מנקרת באשפה ואין חולדה מזיקתה".

ד"ה גאָט האָט פאַרזיכערט אידען דאָס אין זייער אבוועזענהייט וועט זיך אַ קוה פאַשען אין פעלד און קיין חיה וועט איהר ניט מזיק זיין. דאָס גלייכען וועט אַ הוהן אַרומגעהן קלייבען קערענדלאך און קיין קאַץ אָדער קראָט וועט איהר ניט מזיק זיין. און טאַמער האָט אַמאָל אַ קאַץ געוואָלט צורייסען היהנער, האָבען זיי איהר אַפריהער צוריסען.

און ניט בלויז האָבען זיי זעלבסט ניט מזיק געווען, נאָר די חיות רעות זיינען געוואָרען שומרים ניט צו לאָזען אַנדערע שאדען צו טהאָן. אַזוי האָט אַמאָל פּאַסירט, דאָס איינער האָט געלאָזען זיין הויז אָפען, האָט ער קומענדיג צוריק געפונען אַ שלאַנג אַרומגעקניפּט ביי די טהיר-רינגען. און אַ צווייטער האָט געלאָזען זיין הויפען פון תבואה אויפ'ן פעלד, האָט ער קומענדיג צוריק פון ירושלים געפונען לייבען אַרומגע-רינגעלט אַרום די תבואה, היטענדיג איהר.

צוויי רייכע אידען זיינען געווען אין אשקלון, און זייערע שלעכטע געצען-דינערשטע שכנים האָבען באשלאָסען דאָס ווען זיי וועלען אַוועק-געהן עולי רגל זיין זאָלען זיי זייערע הייזער חרוב מאַכען. אָבער יעדען טאָג, קומענדיג צו די הייזער, האָבען זיי געפונען דאָרטען די אידען. ווען די אידען זיינען צוריק געקומען, האָבען זיי געבראַכט פון ירושלים מתנות צו זייערע שכנים. האָבען זיך די שכנים געוואונדערט: סטייטש ווען זייט איהר געווען אין ירושלים? דאַן האָבען די געצען-דינער פאַר-שטאַנען אַז מלאכים האָבען זיך פאַרשטעלט פאַר די אידען און געהיט די הייזער.

האָבען זיי געלויבט צום גאָט פון אידען, וועלכער האָט די אידען אָפּגעהיט פון שלעכטעס און אויך זיי פאַרהיט פון צו טהאָן שלעכטעס.

די מלאכים, דאָס זיינען געווען די געטליכע אידישע פּנים'ער, וועלכע די אידען האָבען געהאַט, וועלכע האָבען געשוועבט אין זייערע הייזער און אָנגעוואָרפען אַ שרעק אויף זייערע שונאים (עיין ירושלמי פאה פ"ג ושה"ש רבה ז').

„ומפני חטאינו גלינו מארצנו", צוליעב אונזערע זינד זיינען מיר פאַרטריבען געוואָרען פון אונזער לאַנד, פון ירושלים, פון אונזער בית המקדש, די גייסטיגע סטודיאו, ווערקשטאַט, וואו אונזערע געטליכע

פנים׳ער האָבען זייערע תיקונים באַקומען, צוריק שעהן און ליכטיג געוואָרען.

אָבער אויך אין גלות האָבען מיר אידען געהיט אונזערע אידישע פנים׳ער, באַוואַכט אונזער צלם אלקים.

יעדען טאָג פלעגט דער איד געהן אין שוהל און בית המדרש, וואו ער פלעגט באַקומען הארת-פנים, זיו-השכינה, און אויב אפילו דורכ׳ן שווערען גלות-יאָך און לעבענס-קאַמפּף האָט זיך אויף זיין פנים אויפ-געקליבען אַביסעל שטויב דורך דער וואָך. פלעגט ער צוריק זיין תיקון באַקומען דורכ׳ן הייליגען שבת, ווען ער פלעגט פאַרוואַנדעלט ווערען אין אַ פּרינץ, און זיין פנים האָט געשיינט מאַיעסטעטיש, איידעל, הייליג, מיט הימעלשע ליכט, פון מעין עולם הבא׳דיגע תענוגים. „שבת אחד משישים לעולם הבא" (ברכות נ"ו), און יעדען אידען פלעגען צוויי מלאכים באַגלייטען, געהענדיג פון שוהל אַהיים (שבת קי"ט).

יעדער איד פלעגט זיך יעדען טאָג און מכל שכן שבת ויו"ט טובל׳ען אין די תורה-קוואַלען, און זיך שמירען מיט מצוות-זאַלבען און דער נר מצוה און אור תורה פלעגט שטראַהלען פון זיין ליכטיגען פנים.

און ווי שעהן און ליכטיג זיינען געוועזען די פנים׳לאַך פון אונזערע קינדערלאַך. ווי צויבערליך עס פלעגט אַרויסשטראַהלען און אַרויס-בלישטשען פון זייערע תמימות׳דיגע אייגעלאַך דער „אור הגנוז", די פאַרבאַהאַלטענע ליכט פון תורה און מצוות, פון אידישען שטאָלץ, פון ליעבע צו זייער מאַרטירער-פאָלק, וואָס זיי האָבען באַקומען אין די חדרים, ת"ת, ישיבות, בתי מדרשים און שוהלען, אין וועלכע זיי האָבען טאָג און נאַכט פאַרבראַכט.

ליידער אָבער קענען מיר דאָס זעלבע ניט זאָגען וועגען אונז און אונזערע קינדער אין אַמעריקע.

פאַררייגעלט מיט שווערע אַפּאַטישע און עם-הארץ׳ישע שלעסער זיינען די ארוני הקודש, פאַרוויקעלט און פאַרקניפּט זיינען די הייליגע ספרי תורות מיט שטאַרקע זיידענע גאַרטעלאַך, באַשווערט זיינען זיי מיט שווערע זילבערנע און גאָלדענע עטרות, פּוסט זיינען די שוהלען, ליידיג די בתי מדרשים, חרוב די תלמוד תורות, פאַרלאָזען די ישיבות, די טליתים צופרעסען פון מאיל, די תפילין פאַרשימעלט, שבתים און ימים טובים פאַרשוועכט, דער אידישער פאַמיליען-לעבען פאַראומריי-

ניגט, טמא, דער כשר׳ער טיש פאַרפּאַטשקעט מיט נבילות וטריפות. דאָס גלייכען די מאָגענס; די בלוט פערפיגולט, פאַראומווירדיגט, פאַר־מיאוס׳ט מיט שקצים ורמשים, מיט בשר בחלב.

און דאָס אַלעס האָט איבערגעאַנדערשט דעם אידישען פנים; דער צלם אלקים איז פאַרשאָטען מיט שטויב, בלאָטע, שמוץ, צוקראַצט, צוריסען און צופליקט.

און וואו זיינען די תמימות׳דיגע פנים׳ער פון אונזערע קינדערלאך? פגומים, בני הנדה, אויסגעקאָרמעט מיט פיגול וטמא, דערווייטערט פון די שוהלען און בתי מדרשים. טאַטעס און מאַמעס האָבען זיי אַליין אַרויסגעטריבען פון די תלמוד תורות און ישיבות, אָדער, בעסער גע־זאָגט, זיי קיינמאָל ניט געבראַכט דאָרטען, ניט געוויזען זיי דעם וועג צו זיי.

איז אַ וואונדער אַז זיי ווערען רויט פון חרפה ווען מען דערמאָנט זיי דעם נאָמען איד, „דזשו", ווען מען זאָגט זיי אַז זיי האָבען אַ אידישען נאָז?

איז אַ וואונדער אַז ביי דעם הייליגען, שעהנעם פאָלק ישראל האָבען זיך באוויזען מענשען מיט בהמה׳שע און חיות׳שע פנים׳ער? פנים׳ער פון געננסטער, ראַקעטירס, געמבלער, גנבים, מערדער, — אַ זאַך פון וואָס אידען האָבען קיינמאָל ניט געוואוסט אין גאַנצען פאַרלויף פון גלות, אין די ערגסטע עקאָנאָמישע און גלות׳דיגע אומשטענדען?

„אוי מה היה לנו!" וועה געשריגען, וואָס צו אונז איז געשעהן! וואו פאַרבאַהאַלט מען זיך פון חרפה?"

צום גליק ווערט נאָך אויך אין דיזען לאַנד די מצוה פון „ראיה", פון „בעלותך לראות את פני ה׳", פון זיך קומען באווייזען מיט׳ן פני ה׳, ווינציגסטענס איין מאָל אין יאָהר, ימים נוראים, אין אַ גרויסער מאָס אָפּגעהיט.

און אַ ציטער געהט אַדורך ביי אַלעמען ווען עס ווערט דערהערט ר"ח אלול דער קול השופר.

„היתקע שופר בעיר והעם לא יחרדו?! סיידען ביי די ביי וועלכע דער צלם אלקים איז שוין אין גאַנצען אָפּגעמעקט; אידישע קינדער פאַרזאַמלען זיך אין די שוהלען, עס הערען זיך קרעכצען, זיפצען פון

צובראָכענע הערצער, עס פליסען טרערען פון די אויגען, רינען איבער די פנים'ער.

אָבער, צום באַדויערען, ניט אַלע טרערען וואַשען אָפּ, רייניגען אָפּ די שטויב און בלאָטע פון געטליכען פנים. פאַרקערט — פאַרשמוצען איהם נאָך מעהר. ווייל דאָס זיינען ניט קיין ריכטיגע הייליגע טרערען. דאָס זיינען ניט קיין טרערען אויף „גלות השכינה", אויף דעם וואָס די שכינה, זיו השכינה, איז פאַרטריבען געוואָרען פון פנים.

דאָס זיינען וואָכענדיגע טרערען: טרערען פון אונערפילטע פאַר־לאַנגען, פון אונדערגרייכטע עולם-הזה'דיגע ציעלען, פון אונצופרידענ־געשטעלטע קערפּערליכע גלוסטונגען, פון אונגעזעטיגטע לוקסוריעזע תענוגים, קליינליכע, מינדערווערטהיגע, עגאָאיסטישע, נאַריש-קינדער־שע טרערען. וועגען צופלאַצטע זייף-בלעזלאך, וועגען איינגעפאַלענע קאַרטען-שטיבלאך, וועגען דברים טפלים, ניט וועגען עיקר, וועגען דער הויפּט-פראַגע פון:

„ואיך אבוא לראות פני המלך?" ווי אַזוי וועל איך קענען זעהן דעם פנים פון קעניג, פון אב הרחמן, וועלכער האָט מיר אָנגעטרויט כביכול זיין געטליכען בילד צו היטען און איך האָב דאָס אַזוי פאַר־נאכלעסיגט, פאַרשמוצט, פאַראומרייניגט?

אַזעלכע טרערען פאַרשמוצען נאָך מעהר דעם געטליך-מענשליכען פנים.

אַ גאַנצען חודש האָט דער קול השופר געוואָרענט, אַז דער הימעל־שער פאָטער קומט. און יעצט, ווען עס וועט געהערט ווערען די תרועה פון קול השופר, איז די מינוט פון זיין ערשיינען געקומען.

„עלה אלקים בתרועה ה' בקול שופר".

טהייער, זעהר טהייער, איז די איצטיגע מינוט. ס'איז אַ גרויסער הייליגער מאָמענט. יעצט קען נאָך אַלץ פאַררעכט ווערען, ווען אַן אמת'ער הרהור תשובה זאָל אין אונז ערוועקט ווערען, ווען אמת'ע הייליגע תשובה - טרערען, לייטערונגס - טרערען זאָלען פון אונזערע אויגען אַרויספליסען, ווען ריכטיגע חרטה - זיפצען און געוויסענס-ביסע קרעכצען זאָלען פון אונזערע צובראָכענע הערצער זיך אַרויסרייסען. ווארום:

„לב נשבר ונדכה אלקים לא תבזה" (תהילים נ"א י"ט).

„אשרי העם", גליקליך איז דאָס פאָלק וואָס: „יודעי תרועה", וועלכע ווייסען ווי צו קרעכצען און זיפצען, וואָס ווייסען ווי צו וויינען, וואָס ווייסען און פאַרשטעהען ווי אַרויסצוברייינגען ראש השנה „שברים און תרועות". „כדי לרצות את בוראם" (רש"י), איבערצובעטען זייער שעפער, צייר־אַרטיסט. וואָס ווייסען און פאַרשטעהען אַז ימים־נוראַדיגע תרועות און שברים, קלאָגען, וויינען, קרעכצען און זיפצען דאַרפען זיין וועגען דעם אַז:

„ה' באור פניך יהלכון",

צו געהן אין דער וועלט, אין לעבען מיט די ליכטיגקייט פון גאָט'ס פנים, אַז געטליכע ליכטיגקייט זאָל פון אונזערע פנים'ער שיינען, אַז אונזערע צלם־אלקים'ס זאָלען זיין ריין און הייליג, ווי עס פאַסט פאַר מענשען און איבערהויפט פאַר אידען, דער עם הקדוש.

אַזעלכע תשובה־טרערען האָבען דעם כח צו לייטערען אונזער צלם אלקים, איהם מאַכען ריין, הייליג און שיינענד נאָך מעהר ווי פריהער, וויל „במקום שבעלי תשובה עומדים אין צדיקים גמורים יכולים לעמוד".

די ליכט וואָס שיינט אַרוים פון בעלי תשובות פנים'ער איז שטאַרקער זאָגאַר פון דער ליכטיגקייט פון צדיקים'ס פנים'ער, און דאַמאָלס וועט גאָט זעהן אונזערע שעהנע, ליכטיגע, אידישע, מענשליכע פנים'ער, ווי גוט מיר האָבען זיין געטליך בילד אָפגעהיט, וועט ער אונז ווידער צום נייעם יאָהר אַנגעטרויען צו האַלטען זיין בילד, אונזער צלם אלקים; און אונז בענשען מיט אַ שנת חיים ושלום, שנת אורה ושמחה, הימעלשע פרייד וועט אַנפילען אונזער לעבען און דער „אור פני ה'" וועט אונזער לעבענס־וועג באלייכטען, און ביי אונז וועט מקוים ווערען צום נייעם יאָהר דוד המלך'ס ברכה:

„אשרי העם יודעי תרועה ה' באור פניך יהלכון".

אמן.

דרוש ז׳ לפ׳ בראשית, לבר מצוה

די זון און די לבנה

פון רבי׳ן צום תלמיד. אַ סימבאָלישע לעהרע פאַר אַ בר מצוה. ווי אַזוי זיך צו פיהרען ווען ער וויל זיין אַ גדול, אַן אמת׳ער בר מצוה, וועמען אַלע זאָלען מקבל פנים זיין מיט ברכות אויף די ליפען.

ויעש אלקים את שני המאורות הגדולים את המאור הגדול לממשלת היום ואת המאור הקטן לממשלת הלילה וגו׳.

און גאָט האָט געמאַכט צוויי גרויסע ליכט, דאָס גרעסערע ליכט צו געוועלטיגען ביי טאָג, און דאָס קלע־נערע ליכט צו געוועלטיגען ביי נאַכט אז״וו.

מיין טהייערער, געהאָרכזאַמער תלמיד!

איך בין גליקליך היינטיגען טאָג, דער טאָג פון דיין בר מצוה. מיין שמחה איז די זעלביגע ווי פון דיינע ליעבע עלטערן. לויט די רייד פון אונזערע הייליגע חכמים ז״ל איז אַ רבי אַלץ איינס ווי אַ פאָטער. אַ רבי איז אַ גייסטיגער פאָטער, און לויט דעם דין דאַרף מען דעם רבי׳ן זאָגאַר מעהר כבוד אָפגעבען ווי דעם פאָטער. (ב״מ ל״ג.)

די געפיהלען פון אַ רבי׳ן צום תלמיד זיינען אויך די זעלביגע ווי פון עלטערן צו זייער קינד: אַ רבי, אַזוי ווי עלטערן, זיינען ניט מקנא ווען זייער קינד און תלמיד וואַקסט אוים גרעסער פון זיי.

„בכל אדם מתקנא חוץ מבנו ותלמידו״ (סנהדרין ק״ה). דארום וועלענדיג דיר זעהן אויסגעוואקסען גרוים, זאָלסט שיינען און ברייגנען ליכט צו אונזער פאָלק, צו דיינע ליעבע עלטערן און צו מיר, געפין איך פאַר ראַטהזאַם און נויטיג דיר אָנצואווייזען דעם וועג אויף וועלכען דו דאַרפסט ווייטער געהן.

צווישען אַ סך פון מיינע תלמידים האָב איך, צו מיין באַדויערען, אויסגעפונען, אַז די שמחה פון ווערען בר מצוה איז ביי זיי דארום אַזוי גרוים, ווייל דאַמאָלס ווייסען זיי אַז זיי וועלען שוין ווערען זעלבסט־שטענדיג, גדולים און פריי; פריי פון לערנען אידישע למודים, פריי

פון געהן אין חדר, פריי פון רבי'ן, און פריי אין אַ סך הינזיכטען פון די עלטערן אויך, וועלכע מען הערט אויף אָביסעלע צו פאָלגען, און פון וועלכע מען נעמט זיך בּיסלאכוויים אָפּרוקען, און די וועגען פון זיהן און עלטערן נעמען אַלץ מעהר און מעהר זיך פאַנאַנדערשיידען.

דעריבּער, מיין ליעבער תלמיד, וועל איך דיר דערצעהלען אַן אַלטע, אייביג נייע מעשה'לע, וועלכע זאָל זיין פאַר דיר אַ סימבּאָל ווי אַזוי דו דאַרפסט זיך יעצט פיהרען, אויב דו ווילסט באמת זיין אַ בר מצוה, אַ גדול.

אינ'ם פיערטען טאָג פון דער וועלט-באַשאַפונג האָט גאָט, ב"ה, באַשאַפען די זון און די לבנה. די זון צו באַלייכטען די וועלט בייטאָג, און די לבנה צו באַלייכטען די וועלט ביינאַכט. און דער רצון פון בורא איז געווען אַז די לבנה, די נאַכט-הערשערין, זאָל קיין אייגענע זעלבּסטשטענדיגע ליכט ניט האָבען, נאָר איהר ליכטיגקייט זאָל זי באַקומען פון דער זון. יעדען חודש, ווען די לבנה ווערט געבוירען, ווען זי איז נאָך קליין, שוואַך, הילפלאָז ווי אַ קליין קינד, טוליעט זי זיך צו צו איהר פאָטער, דער זון; און זייענדיג אונטער די השפעה, איינפלוס פון דער זון, ווערט זי מיט יעדען טאָג מעהר אַנטוויקעלט, גרעסער, שעהנער, ליכטיגער, און באַצויבּערט די וועלט מיט איהר פאַנטאַסטי-שער חלום'דיגער ליכט. אַזוי געדויערט עס ביז די לבנה ווערט בר מצוה, „דרייצעהן טאָג אַלט". אויפ'ן פערצענטען טאָג, דעם טאָג נאָך איהר בר מצוה, ווען זי איז שוין פאָלקאָם אַנטוויקעלט, אַ גדולה, נעמט זי ווערען ביי זיך שטאָלץ; רעוואָלוציאָנערע מחשבות כאַפּען זיך אַריין אין איהר מוח. סטייטש, טראַכט זי, ווי לאַנג איז דער שיעור צו זיין אונטער דער השפעה און הערשאַפט פון דער זון?

קען איך ניט זיין זעלבּסטשטענדיג אַליין? קען איך ניט געהן מיין אייגענעם וועג? קען איך ניט אַליין באַלייכטען די וועלט?

און זי פאַנגט אָן צו אַנטלויפען פון דער זון, פאַרקירעוועט זיך אין אַנאַנדער ריכטונג, און מיט יעדען טאָג דערווייטערט זי זיך אַלץ מעהר און מעהר פון דער זון.

די לבנה, זייענדיג פאַרטהאָן מיט איהר אַנטלויפען, באַמערקט גאָר ניט אַז וואָס מעהר זי רוקט זיך אָפּ פון דער זון, אַלץ מעהר ליכטיגקייט פאַרלירט זי, און שוואַרצע, טונקעלע שאָטענס פאַרנעמען זייער פלאַץ.

אין איהר טריאומפירענדיגען לויפען באמערקט זי ניט וויפיעל חושך זי פארשפרייט אויף דער וועלט, וויפיעל שאדען און אומגליק זי איז גורם צו דער וועלט דורך איהרע קינדיש-שטאלצע קאפריזען.

אזוי לויפט זי אפ נאך א דרייצעהן טעג. איהר הארץ ווערט מלא שמחה; באלד, באלד איז איהר ציעל עררייכט. אט נאך א טאג, נאך א שעה, א מינוט, א סעקונדע און זי וועט אין גאנצען זיין דערוויטערט פון איהר הער, פאטער און וועג-וויזער, די זון; זי וועט זיין פריי, פאלקאם זעלבסטשטענדיג.

און אט האט די לעצטע סעקונדע געשלאגען. עס איז שוין ענדע מאנאט און זי איז שוין . . .

אבער וואס איז דאס? וואס איז געשעהן? ווארום איז די לבנה אזוי אומעטיג, אזוי פינסטער, אזוי פארכמארעט? וואס קרעכצט זי אזוי און זיפצט? ווארום לאזט זי די וועלט זיין איינגעוויקעלט אין אזא פינסטערן, ימש-חושך׳דיגען שלייער? ווארום באווייזט זי זיך ניט, די שטאלצע, פארביינקטע, ליכטיגע, זעלבסט-הערשענדע, מלכת השמים?

געשעהן איז א קלייניגקייט:

מיט דעם לעצטען אנטלויפונג-שריט האט זי אויך דעם לעצטען שטראהל פארלארען.

די לבנה וויל נעמען ארומשפאצירען איבער דער וועלט, פארלייכטען איהר, ווייזען ווער זי איז, וואס זי קען, אבער, אוי! וועה געשריגען! עס איז איהר פינסטער נעבאך אין די אויגען. זי זעהט ניט קיין וועלט, קיין מענשען, קיין זאך. אויס וועלט!

דאמאלס ניכטערט זיך די לבנה אויס, נעמט חרטה האבען אויף איהר ניט-בארעכענטען, קינדערשען שריט, אויף איהר איינגערעדטען, נארישען, זעלבסטשטענדיגען שטאלץ, און לאנגזאם נעמט זי אין דער פינסטער, בלינדערהייט טאפען, זוכען דעם אלטען וועג, דעם וועג צו איהר פאטער, משפיע און משגיח, די זון (השמש מליצה לאב כמ״ש: „והנה השמש והירח וכ״ו״ (וישב); און אזוי בלאנדזשעט זי און זוכט ביז זי כאפט אויף דעם ערשטען שטראהל פון דער זון. דאן נעמט זי שוין אביסעל זיכערער געהן, און נעמט זיך ביסלאכווייז, פון אנפאנג מיט בושת הפנים, דאן מוטהיגער, צורוקען, צוטוליען צו איהר

פאַטער, די זון; די זון, ווי אַ פאַטער, נעמט איהר אויף מיט אָפענע אָרעמס, דאַן ווערט זי דרייסטער, רוקט זיך צו נעהנטער, און וואָס מעהר זי טוליעט זיך צו, דערנעהנטערט זיך צו דער זון, אַלץ ליכטיגער און שעהנער ווערט זי, אַלץ מעהר אַנטלויפען די פינסטערע שאָטענס פון איהר, ביז זי דערנעהנטערט זיך אין גאַנצען צו דער זון; דאַן באקומט זי איהר אמת'ע פולע גרויסקייט און ליכטיגקייט.

זי זעלבסט איז ליכטיג און בריינגט ליכט, פרייד און גליק צו דער גאַנצער וועלט; די וועלט איז דאַן מחדש די לבנה, און מען איז איהר מקבל פנים מיט ברכות אויף די ליפען.

מיין ליעבער תלמיד, זאָל די סימבאָלישע לעהרע פון דער לבנה זיין דיין וועג-ווייזער ווען אַ נאַרישער געדאַנק וועט זיך ח"ו אַמאָל ביי דיר אין קאָפ אריינ'גנב'ענען צו אַנטלויפען פון דיינע עלטערן, אַנטלויפען פון חדר, פון רבי'ן, פון פאָלק, פון טראַדיציאָן, פון שוהל און בית המדרש, דווייל דו וועסט ווערלען זיין זעלבסטשטענדיג, געהן דיין אייגענעם וועג, ווי דיין יונגער פאַרבלענדעטער, שטאָלצער פאַרשטאַנד וועט דיר ווערלען איינרעדען, דאמאָלס הויב אויף דיינע אויגען צום הימעל, זעה און באַטראַכט די לבנה . . .

דאמאָלס ווערסטו וויסען: דאָס אויב דו ווילסט ווירקליך זיין אַ גדול, אויב דו ווילסט אַז דיין לעבען זאָל זיין פול מיט ליכטיגקייט, הייליגע ליכטיגקייט, פאַר דיר, פאַר דיינע עלטערן, פאַר דיין פאָלק און פאַר דער וועלט, קענסטו צו דעם ערגרייכען, ניט דורך אַנטלויפען פון אַלעם און אַלעמען, נאָר דורך צורוקען זיך, צוטוליען זיך נעהענטער צו דיינע פרומע עלטערן, צו דיין תורה, צו דיינע אָרטאָדאָקסישע שוהלען, צו דיין פאָלק; און יעדערער וועט דיר שטענדיג, וואו דו וועסט זיך נאָר באווייזען, מקבל פנים זיין מיט אַ ברכה אויף די ליפען, מיט ברכות וועלכע דאָס אידישע פאָלק האָט אימער פאַר איהרע זיהן, וועלכע אַנטלויפען ניט פון זיי, נאָר פאַרקערט, פאַרלייכטען זייער גלות'דיגען, וואָלקענדיגען הימעל אין די פינסטערע גלות-נאַכט, — זיהן וועלכע זיינען אמת'ע, טרייע בר מצוות.

דרוש ח׳ לפ׳ בראשית, לבר מצוה

דער וועלטס ערשטע בר מצוה דרשה

פון פאטער צום זוהן

דעם בורא ב״ה דרשה צו אדם׳ן ווען ער שפאצירט מיט איהם אין גן עדן און מאכט איהם פאר א בר מצוה.

„ויטע ה׳ אלקים גן בעדן מקדם וישם שם את האדם אשר יצר״. (בראשית ב׳ ח׳)

און גאט דער האר האט געפלאנצט א גארטען אין עדן, אין מזרח, און ער האט דארטען אריינגעזעצט דעם מענשען וואס ער האט באשאפען.

מיין ליעבער זוהן:

היינט ווערסטו בר מצוה. מיט דרייצעהן יאהר צוריק ביזטו ער־שינען אין דיזער וועלט. מיר האבען געהאט דעם גרויסען זכות פון גוטען גאט דאס די היים דיינע אין דער וועלט זאל זיין ביי אונז, דיינע עלטערן. צו אונז איז אנגעטרויט געווארען די השגחה און אויפ־פאסונג אויף דיר.

איך און דיין ליעבע מוטער האבען אלעס אין דער וועלט געטהאן פאר דיר. מיר האבען שווער און ביטער געארבייט, וועלטען געקערט, וועלטען געבויט און געשאפען. צוליעב ועמען? צוליעב וואס?

צוליעב דיינעט וועגען. כדי צו קענען געבען א גוטע השגחה אויף דיר, אונזער ליעב קינד; כדי דיר צו קענען געבען א ריכטיגע, אידישע ערציהונג; כדי דיר צו קענען מאכען פאר א פאלקאמען איד און מענש.

דאס הויז אונזערע, אין וועלכען דו ביזט אויפגעבראכט געווארען און זיך אנטוויקעלט, האבען מיר, דיינע עלטערן, געמאכט פאר דיר ווי א גן עדן, געזעהן אז קיין זאך זאל דיר ניט פעהלען. ווי שווער עס זאל ניט האבען געווען א זאך פאר דיין ווואילשטאנד צו באקומען, האבען מיר געזעהן אז עס זאל זיין.

די גאנצע דרייצעהן יאהר פון דיין קינדהייט האבען מיר געפיהלט די גרויסע אחריות, פאראנטווארטליכקייט וואס מיר טראגען אויף זיך;

צו היטען דעם געטליכען אוצר, די געטליכע נשמה, וועלכע גאָט האָט אין דיר אַריינגעבלאָזען, ווען ער האָט דיר געגעבען צו אונז אַלס אַ מתנה, צו זיין אונזער קינד.

גרוים איז געוועזן מיין שמחה היינט, ווען שטעהענדיג ביי דער ספר תורה האָב איך געמאַכט די ברכה: „ברוך שפטרני מענשו שלזה", „געלויבט איז דער באשעפער, וועלכער האָט מיר באפרייט פון היינט אָן צו זיין פאַר דיר פאַראַנטוואָרטליך און דאַרפען ליידען שטראָף, אויב דו וועסט ח"ו ניט געהן אין גלייכען וועג".

מיין שמחה, קינד מיינער, איז ניט דערפאַר ווייל איך טראָג שוין מעהר ניט קיין פאַראַנטוואָרטליכקייט פאַר דיר. ניין! מיין פרייד איז ווייל איך וויים אַז אין די גאַנצע דרייצעהן יאָהר וואָס איך בין געוועזן פאַר דיר פאַראַנטוואָרטליך, האָב איך מיין מיסיאָן ערפילט פינקטליך; איך האָב, ח"ו, ניט מועל געווען, געפעלשט אין מיין שליחות צו היטען דיר גייסטיג אַזוי גוט ווי קערפערליך.

און יעצט, מיין ליעב קינד, ווען דו געהסט אַרוים גייסטליך פון אונזער, דיינע עלטערנס, וועלט, — די וועלט וועלכע איז געוועזן אונטער אונזער השגחה, — פון דער קינדישער גן עדן וועלט, און געהסט אַריין אין דיין וועלט, אין דיין יוגענד-וועלט און שפּעטער אין דיין עלטער-וועלט, וועלכע דו זעלבסט וועסט דאַרפען היטען — אַ וועלט פאַר וועלכע דו זעלבסט וועסט דאַרפען טראָגען אחריות.

וועל איך דיר בעטען אַ גרויסע בקשה, און איך ווענדע זיך צו דיר מיט די ווערטער פון דער ערשטער בר מצוה דרשה וואָס די וועלט האָט געהערט; ווערטער מיט וועלכע „דער באשעפער פון דער וועלט" האָט זיך געווענדעט צו זיין קינד, דעם ערשטען מענשען, ווען ער האָט איהם געמאַכט פאַר אַ בר מצוה, אָנזאָגענדיג איהם מצוות צו היטען:

„ויצו ה' אלקים על האדם לאמר" (בראשית ב' ט"ז). ווען ער האָט איהם אַלס זעלבסטשטענדיגען מענשען אַריינגעלאָזען אין דער גן עדן וועלט, נעמליך:

בשעה שברא הקב"ה את אדם הראשון נטלו והחזירו על כל אילני גן־עדן ואמר לו: „ראה מעשי כמה נאים ומשובחים הם! וכל מה שבראתי — בשבילך בראתי; תן דעתך שלא תקלקל ותחריב את עולמי (קה"ר פ"ז סי"ג).

ווען דער הייליגער, געבענשט איז זיין נאָמען, האָט באשאַפען דעם ערשטען מענשען, האָט ער איהם גענומען און אַרומגעגאַנגען מיט איהם איבער אַלע בוימער פון גן עדן און צו איהם אַזוי געזאָגט: „זעה ווי שעהן און ליבענסווערטה מיין אַרבייט איז, און אַלץ וואָס איך האָב באשאַפען האָב איך נאָר צוליעב דיר באשאַפען. זעה, אדם, גיב אַכטונג דו זאָלסט ניט קאַליע מאַכען און ניט חרוב מאַכען מיין וועלט!״

דאָס זעלבע זאָג איך צו דיר:

„זעה, מיין קינד, גיב אַכטונג דו זאָלסט ניט, ח״ו, דורך דיינע מעשים אין — דיין זעלבסטשטענדיגער וועלט — חרוב מאַכען די לעהרע, גוטע ערציהונג פון דיין יוגענד-וועלט, „פון אונזער וועלט״. באַגרייף די גרויסע אחריות וואָס עס ליגט אויף דיר פון היינט אָן! זיי אַ פאַר־אַנטוואָרטליכער אמת טרייער בר מצוה! דאַן, מיין קינד, וועט די וועלט זיין ב״ה פאַר דיר און פאַר אונז שעהן און ליכטיג ווי אַ וואהרער גן עדן.״

דרוש ט׳ לפ׳ בראשית, לחתונה

צוויי בינטלאך האַלץ

ערפאָלג אָדער אונערפאָלג אין לעבען ווענדעט זיך וואָס פאַר אַ היים דער מאַן האָט. אַ ביאור אויף די ווערטער: זכה און לא זכה.

„ויאמר ה׳ אלקים לא טוב היות האדם לבדו אעשה לו עזר כנגדו״. (בראשית ב׳ י״ח.)

און גאָט, דער האר, האָט געזאָגט: עס איז ניט גוט דער מענש זאָל זיין אַליין; איך וועל מאַכען פאַר איהם אַ הילף, קעגען איהם.

אונזערע חכמים ז״ל (יבמות ס״א, בר״ר פ׳ י״ז ס״ג, פדר״א) האָבען זיך באַנוצט מיט׳ן וואָרט „כנגדו״, וועלכער האָט צוויי מיינונגען: „פאַר איהם״ (כמ״ש: „שויתי ה׳ לנגדי תמיד״ שפירושו לפניו), און אויך: „קעגען איהם״. און זיי דרש׳ענען פאָלגענדעס:

„זכה עוזרתו", אויב דער מענש איז זוכה, איז די ווייב צו איהם א הילף. „לא זכה כנגדו", איז ער ניט זוכה, איז זי זיינע א געגנער.

צו אילוסטרירען די ווערטער פון די חכמים ז"ל וועלען מיר דער־צעהלען א מעשה:

צוויי עלענדע יתומים, ביי די נעמען משה'לע און יאנקעלע, זיינען געגאנגען אין וואלד קלייבען האלץ. דער ערשטער, משה'לע, א יתום פון א פאטער, האט געהאט א געטרייע ליעבע מוטער. דער צווייטער, יאנקעלע, — א שטיף־מוטער, וואס פלעגט איהם אימער פייניגען און שלעכט באהאנדלען.

קומענדיג אין וואלד איז יעדערער געגאנגען אין א באזונדער ריכטונג צו זוכען טרוקענע צווייגען. ווען משה'לע איז פארטיג גע־ווארען מיט זיין ארבייט האט ער גערופען זיין חבר יאנקעלען צו געהן אהיים. אבער ווי פארוואונדערט איז ער געווארען, זעהענדיג אז יאנ־קעלע האט נאך גארניט אנגעקליבען.

ניט קלערענדיג קיין סך האט ער גלייך גענומען קלייבען האלץ אויך פאר זיין חבר, שפרינגענדיג פון איין בוים צום צווייטען, ווי א וועווירקע, און אין א גאר קורצע צייט האט ער שוין געהאט א בינטעל האלץ אויך פאר איהם.

זאגט יאנקעלע צו משה'לען: „דיין בינטעל איז א קלענערע און גרינגערע. נעם דו מיינע און איך וועל טראגען דיינע".

משה'לע לאכט און זאגט: „דו ביזט עלטער און שטארקער, דו קענסט גיכער טראגען א שווערע משא אלס איך. נור זאל זיין ווי דו ווילסט און לאמיר געהן".

יאנקעלע איז געגאנגען, קרעכצענדיג און זיפצענדיג, באקלאגענדיג זיך די גאנצע צייט דאס איהם איז שווער זיין בינטעל צו טראגען. ווען זיי זיינען ארויס פון וואלד, האט יאנקעלע אווארף געטאהן זיין משא, בעטענדיג משה'לען מ'זאל זיך זעצען אפרוהען.

ווען זיי האבען אנגעהויבען ווידער צו געהן האט יאנקעלע מיט כעס ווידער אראפגעווארפען זיין בינטעל האלץ פון פלייצע, מאכענדיג נאך אמאל פארווירפע משה'לען, דאס ער האט צופיעל האלץ אין זיין בינטעל אריינגעטאהן, און דאס זאגענדיג האט ער גענומען ארויסציהען די גרויסע שטיקער האלץ פון זיין בינטעל און עס אוועקגעווארפען.

אָבער משה׳לע האָט די אָוועקגעוואָרפענע האָלץ רוהיג און גע־לאַסען צונויפגעקליבען, זיי צוגעלייגט צו זיין בינטעל, זאָגענדיג צו יאַנ־קעלען, דאָס ער וועט עס פאַר איהם טראָגען ביז׳ן שטאָדט און דאָרטען וועט ער עס איהם צוריקקערען.

באַצויבערט און פאַרוואונדערט איז דאַן יאַנקעלע געוואָרען פון משה׳לעס גוטסקייט און שטאַרקייט, און ער האָט געפרעגט זיין גוטען חבר: „זאָג מיר, משה׳לע, ווער האָט דיר געלערענט צו זיין אַזוי גוט און וואָס מאַכט דיר צו זיין אַזוי שטאַרק?״

ענטפערט משה׳לע: „מיין מוטערס ליעבע״.

אַ גרויסער, אַנגעווייטאָגטער און פאַרביטערטער זיפץ האָט זיך דאַן פון יאַנקעלעס קינדערשער ברוסט אַרויסגעריסען. „ער האָט נעבאַך פון מ ו ט ע ר - ל י ע ב ע ניט געוואוסט״.

דאָס בילד באַמערקען מיר אומעדום אין טאָג-טעגליכען לעבען. אָט זעהען מיר צוויי מענשען, ביידע גלייך אין יאָהרען, פעהיגקייטען און שטאַרקייט, ביידע טוהען די זעלבע אַרבייט אָדער געשעפט, דאָך ביי איינעם איז די שווערסטע אַרבייט גרינג, שווערע שטיינער ווערען אין פעדערען פאַרוואַנדעלט, זיינע הענד הויבען זיך ווי אַדלער-פליגלען, זיינע פיס לויפען ווי הירשען-פיס, ער איז שטענדיג מונטער, פרייליך, לעבעדיג, באַקלאָגט זיך ניט, באַדויערט ניט, אימער צופרידען, גליקליך, און . . . ערפאָלגרייך.

דער צווייטער אַרבייט אָהן מוטה, שוואַך, די הענד קוים וואָס זיי ריהרען זיך, די פיס קוים וואָס זיי באַוועגען זיך, אימער באַקלאָגענדיג זיך, דאָס זיין אַרבייט איז שווער און אונערטרעגליך, איז אימער אונ־צופרידען, פיהלט אומגליקליך, זיין גאַנצער לעבען איז איין גרויסער פעהלער, און זעלבסטפאַרשטענדליך . . . אונערפאָלגרייך.

וואָס איז די אורזאַכע פון דיזער ערשיינונג?

„די סבות דאַרף מען זוכען אין זייערע היימען, אין זייערע פאַ־מיליען-לעבענס״.

דער ערשטער האָט אַ גוטע, געטרייע פרוי, וועלכע דיינקט אימער פון איהר מאַן, ווי אַזוי איהם צו מאַכען פיהלען וואָס מעהר גליקליך. קומענדיג אַהיים, נאָך אַ שווערען אַרבייטס-טאָג, ווערט ער באַגעגענט

מיט פריינדליכע בליקען, מיט פרייליכע, מונטערע פנים׳ער פון זיין ליעבע פרוי און קינדער, הערט גוטע, געטרייע, זיסע, אנגענעהמע און ערקוויקענדע רייד. אויפ׳ן טיש איז אָנגעגרייט פון דעם שענסטען און בעסטען, וויפיעל זייערע אומשטענדען ערלויבען. אַלעס איז ציכטיג, זויבער, אין אַלע ווינקעלאך שמעקט. די הויז איז אַ וואַהרער גן עדן, וואו מלאכים מיט זייערע שכינה-פליגלען פלאַטערען אַרום. מעג די היים זאָגאַר ניט מעהר באשטעהן ווי פון אַ פּאָר קליינע צימערען. זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז אין אַזאַ הייליגער, ליעבער אַטמאָספערע פאַרגעסט דער מאַן אין זיינע אַלע אָנשטריינגונגען און שוועריגקייטען פון אַ גאַנצען טאָג; ער ערהאַלט זיך פון זיין שווערער אַרבייט; און אַרויסקומענדיג דעם צווייטען פריהמאָרגען פון זיין גן-עדן היים פיהלט ער שטאַרק און מוטהיג פאַרטצוזעצען זיין מלחמת החיים פאַר זיין ליעבע פרוי און קינדער.

אַנדערש אָבער איז מיט׳ן צווייטען:

ווען ער קומט אַהיים נאָך אַ שווערען אַרבייטס-טאָג ווערט ער באַגעגענט פון אונצופרידענע, זויערע פנים׳ער, באגריסט מיט אונפריינדליכע שטעך-ווערטער. אין הויז הערשט אַ חושך מצרים, עס בלאָזט אַ צפון׳דיגע קעלט. קיין זאַך איז פאַר איהם ניט ריכטיג צוגעגרייט, קיין זאַך געפינט זיך ניט אויפ׳ן ריכטיגען אָרט. די שטוב איז פול מיט קריגערייען, צאַנקערייען, באַליידיגונגען און אַמאָל ח״ו אַ קללה אויך; עס מעג די הויז ווי גרוים זיין, איז איהם ענג אין איהר. זיין הויז איז ווירקליך אַ גיהנום, אָנגעפילט מיט פייער פון קנאה, שנאה און מחלוקת.

זעלבסטפאַרשטענדליך, ווי דער מאַן פיהלט אַרויסקומענדיג דעם צווייטען פריהמאָרגען פון אַזאַ גיהנום הוים: צובראָכען, שוואַך, מיט אַ פאַרוויטאָגטע האַרץ, פּעסימיסטישע געדאַנקען, אָהן מוטה, אָהן ענערגיע צו קעמפפען פאַר זיין עקזיסטענץ.

דאָס איז דער געדאַנק פון אויבענדערמאָנטען מאמר: „זכה עזר, לא זכה כנגדו״.

זכה מיינט צו געווינען אַ געווינס, מלשון זכה בגורל, זוכה זיין דורך מזל (וכן פירוש היפה תואר שם). האָט דער מאַן נעמענדיג אַ פרוי, געהאַט דעם גליק צו געווינען, זוכה בגורל צו זיין, דאַן איז דער רעזולטאַט: עזר, הילף אויפ׳ן גאַנצען לעבען. זיין פרוים טרייהייט,

ליעבשאַפט און איבערגעבענהייט וועט איהם אומעדום און שטענדיג באַגלייטען, באַלייכטען זיין לעבענסוועג, העלפען פאַרגרינגערען די לע־בענס־שוועריגקייטען, דאָס זאָגאַר שווערע שטיינער וועלען ביי איהם אין פעדערען פאַרוואַנדעלט ווערען.

לא זכה, האָט ער ח"ו ניט געוואונען, ניט זוכה בגורל געווען, דאַן איז ער אומגליקליך אויפ'ן גאַנצען לעבען. זיין לעבענסוועג איז פינסטער, די גרינגסטע אַרבייט איז שווער, פון פעדערען ווערען שטיי־נער. אַלעס, אַלעס אין לעבען איז כנגדו, קעגען איהם.

ווירקליך גליקליך איז דער מענש, ועמען גאָט ב"ה האָט געבענשט מיט'ן מזל צו זיין „זכה" און געווינען דעם אמת'ען גרויסען געווינס פון אַ גליקליכען זיווג.

דרוש י׳ — לפי לך, לחתונה

אונזער מוטער שרה'ס שעהנקייט

זוי אַזוי אברהם אבינו האָט זיך דערוואוסט אַז שרה איז אַ פאַרשוין. אַ גוטע פרוי איז געגליכען צו דער זון. די פרעכטיגע שעהנקייט פון אַ בילד דערקאַנט זיך דורך טונקעלע שאַטירונגען.

אַברהם'ס רייד צו שרה'ן ביי די טהויערען פון מצרים. אַ ביאור אויפ'ן פסוק: „אמרי נא אחותי את, למען ייטב לי בעבורך וחיתה נפשי בגללך".

„ויהי כאשר הקריב לבוא מצרימה ויאמר אל שרי אשתו הנה נא ידעתי כי אשה יפת מראה את". (י"ב י"א)

און עס איז געוועזען, אַז ער האָט גענעהענט צו קומען קיין מצרים, האָט ער געזאָגט צו שרי זיין ווייב: „יעצט ווייס איך אַז דו ביזט אַ פרוי פון אַ שעהנעם אויסזעהען".

ביז יעצט האָט אברהם ניט געוואוסט אַז זיין ווייב שרי איז אַ שעהנע, אַז זי איז די ערשטע פון די פיער שעהנהייטען וואָס די וועלט האָט געהאַט.

„ארבע נשים יפיפיות היו בעולם: שרה, אביגיל, רחב ואסתר" (מגילה ט"ו). ווי אזוי ער האט זיך יעצט דערוואוסט פון דעם, דער־צעהלט דער מדרש תנחומא פאלגענדעס:

„כיון שהגיעו לפילי של מצרים ועמדו על היאור ראה אברהם אבינו בבואה של שרה באותו נהר כחמה זורחת, אמר לה: הנה נא ידעתי כי אשה יפת מראה את" (מ"ת לך ס"ה).

„צוקומענדיג נאהענט צו מצרים האבען זיי זיך אפגעשטעלט ביי א טייך, האט אברהם אבינו געזעהן שרה'ס שאטען אין טייך, וואס האט געשיינט ווי א שיינענדע זון, האט ער געזאגט: יעצט האב איך זיך דערוואוסט אז דו ביזט א שעהנע פרוי".

איז די זאך זעהר קשה, פשוט שווער צו באגרייפען: ווי איז דאס מעגליך אז אברהם האט שרה'ן די גאנצע צייט ניט געזעהן, כאטש זיי זיינען שוין געווען לאנג פארהייראט? שרה איז דאן אלט געווען פינף און זעכציג יאהר.

מיר זאלען אפילו זאגען אז ווען שרה איז געווען אין הויז האט אברהם געהאלטען אימער פארמאכט די אויגען, האט ער דאך געמוזט איהר שעהנקייט באמערקען, ווייל איהר פנים האט, ווי דער מדרש זאגט, געשיינט ווי די זון.

אויך דערצעהלט דער מדרש רבה (וכן במדרש תנחומא), דאס אברהם, מורא האבענדיג מען זאל איהר ניט דערזעהן, האט ער איהר געוואלט אריינפיהרען אין מצרים אין א פארמאכטען קאסטען. און ווען די וועכטער ביים גרעניץ האבען איהם געצוואונגען צו עפענען דעם קאסטען, כדי צו וויסען וואס אין איהם געפינט זיך, איז פון דער ליכ־טיגקייט פון איהר פנים ליכטיג געווארען אין גאנץ מצרים.

„כיון שפתחן הבהיקה כל ארץ מצרים מזיווה" (פ"מ ס"ה), און פון זונען־שטראהלען איז שווער זיך צו באהאלטען?

אין נסתר מחמתו, ניט ווילענדיג דרינגען זיי אריין אומעדום.

מיינער א רבי, א גרויסער חסיד, קיינמאל האט ער ניט געקוקט אויסער זיינע ד' אמות; ער איז געווען זעהר קורצזיכטיג. ווען ער האט געלערענט האט ער געהאלטען דעם קאפ ארויפגעלייגט אויפ'ן ספר, אזוי אז זיין נאז פלעגט אנריהרען די בלעטער, דאך האט ער ניט גע־

וואָלט טראָגען קיין ברילען, זאָגענדיג אַז ער וועט זעהן פון דערווייטען קען ער נאָך אַמאָל ח״ו נכשל ווערען און אַ קוק טהאָן אויף אַ פרעמדער פרוי. האָט אויך ער, דער רבי מיינער, דעם מדרש ניט פאַרשטאַנען, און ער האָט געפרעגט: „היתכן? ווי שיקט זיך עס? ווי איז דאָס מעגליך אַז אברהם האָט קיינמאָל ניט קיין קוק געטאָהן אויף שרה׳ן?”

סטייטש, די גמרא זאָגט דאָך אין קדושין אַז: „אסור לאדם שיקדש אשה עד שיראנה שמא יראה בה דבר מגונה ותתגנה עליו” (קדושין מ״א), „אַ מענש טאָר ניט מקדש זיין אַ פרוי ביז ער זעהט איהר, טאָמער וועט ער נאָך דער חתונה דערזעהן אין איהר אַ פעהלער, און ער וועט איהר פיינט קריגען. ורחמנא אמר: ואהבת לרעך כמוך”, און דער דערבאַ־רעמדיגער האָט געזאָגט: ליעב דיין חבר ווי זיך אַליין”.

און ווי מיר ווייסען, האָט אברהם אבינו מקיים געווען די גאַנצע תורה איידער זי איז נאָך געגעבען געוואָרען, אפילו מצוות דרבנן, ווי ערובי תבשילין (יומא כ״ח, קדושין מ״א). טו ווי אַזוי האָט אברהם מקדש געווען זיין ווייב שרה׳ן, איידער ער האָט איהר געזעהן?

און דער רבי האָט אונז געהייסען טרעפען אַ תירוץ, אַניט וועט ער אונז ניט פריי לאָזען צו געהן עסען וואַרימעס. מיר האָבען זיך געבראָכען די קעפּ און ב״ה געפונען אַ תירוץ מיניה וביה, פון דער זעלבער גמרא, נעמליך:

פאַרוואָס טאָר מען ניט מקדש זיין אַ פרוי איידער מען זעהט איהר? ווייל טאָמער וועט ער נאָך דער חתונה געפינען אין איהר אַ מום. דאָס איז אַלץ גערעדט געוואָרען ביי מענשען, וועלכע קוקען אויף זייערע פרויען נאָך דער חתונה. אָבער אברהם אבינו, ווי מיר זעהען, האָט אויך נאָך דער חתונה אויף זיין ווייב ניט געקוקט, איז דאָך ניט געווען וואָס מורא צו האָבען פאַר געפינען אין איהר פעהלערען (ועיין שם בעין יוסף על מ״ת מה שתירץ על זה).

דעם רבי׳ן איז זעהר געפעלען געוואָרען דער תירוץ, און ער האָט זיך בארוהיגט, וואָס דער טאַטע אברהם אבינו האָט ניט עובר געווען ח״ו אויף אַן איסור דרבנן.

מיר זיינען געווים געווען צופרידען א) פון שמחה וואָס מיר זיינען צוגעפאַלען צו אַזאַ גוטער תירוץ. ב) פאַרענטפערט דעם טאַטען אברהם. ג) אַלס באלוינונג האָט אונז דער רבי פריהער ווי שטענדיג פריי גע־לאָזען פון חדר צו געהן עסען וואַרימעס.

אָבער יעצט, אודה ולא אבוש, פאַרשטעה איך ניט, ווייל, ווי געזאָגט, איז עס אַן אוממעגליכקייט? (ועיין שם ברש״י ורמב״ן שמפרשים את הפסוק לפי פשוטו ומסתמה מפני הקושיות הנ״ל).

כדי צו פאַרענטפערען די אַלע קשיות מוזען מיר זאָגען:

אַז אברהם האָט געוואוסט אַז שרה איז אַ שעהנע, אַזוי ווי אַלע האָבען געוואוסט. ווי רש״י ערקלערט, אַז דארום האָט מען איהר אַ נאָמען געגעבען „יסכה״, ווייל יעדערער האָט געקוקט אויף איהר שעהנקייט. און אברהם האָט איהר יע געזעהן איידער ער האָט איהר מקדש געווען און מכל שכן ווען זי איז געווען זיין פרוי.

אָבער ווי גרויס עס איז די ווערדע פון איהר שעהנקייט האָט ער ניט געוואוסט, ווי גרויס צו שאַצען איהר שעהנקייט האָט ער ניט געהאַט קיין באגריף. ער האָט קיין אידעע ניט געהאַט ווי שעהן עס איז איהר שעהנקייט.

ווארום די מתנה פון אַ שעהנער פרוי, מיט וועלכע גאָט בענשט אַ מאַן, אויב ער איז זוכה, ווענדעט זיך וויפיעל טרייהייט און איבער־געבענהייט די פרוי באזיצט צו איהר מאַן.

ווארום עס קען טרעפען אַז אומגליק פון אַ מאַן און די רואינירונג פון זיין גאַנצען לעבען קומט צו איהם דורכדעם וואָס ער האָט אַ שעהנע פרוי, אָבער ניט קיין געטרייע.

אויף אַזאַ סאָרט פרוי, אַ פרוי וועלכע איז שעהן אָבער האָט ניט קיין שכל ווי אַזוי צו זיין טריי צו איהר מאַן, פאַרקערט, פאַרלירט דורך איהר שעהנקייט איהר שכל, האָט שלמה המלך ע״ה געזאָגט:

„נזם זהב באף חזיר אשה יפה וסרת טעם״ (משלי י״א כ״ב), אַזוי ווי אַ גאָלדענער נאָזבאַנד אויף אַ חזיר׳ס נאָז, אַזוי איז אַ שעהנע פרוי אָהן זיטען, אָהן שכל. אַזוי ווי דורכ׳ן קאָנטראַסט פון די שעהנקייט פון גאָלדענעם נאָזבאַנד זעהט זיך אָרוים דעם חזיר׳ס מיאוס׳קייט, העסליכ־קייט, אַזוי דורך שעהנקייט פון פנים זעהט זיך אַמאָל אַרוים די מיאוס־קייט און העסליכקייט פון כאַראַקטער.

אַ גרויסער אַרטיסט, אַ מאלער, האָט געמאָלען אַ בילד פון אַ שעהנער פרוי. פאַרצושטעלען איהר שעהנקייט האָט ער גענומען די ליכטיגסטע פאַרבען; איהרע האָאַר האָט ער געמאָלען פון די שענסטע

גאָלד; איהרע אויגען — פון הימעל-בלויע פאַרב; די ליפּען — פון פּור־פּור-פאַרב; און דעם פּנים — פון בלוט און מילך. זיין גאַנצען טאַלאַנט האָט ער אין דער בילד אַריינגעטאָהן. אָם ענדע, ווען מענשען האָבען די בילד באַטראַכט, האָבען זיי ווינציג שעהנקייט אין איהר געזעהן. מען האָט גאַנץ גוט געזעהן די אַרבייט, די קאָלירען, טאַלאַנט, אַלץ איז ריכטיג, אָבער פון דער בילד, פּיקטשור האָט פאַרט קיין באַגייסטערטע שעהנקייט זיך ניט אַרויסגעוויזען. עפּעס האָט געפעהלט צו מאַכען די בילד פאָלקאָם, עפּעס וואָס זאָל אַריינברייננגען לעבען, וואָס זאָל אויס־דריקען, אַרויסברייננגען די שעהנהייטס-שטריכען פון דער קונסט-אַרבייט.

צום סוף האָט דער קינסטלער איינגעטונקט זיין פּענזעל אין אַביסעל שוואַרצע פאַרב, געמאַכט אַ טונקעלען גרונד אויף דער קאַנווע, דאָ און דאָרט אויפ'ן פּנים געמאַכט טונקעלע שאַטירונגען, און די טונקעלע קאָ־לירען האָבען אַרויסגעבראַכט די וואונדערליכע שעהנהייטס-שטריכען פון בילד, וואָס האָט אַלעמען באַצויבערט.

דאָסגלייכען איז אין לעבען בכלל. עס איז דורך טונקעלע קאָלירען, ווען מיר קענען דערזעהן אמת'ע שעהנקייט פון אַ מענשען.

און דאָס האָט פּאַסירט ביי אברהם ושרה.

אברהם האָט גאַנץ גוט געוואוסט אַז שרה איז אַ שעהנע פרוי, אויך אַ גוטע, געטרייע, איבערגעגעבענע פרוי. אָבער ביז יעצט איז שרה'ס לעבענס-בילד געווען געמאָלען מיט ליכטיגע פאַרבען. אברהם איז געווען רייך; אַלע האָבען איהם מיט שרה'ן אָפּגעגעבען גרויס כבוד; זיי זיינען געווען אין זייער לאַנד, וועלכעס גאָט האָט צוגעזאָגט צו אברהם'ען. גאָט'ס ברכה האָט זיי באַגלייט, גערוהט אויף זייערע קעפּ, איז קיין וואונדער געווען אַז שרה איז געווען גוט און געטריי. אָבער פּלוצלונג האָט זיך אַלץ געביטען:

„ויהי רעב בארץ", אַ הונגער האָט אויסגעבראָכען אין לאַנד. אברהם ווייזט אויס האָט אַלץ פאַרלאָרען. אויס קנעכט, דינסטען, פיה, זאָגאַר קיין שטיקעל ברויט האָבען זיי ניט געהאַט, און זיי האָבען גענומען וואַנדערוועז פון שטאָדט צו שטאָדט, דאָרף צו דאָרף, אום אָנצוקומען אין מצרים, וואו עס איז געווען ברויט. און אברהם ושרה האָבען געמוזט בעטלען ברויט.

די אַמאָליגע מכניסי אורחים זיינען געוואָרען בעטלער, און ווי עס

ווייזט אויס, איז ניט אומעדום וואו זיי האָבען אויסגעשטרעקט אַ האַנד האָט מען זיי געענטפערט, ניט אומעדום וואו זיי האָבען אָנגעקלאַפּט אין אַ טהיר האָט זי זיך פאַר זיי געעפענט. זיי האָבען געמוזט באָרגען ברויט, און אויך נעכטיגען ניט פאַר אומזיסט, נאָר אויף באָרג, צוזאָגענדיג, אַז, לכשירחב ה׳ את גבולם, ווען גאָט וועט זיי העלפען וועלען זיי מיט גרויס דאַנק אָפּגעבען.

ניט אַלע האָבען געגלויבט די בעטלער. אָבער עס האָבען זיך געפונען מענשען, וועלכע האָבען ריזיקירט און זיי געטרויט, רעכענענדיג, פאַרשטעהט זיך, אַ גרויסען פּרייז.

אַזוי ערקלערט רש״י אויפ׳ן פּסוק:

„וילך למסעיו" (י״ג ג׳), דאָס געהענדיג צוריק פון מצרים געלאָדען מיט פיעל רייכטהום, פיה, זילבער און גאָלד, זיינען זיי געגאַנגען מיט׳ן זעלבען מאַרשרוט ווי זיי זיינען געגאַנגען קיין מצרים, אום צו באַצאָהלען זייערע חובות וואָס זיי האָבען אָנגעבאָרגט.

דער גאַנצער וועג פון כנען קיין מצרים איז געווען ווי אַ „שטראָמיגער טייך" פון צרות. „כי יבוא כנהר צר" (ישעי׳ נ״ט כ׳). הונגער, מיעדקייט, באַליידיגונגען, בושה און חרפּה. און מיט יעדען טאָג איז דער „טייך פון צרות" געוואָרען גרעסער, שטראָמיגער, פולער מיט זייערע טרערען; אָבער די גאַנצע צייט איז שרה ווי אַ טרייער חבר געשטאַנען ביי זיין זייט, געהאָלפען און ערמוטהיגט; און אַז אברהם האָט ניט געקענט פועל׳ן צו קריגען אַ שטיקעל ברויט, אָדער אַ נאַכטלעגער, האָט שרה עס געטהאָן. און איהר אַלס פרוי און נאָך אַזאַ בארימטע שעהנהייט האָט מען ניט געהאָט קיין העזה צו ענטזאגען.

ניט איינמאָל איז שרה׳ן אויסגעקומען צו הערען ווי מענשען באַדויערען איהר, דאָס אַזאַ שעהנע פרוי איז אַריינגעפאַלען צו אַזאַ מאַן, אַ בטלן, אַ שלומיאל, וועלכער קען אפילו ניט קיין שטיקעל ברויט פאַר איהר באַזאָרגען. אָבער דאָס האָט נאָך מעהר פאַרשטאַרקט איהר ליעבע, סימפּאַטיע צו איהר מאַן אברהם, דאָס מענשען האָבען אַזאַ שלעכטע מיינונג וועגען איהר גוטען מאַן, וועגען איהר אברם׳ען.

שרה, ווי אַ געטרייע פרוי, צוגעבונדען צו איהר מאַן מיט נשמה און לעבען, האָט כסדר געטרייט צו פאַרזאָרגען איהר אברם׳ן מיט אַלעם נויטיגעס, אום ער זאָל ח״ו ניט ליידען. זי האָט זיך באַמיהט ווי

ווייט מעגליך צו פארשטעלען מיט איהרע פלייצעס, אז אברהם זאל ח״ו פון קיינעם ניט באליידיגט ווערען.

איהר לעבענס-בילד, וואס איז ביז יעצט געווען געמאלען בלויז מיט לויטערע, ליכטיגע פארבען, האט זיך אין פארלויף פון זייער רייזע גענומען פארבען מיט שווארצע פארב, מיט די שווארצסטע פארב וואס דאס לעבען פארמאגט: „ארימקייט".

ווארום שווארץ, שרעקליך שווארץ, איז דער קאליר פון ארימקייט. אט ווי אונזערע חכמים מאלען אויס ארימקייט:

„עניות כמיתה" — „ארימקייט איז גלייך ווי טויט" (נדרים ז׳).

קיין ערגערע זאך פון ארימקייט איז ניטא. דער וואס איז ח״ו געשטראפט מיט ארימקייט איז גלייך ווי צו איהם וואלטען זיך באהעפט אלע יסורים פון דער וועלט, און ווי עס וואלט ח״ו אויף איהם מקוים געווארען אלע קללות פון דער תוכחה. (שמו״ר פל״א.)

ווען מען זאל אויפזאמלען אלע יסורים פון דער וועלט אויף איין וואגשאל און ארימקייט אויף דער צווייטער, וואלט ארימקייט איבער-געוואויגען. (שם פל״א סי״ב.)

און ווען גאט האט געפרעגט איוב׳ן:

וואס ווילסטו בעסער, ארימקייט אדער יסורים?

האט ער געענטפערט:

„האר פון דער וועלט! איך בין מקבל אויף זיך אלע יסורים פון דער וועלט, אבער ניט קיין ארימקייט" (שם).

מיר דארפען ניט פארגעסען דאס אויב ארימקייט איז אזוי שלעכט פאר א מאן איז עס נאך פיעל שווערער אדורכצוטראגען פאר א פרוי.

דיזע שווארצע ארימקייט-פארבען האבען זיך צושמירט אויפ׳ן הינטערגרונד פון שרה׳ס בילד, אין פארלויף פון זייער בראדזשען אין „טייך פון צרות", וועלכער האט זיך געצויגען פון כנען ביז זיי זיינען צוגעקומען צו די „פילי-מצרים", די טויערען פון מצרים, וואו זיי האבען געהאפט צו געפינען ברויט און מנוחה.

אבער דיזע טונקעלע פארבען האבען ארויסגעבראכט די פראכט-פולע שעהנקייט פון דער מוטער שרה, די ווערדע פון איהר שעהנהייט, א דאנק איהר אונגלויבליכער טרייהייט און איבערגעבענהייט צו איהם.

קוקענדיג אין „דעם צרות-טייך פון זייער רייזע", באטראכטענדיג ווי שרה האָט קעגען איהם געהאַנדעלט, האָט ער דערזעהן אַז איהר פּנים שיינט ווי די ליכטיגע זון אויף זיין לעבענס-הימעל, גייסטיג אַזוי ווי פיזיש, און אין די ענדע פון זייער רייזע ביי די טהויערען פון מצרים, האָט דער פינף און זיבעציג יאָהריגער פאָטער אברהם געגעבען צו זיין פינף און זעכציג יאָהריגער פרוי שרה אַ יונגען קאָמפּלימענט, זאָגענדיג:

„הנה נא ידעתי כי אשה יפת מראה את",

איצטער ווייס איך, פאַרשטעה, באגרייף, האָב קענען געלערענט, געוואָר געוואָרען (עיין ירמיהו ל"א פ' י"ה) און באמערקט (עיין בראשית י"ט פל"ג) וואָס פאַר אַ שעהנע פרוי דו ביזט.

דארום בעט איך דיר, דאָס אַזוי ווי דו האָסט מיין וועג ביז יעצט אין די פינסטערע מאָמענטען באלויכטען, אַזוי ווי דו האָסט מיר ביז יעצט באשיצט מיט דיין ליעבשאַפט און איבערגעבענהייט, באשיץ מיר איצטער אויך.

דו ביזט געוועזען צו מיר ביז יעצט ניט בלויז ווי אַ פרוי, נאָר זאָגאָר ווי אַן „אחות רחמניה", אַ „באַרמהאַרציגע שוועסטער". דארום:

„אמרי נא אחותי את",

זאָג, איך בעט דיך, אַז דו ביזט מיין גוטע, געטרייע, באַרמהאַרציגע שוועסטער, כדי: „למען ייטב לי", מיר זאָל גוט זיין. „בעבורך", פון דיינעט וועגען: איך זאָל קענען דיר אָפּצאָהלען פאַר דיין געטריישאַפט צו מיר, „וחיתה נפשי", „מיין נפש זאָל בלייבען לעבען", בגללך", צו-ליעב דיר. צוליעב דיר, שרה, וויל איך לעבען, אום דיר גליקליך צו מאַכען. מיין לעבען באלאַנגט צו דיר.

נאָך אַ זאַך, מיין טהייערע פרוי-שוועסטער: „וחיתה נפשי", איך וויל בלייבען לעבען, מיין רצון, חשק צו לעבען איז יעצט נאָך גרעסער ווי פריהער. כאָטש פריהער זיינען מיר געוועזען רייך, באַ-ריהמט, אין אונזער אייגען לאַנד, אין אונזער פרעכטיגען פּאַלאַץ, מיט קנעכט און דינסטען, און יעצט שטעהען מיר ביי די טהויערען פון אַ פרעמד לאַנד, ווי הונגעריגע בעטלער, שנאָרערס, דאָך ווילט זיך לעבען.

ווארום? „בגללך", „צוליעב דיר". פאַרמאָגענדיג אַזאַ אוצר ווי דו. עס איז כדאי געווען צו ווערען אָרעם, אַדורכצולעבען די אַלע טרחות

הדרך, פון דעם גאַנצען וועג, וועלכער האָט זיך ווי אַ טייך געצויגען, אום איך זאָל אויסגעפינען ווי רייך איך בין: „בגללך, צוליעב דיר".

אין כנען האָב איך ניט פאַרשטאַנען ווי רייך איך בין. יעצט פאַר־שטעה איך. עס מאַכט ניט אויס צי איך וועל האָבען אין מצרים ברויט, צי ניט, צי איך וועל האָבען וואו מיין קאָפּ צוצולייגען, אָדער ניט, — איין זאַך ווייס איך: אַז מיין הימעל וועט זיין קלאָר, ליכטיג, ווייל אויף מיין לעבענס-הימעל שיינט אַ גרויסע זון:

„דיין ליכטיגער, שעהנער, געטליכער פנים".

די ליכטיגקייט וואָס שטראַהלט אַרוים פון דיין נשמה, פון דיין גרויסער, מענשליכער, גוטער הארץ, פון דיינע הייליגע, כשרה, צניעות־דיגע אויגען, איז גענוג צו באַלייכטען די גאַנצע חושך'דיגע, ענגהערציגע, עגאָאיסטישע, פאַרדאַרבענע לאַנד מצרים.

אמת, שרה, די ראַם אין וועלכער אונזער פאַמיליען-בילד איז איינ־געפאַסט איז יעצט אַ שוואַרצע, אַן אָרימע, אַ ליידענדע, אונזער פאַ־מיליע-הימעל איז אַביסעל אויסערליך פאַרוואָלקענט, אָבער מיין בטחון איז שטאַרק אין אונזער גאָט, דער שעפער פון הימעל און ערד, אַז די וואָלקענס וועלען זיך געשווינד צושפּרייטען.

גאָט'ס וועגען פון זיין וועלט - הנהגה איז אונז שווער צו פאַרשטעהן. מיר דאַרפען אָבער ווייסען, אַז: „כל מה דעָביד רחמנא לטב עביד", „אַלץ וואָס דער דערבאַרמדיגער טהוט איז פאַר'ן מענשענס טובה".

וכך הוה, אַזוי איז געווען:

ווי אָרימע, עלענדע בעטלער זיינען אונזער טאַטע אברהם און מאַמע שרה אַריינגעקומען אין מצרים, און האָבען זי פאַרלאָזען ווי רייכע פּרינצען, באַגלייט פון אַ קעניגליכע סוויטע, וועלכע פּרעה האָט געשיקט אַ דאַנק שרה'ס געטרייקייט און איבערגעבענהייט צו אברם'ן, ניט ווע־לענדיג פאַרבייטען דעם אָרימען נע-ונד לעבען וואָס זי האָט געהאַט אַלס אברם'ס פרוי, פאַר'ן קעניגליכען לוקסוס-לעבען וואָס זי וואָלט האָבען אַלס קעניגין פון מצרים, אַלס פּרעה'ס פרוי.

ווארום ווען אַ פרוי איז ווי אַ זון צו איהר מאַן, מעגען די פינסטערע וואָלקענס זיך אַמאָל ח"ו פאַרשפּרייטען אויפ'ן האָריזאָנט פון זייער פאַמיליע-לעבען, וועלען די שטראַהלען פון איהר ליעבע און טרייהייט זיי צוטרייבען און מאַכען זייער הימעל קלאָר און ליכטיג.

דרוש י"א לפ' לך.

"לוט, דער ערשטער רעפאָרמער"

די סבות - מאָטיוזוען צוליעב וועלכע ער איז אַנטלאָפען פון זיין אָרטאָ-דאָקסישען, טראַדיציאָנעלען פעטער אברם, און געוואָרען אַ רעפאָרמער. לוט שטעלט זיך פאָר אַלס אַן אידעאַליסט, פילאָזאָף, וועלכער שטרעבט צו ראַטעווען די מאָדערנע יוגענד, זיי זאָלען ניט אַנטלויפען ח"ו פון יודענטהום, דזשוראַאיזם.

„ויסע לוט מקדם", הסיע עצמו מקדמונו של עולם, אמר אי אפשי לא באברם ולא באלקיו" (מד"ר בראשית פ' מ"א ס"ז וברש"י שם). די חכמי המדרש פּאַרטייטשען דעם פסוק אויף פאָל-גענדען אופן:

און לוט האָט זיך אוועקגעצויגען פון „קדמונו של עולם", פון גאָט. ער האָט געזאָגט: „איך וויל ניט אברם'ען און וויל ניט זיין גאָט".

ווען הרן, אברם'ס ברודער איז געשטאָרבען און לוט איז געבליבען אַן עלענדער יתום, האָט איהם, פאַרשטעהט זיך, אברם אַריינגענומען צו זיך אין הויז, געהאַלטען ווי אַן אייגען קינד, געלערענט איהם געט-ליכקייט און גוטסקייט; געקוקט אויף איהם ווי אויף זיין יורש; און ווען אַ הונגער איז באַפאַלען דאָס לאַנד און אברם האָט געמוזט נעמען זיין וואַנדערשטעקען אין האַנד צוזאַמען מיט זיין פרוי שרה און געהן קיין מצרים, זוכען אַ שטיקעל ברויט, האָט ער לוט'ן ניט איבערגע-לאָזען אין כנען צו ליידען הונגער, נאָר איהם גענומען מיט זיך.

און דורך דעם זכות פון אברם'ן, וועמען פרעה האָט רייך געמאַכט, איז ער אויך רייך געוואָרען.

אזוי ווי דער פסוק דערצעהלט:

„וגם ללוט ההולך את אברם היה צאן ובקר ואוהלים" (בראשית י"ג ה'), „און אויך צו לוט'ן, ווייל ער איז געגאַנגען מיט אברם, איז געווען שאָף און רינדער און געצעלטען" (ב"ק צ"ג א. ורש"י בחומש שם), פון וואַנען צו לוט'ן האָט זיך גענומען רייכטהום שטעהט ניט דערמאָנט

אין פסוק, אָבער מען קען זיך משער זיין, דאָס אויך צו איהם האָבען פרעה און אַנדערע געגעבען מתנות. זיי זיינען נאָך געווען געשמייכעלט דאָס ער האָט גענומען. אַ קליינינקייט, אַזאַ יחסן! אברהם העברי איז זיין פעטער, שרה זיין מוהמע; און געווים איז ער אויך אַזוי הייליג און געטליך ווי זיי; איז דאָך זיין קלסתר פנים, דער געשטאַלט פון זיין פנים, גלייך צו זיין פעטערס (עיין בראשית י״ג ח׳).

און אַז לוט האָט געטהאָן געשעפטען אין מצרים האָט ער, אַ דאַנק זיין פעטערס נאָמען, געהאַט הצלחה.

פון גאָט׳ס ברכה צו אברם:

„ואעשך לגוי גדול ואברכך ואגדלה שמך והיה ברכה" „און איך וועל דיר מאַכען צו אַ גרוים פאָלק, און איך וועל דיר בענשען, און איך וועל גרוים מאַכען דיין נאָמען און דו זאָלסט זיין אַ בענשונג".

האָט לוט גענאָסען אַ גרויסען חלק.

אָבער דאָ זעהען מיר אַ מאָדנע, אונפאַרשטענדליכע ערשיינונג, וועלכע מיר זעהען עם כמעט אימער און אומעדום, נעמליך: ווי נור לוט האָט זיך אויף די פים געשטעלט, וואַרפט ער אָן אום׳חן אויפ׳ן פעטער אברם און אויף אַברם׳ס גאָט. לוט איז ניט געוואָרען אַפריידיינקער, ח״ו, אַן אפיקורוס, וואָס זאָל אין גאַנצען אויפהערען צו גלייבען אין גאָט. זיין מאָטטאָ איז ניט געוועזען ח״ו: „אי אפשי באלקים", איך וויל ניט קיין גאָט. ניין, לוט בלייבט אַ גלויביגער. מעהר ניט:

„הסיע עצמו מקדמונו של עולם", ער האָט זיך אָפגעצויגען פון פאַרצייטיגען קדמון׳דיגען גאָט.

ער האָט גע׳טענה׳ט: „אי אפשי לא באברם ולא באלקיו", איך וויל ניט אברם׳ן און זיין גאָט, אברם׳ס גאָט, דעם אָרטאָדאָקסישען, טראַדיציאָנעלען גאָט, אַזוי ווי אברם פאַרשטעהט און גלויבט. און דעם שטייגער ווי אברם דינט צו איהם.

איך וויל ניט קיין „שוהל בית אל". איך וויל אַ „טעמפעל בית אל": אין אַ שוהל בית אל מוז זיין אַ גאַלעריע מיט פאָרהאַנגען וואו נשים זיצען באַזונדער, אַזוי ווי זיי וואָלטען זיין נידעריגערע ברואים פון אונז מענער, און צוליעב דעם ווילען אונזערע יונגע פרויען ניט קומען אין שוהל.

אין אַ טעמפּעל בית אל מעגען פרויען זיצען מיט מענער. מיר קענען זיי אַנווייזען אין געבעט-בוך וואו דער חזן האַלט, וואָסער תפילה מען זאָגט איצטער. זיי מעגען מיט זייערע זיסע שטימען זינגען אין כאָר מיט גרויס עקסטאַז הייליגע געזאַנגען.

אין אַ שוהל הערט זיך דער ריח פון שמעק-טאַבאַק. אין אַ טעמפּעל דער דופט פון די בעסטע פּערפיומען, וועלכע ענטציקען די נשמה און טראָגען איהר אַוועק אין אַנדערע ניט-ערדישע וועלטען. — אין שוהל בית אל איז פול מיט רויך, קאַפּעץ און סאַזשע פון די יום-כיפּור׳דיגע נשמה-ליכט. אין „טעמפּעל בית אל" איז פול מיט ערקוויקענדע ריחות פון די בוקעטען רויזען און בלומען, וועלכע קינדער קויפען אום יום כיפּור און ברייגנען עס צו זייערע ליעבע מאַמעס, אָדער מענער צו פרויען.

דאָס פאַרשטאַרקט יודענטהום. אנשטאט געהן אין טעהאַטער אָדער מואַוויס קומען זיי בעסער זעהן די רעליגיעזע פאַרשטעלונגען אין טעמפּעל.

„אי אפשי באברם וכ"ו", איך וויל ניט אברם׳ן און אברם׳ס רב, מיט אַ באָרד און פּאות, מיט תורה און יראה, וועלכער מוסר׳ט אויף יעדען שריט און טריט, אַ תלמיד פון דער ישיבה פון שם ועבר, מיט די אַלט-פרענקישע ישיבה - בחור׳שע מאַניערען, מיט די העברעאישע דרשות וועגען גאָט, תורה, מצוות ומעשים טובים, שבת, טהרת משפחה, טבילת מקוה, כשרות, וואָס אברם׳ס אידישקייט פאַרמאָגט.

איך וויל אַ רעפאָרם ראַביי, אַ גלאַט ראַזירטען, פון אַ רעפאָרם קאָלעדזש, מיט מאָדערנע אידעען, מיט אַריסטאָקראַטישע צירליך, מאַ-ניערליך מאַניערען, וועלכער זאָל וויסען די ריכטיגע עטיקעטע ווי אַנ-צוגעהן מיט מאַדאַם לוט און מיינע טעכטער, וועלכער זאָל קענען זאָגען זיינע סערמאָנס, פּרעדיגען אין שפּראַכען פון סדום, עמורה, אדמה און צביים; זיינע סערמאָנס זאָלען ניט זיין וועגען גיהנום און גן עדן, וועגען קינדער ערציהונג אין אידישען גייסט, געבויט אויף פּסוקים פון דער אַלטער תורה אָדער מאמרי חז"ל; זיינע סערמאָנס להבדיל דאַרפען זיין וועגען מאָדערנע טהעמעס, ווי געבורטס קאָנטראָל, פרייע ליעבע, חתונות אויף פּראָבע, באַפּעפּערט מיט צוויי-דייטיגע וויצען, וועלכע זאָלען ציהען דעם פּובליקום צום טעמפּעל (אַ מעשה שהיה). אנשטאט קדושה טאַנצען זאָל ער קענען, להבדיל, דזשעז טאַנצען, אָדער ווינציגסטענס אַ מבינות זאָגען; אנשטאט שאלות פּסק׳ענען זאָל ער גוט קענען קאָרטען שפּילען,

כדי צו געווינען פּאָפּולאַריטעט; אנשטאט גרינדען חברות צו לערנען ש״ס משניות, עין יעקב און אזוי ווייטער, זאָל ער זיין אַ סאָציאַלער אַר־בייטער, סאָשעל וואָירקער, אַ גוטער אָרגאַנייזער צו אָרגאַניזירען בעלער, טענץ, קאָרטען פּאַרטיס פאַר׳ן טעמפּעל בית אל און פאַר דער זונטאָג־שוהלע.

אנשטאט קבלת שבת אין צייט — פרייטאג צו נאַכטיגע סערוויסעס.

אנשטאט קעמפפען מלחמתה של תורה, וואַרפען מיט גמרות, רשי״ס, תוספות, רמב״ם׳ס און מהרש״א׳ס, זאָל ער זיין אַ גוטער ספאָרטס־מאַן און קענען וואַרפען מיט באָלס.

אנשטאט זיך שפּילען מיט לשיטתות, פּלפּולים און חלוקים, זאָל ער בעסער שפּילען גאָלף, באָל, ביליארדס א. ז. וו. . . . אנשטאט מקואות זאָל ער סווימינג פּולס בויען, און אנשטאט תלמוד תורות און ישיבות — דזשימנאזיומס, כדי צו פאַרשטאַרקען יודענטהום, דזשודאאיזם, כדי צו־צוציהען דעם יונגען דור.

„אי אפשי לא באברם וכ״ו״, איך וויל ניט אברם׳ען און וויל ניט זיין הויז, זיין קיך, זיין מאָגען אידישקייט, מיט שאלות פון כשר און טרפה, פון דאָס מעגען עסען און דאָס ניט, פון מילכיגס און פליישיגס, פון צווייערליי געשיר, פון שבתים מיט זמירות, מיט ריחות פון קוגעל טשאָלענט און געפילטע פיש, הערינג, רעטאַך און ציבעלע. מיין מאָגען, איבערהויפּט די מאָגענס פון מיינע יונגע קינדער, קענען אַזעלכע מאכלים ניט פאַרדייען. זייערע מאָגענס זיינען צוגעוואָהנט צו אַזעלכע איידע־לע (?) שמעקענדיגע (?) מאכלים, ווי חינעזישע טשאָפּ סויאי, גע־מאַכט (?) . . . אָדער פראַנקפאָרטלאַך, געמאַכט (?) . . . אָבער ניט צו די כשרה, פרישע, זויבערע, געווייקטע און געזאַלצענע פליישען, גע־מאַכט פון די ציכטיגע הענד פון דער מוהמען שרה.

יע! „אי אפשי לא באברם וג״ו״.

איך, לוט, דער יונגער, מאָדערנער, פאָרטגעשריטענער, פּראָגרע־סירטער, וועלכער פאַרשטעהט די וועלט קען ניט לעבען מיט די אַלט־פרענקישע אידעען און באַגריפען פון דעם עובר בטל׳דיגען טאַבאַק־שמעקער אברם.

מיין ווייב מאַדאַם עדית לוט (כן שמה פדר״א פכ״ה) קען ניט לעבען לויט די פאַרצייטיגע אַלט־מאָדישע, פאַנאַטישע, צניעות׳דיגע

באגריפען פון דער צאינה-וראינה'דיגער לייענערין, תחינה-זאָגערין און גאָט פון אברהם זינגערין מוהמע שרה.

מיינע געבילדעטע טעכטער: פליטת, פטימת, רביה אז"וו (כן שמן עיין בפדר"א שם) שטעהען שוין אין שידוכים. מען דאַרף טהאָן מיט זיי אַריסטאָקראַטישע, הויך-געזעלשאַפטליכע שידוכים, ווי עס פּאַסט פאַר מיינע געבילדעטע טעכטער. וועמען אָבער וועלען זיי קריגען דאָ נעבען דעם פעטער און מוהמע? ישיבה בחורים, באַנק-קנייטשערס, דאַרמאַ-יעדניקעס, בטלנים, זיידענע יונגע לייטלאך, וועלכע וויסען ניט אפילו ווי מיט מיינע טעכטער צו רעדען, ווי דאַמען-רעכט אָפּצוגעבען, אַרוים-נעמען זיי פון שם ועבר'ס ישיבה און זיי געבען צו עסען קעסט?

ניין! „אי אפשי", איך וויל עס ניט! מיין ווייב וויל עס ניט „ און מיינע טעכטער ווילען עס ניט!

מיר לעבען ניט היינט אין די אַלטע קדמוניות'דיגע, פאַר-צייטיגע דורות פון פאַר'ן מבול. מיר לעבען אין אַ צייט אין וועלכער עס זיינען שוין דאָ אַזעלכע מאָדערנע, קולטורעלע, פּראָגרעסירטע, רייכע, שטאָלצע שטעדט ווי סדום און עמורה, אדמה וצביים (עיין יחזקאל ט"ז מ"ט ועיין בפדר"א פכ"ה).

דאָרטען דאַרפען מיר אַרויסמופען; דאָרטען וועל איך טהאָן פיינע שידוכים מיט מיינע טעכטער, מיט מענער וועלכע וועלען וויסען ווי מיינע טעכטער צו שעצען, וועלכע וועלען אויך וויסען ווי צו רעספּעקטירען זייער שווער און שוויגער, אונז רופען פּאַ און מאַ, ניט שווער און שוויגער. (ועיין בפדר"א שפליטת בתו של לוט היתה נשואה לאחד מגדולי סדום.)

„אי אפשי לא באברם ולא באלקיו".

איך וויל ניט אברם'ען און וויל ניט אנערקענען זיינע קרומע שיטות און דעם וועג ווי אַזוי ער גיט אָפּ כבוד צו זיין גאָט, אַ דאַנק זיינע פאַר-קרימטע שיטות.

אַ נייע שיטה האָט אברם אויסגעטראַכט, אַ שיטה פון:

„שלי שלך ושלך שלך", „מיינס איז דיינס, און דיינס איז אויך דיינס". נאָך אַן ערגערע שיטה ווי פון די קאָמוניסטען. זייער שיטה ווינציג-סטענס איז: „שלי שלך ושלך שלי", „מיינע איז דיינע און דיינע מיינע".

ער אָבער וויל ביי קיינעם ניט נעמען, זינט ער איז געוואָרען פאַר־מעגליך. וויל מען איהם עפּעס געבען שווערט ער באַלד אַז ער וועט ניט נעמען.

„הרמותי ידי אל ה׳ וגו אם מחוט ועד שרוך־נעל ואם אקח מכל אשר לך״ (בראשית י״ד כ״ב כ״ג), „איך האָב אויפגעהויבען מיין האַנד, שווערענדיג צו דעם אויבערשטען גאָט וג״ו, אויב איך וועל נעמען פון אַ פאָדים ביז אַ שוך־בענדעל, און אויב איך וועל נעמען פון אַלעס וואָס געהערט צו דיר״, כדי: „ולא תאמר אני העשרתי את אברם״, „דו זאָלסט ניט זאָגען: „איך האָב אברם׳ען רייך געמאַכט״. ער געבען אַנדערע מעג, אָבער נעמען ניט.

זיין הויז איז הפקר, יעדער שנאָרער, טרעמפּ קומט צו איהם אין הויז, עסט, טרינקט און שלאָפט אַזוי לאַנג ווי איהם ווילט זיך. זיין הויז אין אַ וואהרער הקדש, אַ ריכטיגער הכנסת אורחים. יעדער איינער קומט און נודעט, דערצעהלט זיינע נאַרישקייטען און ער און זיין הויז־געזינד מוזען אַלץ אויסהערען.

אַלע זיינע משרתים, עבדים ושפחות מוזען שטעהען און באַדינען די טויזענטער שנאָררערס. יעדער בעטלער איז ביי איהם אַ פּרינץ אַף ווילס.

גאַנצע טעג אין די גרעסטע היצען שטעהט ער ביים טהיר. „והוא יושב פתח האוהל כחום היום״ (בראשית י״ח א׳), די אויגען בלאַנדזשען אַרום ווייט, ווייט איבער די וועגען, פיליכט וועט ער דערזעהן די שטויב פון די טרעמפּישע פיס.

און ווען ער דערזעהט זיי פאַרלירט ער זיין אייגענעם האָנאָר; פאַר־געסט זיין עלטער, זיין שוואַכקייט; פאַרגעסט אַז ער איז אַ נשיא אלקים און נעמט אָן אַן אָטעם לויפען, בוקט זיך צו זיי ביז דער ערד.

„וירא וירץ לקראתם מפתח האוהל וישתחו ארצה (שם).

נעמט זיך ביי זיי, ביי ווילדע ערביים זאָגאַר, בעטען מיט גרויס אונטערטעניגקייט, דאָס אויב ער האָט געפונען ביי זיי, די גרויסע האַרען, לייטזעליגקייט אין די אויגען, בעט ער זיי, זיי זאָלען ניט אַוועקגעהן פון זייער קנעכט.

„ויאמר אדני אם נא מצאתי חן בעיניך אל נא תעבור מעל עבדך (שם לפי פיר״שי הראשון).

נא, איך בעט אייך, פליעז, לאז געבראכט ווערען אביסעל וואסער, וואשט אייערע פיס, און לענט אייך אן אונטער'ן בוים.

„יוקח נא מעט מים ורחצו רגליכם והשענו תחת העץ".

טאמער איז ער ניט יוצא פאר די האכגעשעצטע געסט, פילייכט איז עס אפשר ניט לפי כבודם אז זיינע משרתים זאלען זיי משמש זיין, נעמט ער אליין זיי באדינען, בריינגט זעלבסט די ברויט.

„ואקחה פת לחם", „און איך וועל בריינגען א שטיקעל ברויט".

און מורא האבענדיג, אפשר אז ער וועט געהן בריינגען די ברויט וועלען זיי זיך דערווייל אפטראגען, עס וועט זיי ניט אנשטעהן ביי איהם צו עסען, בעט ער זיי ווייטער:

„סעדו לבכם — איהר וועט אונטערלענען אייער הארץ".

„אחר תעברו", דערנאך וועט איהר אוועקגעהן.

„כי על כן עברתם על עבדכם — אז איך האב שוין געהאט די גרויסע זכיה דאס איהר זייט פארבייגעגאנגען אייער קנעכט" (עיין ברש"י ואבן עזרא).

די אורחים זיינען שוין אזוי צוגעוואהנט צום געדאנק, אז ער דארף זיי אונטערטעטיג באדינען, דאס זיי דאנקען איהם שוין ניט אפילו, רעדען ניט צו איהם מיט א געבעט-טאן, באנוצען זיך ניט מיט'ן ווארט „נא-ביטע", זאגען ניט: :נא, עשה כאשר דברת", ביטע, טהו ווי דו האסט גערעדט, נאר זאגען באפעהלעניש: „כן תעשה כאשר דברת", „טהו! אזוי ווי דו האסט גערעדט".

און אז ער דערהערט זייער באפעהל ווערט ער אזוי באגייסטערט פון גליק, דאס געשווינד, פיילען פון בויגען, לויפט ער צו דער מוהמע שרה, זיין געטרייער חבר, און זאגט איהר אן די גרויסע בשורה אז ער האט הויכגעשעצטע אורחים, ערביים, וועלכע בוקען זיך צו די שטויב פון זייערע פיס (עיין ברמב"ן פסוק ז').

ער רעדט ניט דאן צו שרה'ן ווי מען רעדט צו א ליידי, בעטען איהר זי זאל איהם העלפען מקבל פנים זיין די אורחים, מאכען פאר זיי וואס צום עסען, נאר ער רעדט צו איהר אזוי ווי א דיקטאטאר, באפעהלט איהר:

מהרי שלש סאים קמח סלת לושי ועשי עוגות,

געשווינד, דריי מאָס זעמעל־מעהל! קנעט! און מאַך קוכענס!

ער זאָגט ניט: „מהרי נ א קחי", „געשווינד, איך בעט דיר, נעם"... דער באפעהל איז אויך אַז זי זעלבסט זאָל קנעטען און באַקען, ניט די דינסטען. אפשר וועלען די ערביים אורחים ניט גלייכען. — און צו וואָס האָט מען אין גאַנצען געדאַרפט באַקען? די שנאָרערס וואָלטען ניט קאַליע מאַכען די מאָגענס מיט נעכטיגע ברויט.

נאָר ווי געזאָגט, ער פאַרלירט זיך, ווייסט ניט וואָס עס טהוט זיך מיט איהם, דערזעהענדיג אורחים. קיינער אויסער די אורחים עקזיס־טירט ניט פאַר איהם.

אַזוי ווייט ווערט ער צוטראָגען און פאַרלירט זיין קאָנטראָל איבער זיך דערזעהענדיג אורחים —

„דאָס ער פאַרגעסט זאָגאַר, בביכול, אין גאָט בשעת מעשה".

עס טרעפט פיעל מאָל ווען ער שטעהט און רעדט מיט גאָט, וועלכער שטעהט ביי זיין טהיר.

„וירא אליו ה' באלני ממרא והוא יושב פתח האוהל כחום היום". בעט ער ניט גאָט, כביכול, אַריין אין געצעלט, ווייל ער האָט מורא דאָס זייענדיג אינווייניג אין אוהל מיט גאָט, וועלען דערווייל אַדורכגעהן אורחים און ער וועט זיי ניט זעהן.

און אַז גאָט העלפט און עס באַווייזען זיך אורחים, פאַרגעסט ער אַז גאָט רעדט מיט איהם און נעמט געשווינד לויפען זיי מקבל פּנים זיין, לאָזענדיג גאָט, כביכול, אַליין.

„וישא עיניו וירא והנה שלשה אנשים נצבים עליו וירא וירץ לקראתם".

און ווען ער דערמאָנט זיך לויפענדיג וואָס ער האָט געטהאָן — גע־לאָזט גאָט שטעהן אַליין, קערט ער זיך ניט אום צוריק און בעטען סליחה ביי גאָט, נאָר לויפענדיג צו די אורחים שרייט ער אויס און בעט גאָט, דאָס אויב ער, אברהם, האָט לייטזעליגקייט אין זיינע אויגען, זאָל ער, גאָט, כביכול, אַזוי גוט זיין ניט אַוועקגעהן פון זיין קנעכט ביז ער וועט צוריק קומען מיט זיינע אורחים.

„ויאמר ה' אם נא מצאתי חן בעיניך אל נא תעבור מעל עבדך".

(לפי פירש השני של רש"י שה' קודש, ובזה יתורץ ג"כ ב"ה קושית רש"י: ואעפי שכתיב אחר וירץ לקראתם? האמירה קודם לכן היתה עיי"ש ולפי דברינו האמירה היתה אחרי שהתחיל לרוץ, והבן.)

און אַז מען רעדט איהם אוים: סטייטש, היתכן? אַזוי גיט מען אָפּ כבוד צו גאָט? אַז דו אברהם ביזט אַזוי מכבד גאָט, טו וואָס זאָלען מיר פּראָסטע מענשען טהאָן?

ווערט ער ווינציג וואָס נתפעל און גיט אונז אַ נייע שרעקליכע לעהרע, נעמליך:

„גדולה הכנסת אורחים יותר מקבלת פּני השכינה (שבת קכ"ז)

„אַז אויפנעמען אורחים, שפּייזען הונגעריגע, אָנטרינקען דורשטיגע, געבען אַ נאַכטלעגער צו מיעדע איז גרעסער ווי מקבל זיין פּני השכינה". אַזוי, זאָגט ער, איז דער רצון ה'. אַזוי הייסט איהם, זאָגט ער, זיין אָרטהאָדאָקסישער גאָט.

מעהר דאַרפען ניט די שנאָרערס. זיי האָבען זיך אין דער מאַטטאָ אָנגעכאַפּט ווי אין אַן אבן טוב, לאָזען עס ניט אַראָפּ פון זייערע ליפּען, האַלטען זיך יעצט גאוה'דיג, קוקען אויף אונז גבירים פון אויבען אַראָפּ. אַ קלייניגקייט, אַזעלכע יחסנים, מקבל פּנים זיין זיי איז גרעסער ווי מקבל פּנים זיין גאָט!

דורכדעם איז לעצטענס נתרבה געוואָרען אַזוי פיעל שנאָרערס, בטלנים, פוילענצער, לא-יוצלח'ניקעס, פּיאַווקעס אויף אונזערע קערק. ביי איהם אין שוהל בית-אל קען מען קיינמאָל ניט אַריינקומען דאַווענען, זאָגען קדיש, האָבען יאָהרצייט. שטענדיג שוויבעלט און גריבעלט מיט משולחים, רבנים, מגידים, מחברים, חזנים, אַפּיעל-מאַכערס און דראַי-ווערס פאַר פאַרשידענע אַנשטאַלטען.

פון זיין הויז איז דאָך שוין אָפּגעדערט. דאָרטען איז דאָך אַן אמת'ער יריד. און ביי איהם איז דאָס אַלץ גוט. ער קוועלט גאָר אָן פון דעם אַלעמען.

אַ גליק וואָס ער איז אַן עקר, קינדערלאָז, קען ער זיך אַזוי פיהרען, אָניט, וואָלט ער זיינע קינדער פאַרטריבען פון זיין הויז, פון אַ שוהל, פון אידישקייט, פון זייער פאָלק. אַ גליק האָט ער וואָס זיין ווייב איז אַ פאַרצייטיגע, טייטש-חומש און תחינה אידענע. שווייגט זי, כאָטש זי

איז ניט זעהר צופרידען פון זיין גאַנצע הנהגה. (כתיב קמח וכתיב סלת? א"ר יצחק מכאן שהאשה עיניה צרה באורחים יותר מן האיש, ב"מ פ"ז עיי"ש במפרשים.)

ביי מיר ווען עס טרעפט אַז דער פעטער שיקט מיר צו אורחים אויף שבת, ווייל ביי איהם איז שוין דאָ צופיעל, איז ביי מיר ניט שבת, נאָר תשעה באב. מיין ווייב שליידערט זיך, וואַרפט זיך, געהט אַרום אָנגעבלאָזען, קרימט מיט'ן נאָז. און אַז זי דערלאַנגט שוין עפּעס עסען צום טיש, טוהט זי אומיסטנע ניט אַריין קיין זאַלץ, כדי מען זאָל דאָס ניט קענען עסען, אַלס פּראָטעסט צו מיר און כדי די אורחים זאָלען פאַרזאָגען אַ צעהנטען מעהר צו מיר ניט צו קומען.

(א"ר יצחק מצות גדולה עמדה על המלח דהוא אמר לה: הב לאלין אכסניא קליל מלח", והות אמרה ליה: „אף הדא סיניתא בישא את בעי מילפא הכא", בר"ר פ' נ' ס"ד.)

מיינע טעכטער, ווי נור זיי דערזעהען די אורחים, צולויפען זיי זיך באַלד פון הויז אין טהעאַטער, פּיקטשורס, טענץ, בעלער, קאָרטען שפּילען, אַבי ניט זיצען מיט אונז ביים טיש. און אַז איך בעט זיי מיר ניט מבייש צו זיין, ווערען זיי נאָך אין כעס שרייענדיג:

„וואָס ווילסטו, מיר זאָלען זיצען מיט די שמוציגע שנאָרערס ביים טיש? ! וועלכע ווייסען ניט פון קיין טיש-עטיקעטע, ווייסען ניט ווי זיך צו באַנוצען מיט אַ גאָפּעל מעסער, עסען מיט די הענד, מאַכען אַ גערויש כליאָבענדיג די לאָקשען אַז מען קען הערען פאַר אַ מייל; היינט זייערע רייד, זייערע באַוועגונגען, קליידונג, האַלטונג? דאָס זיינען דיינע שעהנע אידען? און זיי נעמען שיטען פעך און שוועבעל אויף אידישקייט, אויף דער תורה, אויף פאַנאַטיזם. וואָס וועט זיין, פרעגען זיי מיר, אַז אונזערע יונגע פריינד וועלען אַריינקומען? וואו וועלען מיר זיך פאַרבאַהאַלטען פון חרפּה? ווי אַזוי וועלען מיר קענען אונזערע געפאַרבטע פּנים'ער פאַר זיי ווייזען ווען זיי וועלען נעמען רעדען וועגען אונזערע ראַביים מיט די בערד און פאות?

צוליעב זיי, צוליעב אונזערע יונגע, געבילדעטע קינדער, זיי זאָלען ניט אַנטלויפען פון אונז, זיי זאָלען רעספּעקטירען יודענטהום, מוז רע-פאָרם איינגעפיהרט ווערען, מוז ביי אידען אַן אַנדער אָרדענונג איינ-געשטעלט ווערען.

מוזען מיר שרייען און רופען:

„אי אפשי לא באברם ולא באלקיו”,

מיר ווילען ניט אברם'ען און ווילען ניט זיין אָרטהאָדאָקסישען גאָט! מיר ווילען אַ רעפאָרם-גאָט!

אויך אברם'ס שיטה פון „שלי שלך ושלך שלך”, מיינע איז דיינע און דיינע איז אויך דיינע, איז באַנקראָט. עס איז אַ קרומע שיטה, וואָס נור אַן אַלטער, עובר בטל האָט געקענט אויסטראַכטען.

וואו איז דאָס געהערט געוואָרען? איך, לוט, וועל אַרבייטען שווער און ביטער, כדי אַרויסצובאקומען פון דער ערד אַ שטיקעל ברויט, און דערנאָכדעם וועלען קומען שנאָרערס און דאָס אויפעסען.

בייטאָג וועט מיר עסען די היץ, ביינאַכט די קעלט, פּאַשענדיג מיינע סטאַדעס. צוליעב וואָס? כדי איך זאָל נאָכדעם זיי אויסקוילענען און אַוועקגעבען זייער פלייש צו לײדיגגעהער, עצלים, פוילענצער, פּאַראַזיטען, וועלכע ווילען ניט אַרבייטען, ווילען אַ האַנד אין קאַלטע וואַסער ניט אַריינשטעקען, און איך זאָל נאָך האָבען אַ כבוד און אַ זכיה זיי זאָלען דאָס ביי מיר אויפעסען.

ניין! „אי אפשי!” איך וויל ניט, גלויב ניט אין אַזעלכע ווילדע אידעען, אין אַזעלכע פּאַראַנדקעס.

מיר געפעלט בעסער די שטה פון אונזערע שכנים פון סדום, אַז: „שלי שלי, ושלך שלך”, „מיינע איז מיינע און דיינע — דיינע”.

אמת עס זיינען דאָ אין סדום רשעים וועמענס שטה איז: „שלך שלי ושלי שלי”, „דיינע איז אויך מיינע, און מיינע איז מיינע”, האָב איך פאַר דעם אויך קיין מורא ניט. זאָלען פאַר דעם ציטערען די קבצנים, ניט איך, דער רייכער מאַגנאַט, מלוה. איך וויל גיכער ביי זיי צונעמען, איידער זיי ביי מיר.

יע, פאַר סדום איז ניטאָ וואָס מורא צו האָבען. אין סדום קען איך זיין זיכער מיט מיין גאָלד און זילבער, מיט מיינע סטאַדעס, און מיט מיינע קינדער, און איבערהויפּט מיט מיין רעפאָרם-יודענטהום און מיט מיינע וועלט-אנשויאונגען.

יע, מען מוז צוברעכען די בריקען וואָס פאַרבינדען מיר מיט אברם'ען,

מיט זיין גאָט, טראַדיציע, לעבענס-שטייגער פון פאַרצייטיגען, קדם-דיגען פאַנאַטיזמוס, און . . .

„ויסע לוט מקדם”, לוט האָט אַוועקגעמאַרשירט פאָרווערטס, „ויפרדו איש מעל אחיו”, און זיי האָבען זיך אָפּגעשיידט איינער פון צווייטען.

„אברם ישב בארץ כנען”, דער אָרטהאָדאָקסישער אברם איז געבליבען זיצען אין דער געטאָ, אין דעם לאַנד כנען, דאָס צוגעזאָגטע לאַנד פון גאָט צו איהם און זיינע קינדער, „ולוט ישב בערי הככר”, און לוט, דער רעפאָרמער, האָט זיך באַזעצט אין די שטעדט פון דעם פלוין, אין דעם שעהנעם, פראַכטפולען, אַריסטאָקראַטישען, בוימער-שאָטענדיגען, בלומען-גערטנערדיגען געגענד פון סדום, ביי דער זייט (ריווערסייד דרייוו) פון דעם שעהנעם, באַצויבערענדען טייך ירדן.

„ויאהל עד סדום”, שפּרייטענדיג זיינע געצעלטען ביז סדום, די סדום אויף וועלכע עס איז געזאָגט:

„ואנשי סדום רעים וחטאים לה' מאד”,

און די מענשען פון סדום זיינען זעהר שלעכט און זינדיג קעגען גאָט.

„וישמן לוט ויבעט”,

לוט איז פעט געוואָרען און אַ בריק געטאָן. און וואָס רייכער ער איז געוואָרען, און וואָס פעטער ער איז געוואָרען, אַלץ שטאַרקער האָט לוט געטופּעט, געזשווירגעט און געבריקעט מיט זיינע שווערע, פעטע פיס, שרייענדיג אַלץ העכער און העכער:

„אי אפשי לא באברם ולא באלקיו!”

„איך וויל ניט אברם'ען און איך וויל ניט זיין גאָט!” עס נויטיגט זיך רעפאָרם.

און וואָס נעהענטער זיינע געצעלטען האָבען זיך צוגערוקט צו סדום, אַלץ אַנדערע טעמפּלען האָט ער געבויט, — טעמפּלען וואָס זאָלען זיך בעסער צופּאַסען צו די געצענדינערשע טעמפּלען פון סדום, און זיך וואָס מעהר, וואָס ווייטער אָפּרוקען פון אברם'ס שוהל.

כדי . . . צו פאַרשטירקען יודענטהום, דזשודאאיזם, (?) כדי . . . איינצוהאַלטען דעם יוגענד, ער זאָל אין גאַנצען ח"ו ניט אַנטלויפען (?)...

דאָס זיינען געווען די מאָטיווען, וועלכע דער ערשטער רעפאָרמער לוט האָט אָנגעגעבען, פאַרוואָס ער רייסט איבער זיינע פאַרבינדונגען מיט'ן אָרטהאָדאָקסישען, טראַדיציאָנעלען פעטער אברם.

מיט דעם האָט ער געוואָלט זיך ריינוואַשען פאַר דער וועלט. נאָכמעהר האָט ער מיט דעם געוואָלט בארוהיגען זיין געפּלאָגטען געוויסען, וועלכער האָט איהם ניט געלאָזט רוהען. דאַרפען מיר נאָך אָלעמען ניט פאַרגעסען, אַז לוט האָט געהאַט ביי אברהם'ען אַ טראַדיציאָנעלע, אידישע ערציהונג, פריהער אין חדר, תלמוד תורה, דערנאָך אין ישיבה פון שם ועבר, וואו עס איז איהם אָנגעוויזען געוואָרען דער אמת'ער דרך ה', אברהם'ס דרך ה', ווי ער האָט פאַרלאַנגט פון זיין הויזגעזינד, ווי גאָט אַליין האָט געזאָגט וועגען אברהם'ען:

„כי ידעתיו למען אשר יצוה, את בניו ואת ביתו אחריו ושמרו דרך ה' לעשות צדקה ומשפט" (בראשית י"ח י"ט). און גירסא דינקותא, יוגענד-לעהרע, קען מען ניט אַזוי גיך אַרויסרייסען פון האַרצען. און דארום האָט ער דער וועלט און נאָכמעהר זיך געוואָלט איינרעדען אַז ער טהוט עס „לשם שמים", ווייל ער זוכט גאָט, אַ מאָדערנעם רעפאָרמירטען גאָט, ניט אברם'ס, וואָס זאָל זיך צופּאַסען צום מאָדערנעם לעבען, צו דער יוגענד . . .

לוט האָט, פיליכט, געקענט זיך אָפּנאַרען, ער האָט אויך געקענט אָפּנאַרען די וועלט, די אויבער-פלעכע, מוח-פלאַציגע וועלט, זיך פאַרשטעלען אַלס אידעאַליסט, פילאָזאָף, גאָט-זוכער, וועמעס האַרץ בלוטיגט פאַר דער יוגענד, און זיי מאַכען גלויבען אין זיינע מאָטיווען, זיי זאָלען איהם נאָכפאָלגען. ער האָט אָבער ניט געקענט אָפּנאַרען אונזערע גרויסע חכמים ז"ל, אונזערע טיעפע פּסיכיאַטאָרען, נשמה - קענער, וועלכע האָבען געקענט אַריינדרינגען אין די טיעפסטע אָפּגרונדען פון דער מענשליכער נשמה און זעהן מיט זייערע ליכטיגע אויגען וואָס דאָרטען געפינט זיך: דימאַנטען, פּערעל, אדעלשטיינער אָדער שמוץ, מיסט און בלאָטע.

זיי, אונזערע הייליגע חכמים, האָבען אונערשראָקען אַראָפּגעריסען די היפּאָקריטישע, צביעות'דיגע מאַסקע פון זיין פּנים, אַנטפּלעקט פאַר אונז זיין אמת'ן פּרצוף, זיינע אמת'ע מאָטיווען, וועלכע האָבען איהם געטריבען צו אַנטלויפען פון אברם'ען און פון אברם'ס גאָט, וואָס האָבען גורם געווען ער זאָל אָוועקשליידערען דעם אַלטען, טראַדיציאָנעלען,

תכלת׳דיגען טלית מיט דער זילבערנער עטרה, און אָנטהאָן אַ שוואַרצע טענדעוואַרענדע מיט אַ שתי-וערב׳דיגען שלייפעל; וואָס האָבען איהם געבראַכט ער זאָל אַרויסרייסען די כפול-שמונה׳דיגע ציצית — פרענזען, קיטאַסען — דער סימבאָל פון טראַדיציע, פון תרי״ג מצוות — וועלכע דערמאָנען דעם מענשען ווען ער קוקט אויף זיי צו געדיינקען גאָט׳ס מצוות, זיי טהאָן און ניט נאָכגעהן נאָך דער פאַרפיהרערשער הארץ און אויגען.

ועשו להם ציצית וג״ו וראיתם אותו וזכרתם את כל מצות ה׳ ועשיתם אותם ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם אשר אתם זונים אחריהם״ (במדבר ט״ו ג״ז).

און זיי פאַרבייטען אויף זיידענע סאַליקלאַך מיט פרינזען און מיט כפול-שמונה׳דיגע אַכט-שפיציגע יאַרמעלקעס מיט אַ זיידענעם קיטאַכ, וואָס וואַרפט זיך אויף אַלע זייטען, וואו מען גיט אַ דרעה מיט׳ן קאָפּ, — דער סימבאָל פון רעפאָרם, פון זיך וואַרפען אויף אַלע זייטען, וואו די מאָדערנע ווינדען בלאָזען, — פון פאַרגעסען גאָט׳ן מצוות, פון נאָכגעהן נאָך דער פאַרפיהרערשער הארץ און אויגען.

ווי מיר וועלען עס ב״ה זעהן אין דער נעקסטער דרשה.

דרוש י״ב לפ׳ לך, לפ׳ וירא.

לוט דער צבוע׳יאק

די אמת׳ע סבות ווארום לוט האָט זיך אָפּגעשיידט פון אברהם׳ען און געוואָרען אַ רעפּאַרמאַטאָר, לויט די חז״לם ערקלערונג. זוך די פרוי. שכם בן חמור און זליכה. דעם מלאך׳ס מוסר זאָגען צו לוט׳ן, און לוט׳ס צביעות׳דיגע חוצפה. אין דער מערה אויפ׳ן באַרג האַלב שיכור האָט לוט געגעבען אַן ערקלערונג ווארום ער האָט ערפונדען די רע־פאָרמישע מאָטאָ פון אי אפשי לא באברם ולא באלקו.

„וישא לוט את עיניו וירא את כל ככר הירדן כי כולה משקה לפני שחת ה׳ את סדום ואת עמורה כגן ה׳ כארץ מצרים בואכה צוער״. (בראשית י״ג י׳)

און לוט האָט אויפגעהויבען זיינע אויגען און ער האָט געזעהן די גאַנצע געגענד פון ירדן אז זי איז אין גאַנצען באוואסערט. דאָס איז געווען איידער גאָט האָט צושטערט סדום און עמורה. די געגענד איז געווען ווי דער גאָרטען פון גאָט, אזוי ווי דאָס לאַנד פון מצרים, ווען מען קומט נאָך צוער.

אונזערע חז״ל דרש׳ענען דעם פסוק אויף פאָלגענדען אופן: (נזיר כ״ג, ע״א, הוריות י׳, בר״ר פ׳ מ״א ס״ז בשם ר׳ יוסי בר׳ חנינא.)

„א״ר יוחנן: כל הפסוק הזה על שם עבירה נאמר״. ר׳ יוחנן זאָגט: דער גאַנצער פסוק איז געזאָגט געוואָרען וועגען זינד. די מיי־נונג פון די ווערטער:

„וישא לוט את עיניו״, און לוט האָט אויפגעהויבען זיינע אויגען איז די זעלביגע ווי אין פסוק: „ותשא אשת אדוניו את עיניה אל יוסף״, און דאָס ווייב פון זיין האַר האָט אויפגעהויבען איהרע אויגען צו יוסף׳ן.

אזוי ווי דאָרטען מיינט עס ז נ ו ת, אויסגעלאַסענקייט. זליכה׳ס הויבען די אויגען איז געווען באגלייט מיט שמוציגע מחשבות. אזוי אויך דאָ ביי לוט׳ן. ער האָט געהויבען זיינע אויגען מיט זינדיגע מחשבות, צו געפינען אַ געגענד זיך צו באזעצען, וואו מען קען זינדיגען.

און אַז מען זוכט געפינט מען.

„וירא, און ער האָט דערזעהן. די באַדייטונג פון דעם וואָרט „וירא" איז דער זעלביגער ווי די באַדייטונג פון דעם וואָרט „וירא", וואָס שטעהט געשריבען ביי שכם בן חמור:

„וירא אותה שכם בן חמור" (בראשית ל"ז א׳),

און שכם דער זוהן פון חמור האָט דערזעהן דינה׳ן.

וואָס שכם׳ס „וירא" האָט געמיינט, און וואָס דער רעזולטאַט פון שכם׳ס דערזעהן איז געווען איז גוט באַוואוסט.

אויך די ווערטער פון פסוק: „ככר און משקה" ענטהאַלטען אין זיך אַנדייטונגען פון זינד, פון זנות.

„ככר" אין לשון הקודש האָט פיעלע באַדייטונגען: „ככר כסף", אַ צענטער זילבער; „ככר הירדן", דער פלוין פון ירדן; „ככר לחם", אַ לעבעל ברויט. און דער וואָרט „ככר" דאָ דערמאָנט אונז אין וואָרט: „ככר לחם", אַ לעבעל ברויט, וואָס שטעהט ביי די זינד פון זנות:

„כי בעד אשה זונה עד ככר לחם" (משלי ו׳),

צוליעב דער אויסגעלאַסענער פרוי פאַרלירט מען דעם גאַנצען פאַרמעגען ביז מען האָט ניט זאָגאַר אַ שטיקעל ברויט.

אויך דאָס וואָרט „משקה" איז מרמז זנות, ווי עס שטעהט געשריבען ביי דער סוטה: „והשקה את האשה את מי המרים" (במדבר ה׳), דער כהן זאָל אַנטרינקען דער פרוי, וועלכע דער מאַן האָט חושד געווען אין אונמאָראַלישע אויפפיהרונג, מיט די ביטערע וואַסער.

אָדער ווי עס שטעהט געשריבען ביי דער זונה. זי זאָגט:

„אלכה אחרי מאהבי נותני לחמי ומימי שמני ושיקויי" (הושע ב׳ ז׳),

איך וועל נאָכגעהן מיינע געליבטע, וועלכע גיבען מיר מיין ברויט און וואַסער, מיין וואָל און פלאַקס, מיין שמיר-אויל און געטראַנקען. (עיין מד"ר שם ובמתנות כהונה בשם הילקוט ובהוריות דף י׳.)

אויסער די פסוקים איז עס אויך פשוט: אויב דאָ רעדט זיך וועגען זנות מוז עס זיין באַגלייט מיט שיכרות. דער יצר הרע פון זנות האָט אַ גוטען שדכן, וועלכער פאַרדרעהט ביים זינדיגען דעם קאָפּ, צומישט דעם שכל, מאַכט איהם פאַרלירען זיין רעספּעקט, זעלבסט-ווירדע, אָרענט-ליכקייט און אנשטענדיגקייט, און פאַר׳שיכור׳ט זיינע מענשליכע גע-פיהלען. דעם שדכן׳ס נאָמען איז: „משקה".

זעלבסטפארשטענדליך, אויב לוט האט געזוכט זנות האט ער אויך געהויבען די אויגען אום אויסצוגעפינען אויב מען קען דארטען קריגען דעם ביטערען טראפען, אויב עס הערשט ניט דארטען פראהיבישאן.

און „וירא", ער האט געזעהן, „כי כולה משקה", די גאנצע געגענד איז פול מיט משקה, מיט שכרות-הייזער, קאבארעטען און נאכט־קלובען. און דארום האט ער באשלאסען זיך צו באזעצען אין דעם געגענד פון ירדן.

יעצט שטעלט זיך א פראגע, נעמליך:

אונזערע חכמים ז"ל האבען זיך שטענדיג געהאלטען ביי דער מאטטא פון; „והוי דן את כל האדם לכף זכות (אבות פ"א מ"ו), זאלסט שטענדיג זוכען די גוטע זייט פון מענשען. געפין שטענדיג, ווען מעגליך, אויף איהם א זכות. טו ווארום האבען זיי ניט דאס זעלבע געטהאן צו אונזער ווירדיגען פעטער לוט? ווארום האבען זיי איהם אוועקגעשטעלט אין אזא פינסטערע ליכט? ווארום האבען זיי אויף איהם ארויפגעשמירט אזא שענדליכען פלעק?

אמת, זיי האבען פסוקים אין וועלכע עס געפינען זיך גלייכע ווערטער: „וישא — ותשא, וירא — וירא".

האבען זיי זיך דאך געקענט באנוצען מיט פסוקים, וועלכע זיינען נאך פאראלעל גלייכער צום פסוק, וועלכער שטעהט געשריבען ביי לוט'ן?

צו דעםווארט „וישא" דארפען זיי זיך באנוצען מיט'ן פסוק פון פ' וישב: „ותשא אשת אדוניו". און צום ווארט „וירא" ברייננגען זיי א פסוק פון פ' ויצא: „וירא אותה שכם".

האבען זיי דאך געקענט ברייננגען פסוקים, וואס אין יעדען פסוק איז דא אי דער ווארט „וישא", אי דער ווארט „וירא". נאכמעהר, די פסוקים געפינען זיך ניט אין וויטערע סדרות, נאר טאקע אין שכנות צו דער סדרה לך לך, אין פ' וירא.

זיי האבען צב"ש געקענט ברייננגען דעם פסוק פון אנפאנג סדרה:

וישא עיניו וירא והנה שלשה אנשים נצבים עליו",

און אברהם האט אויפגעהויבען די אויגען און געזעהן דריי מענשען.

אברהם'ס אויפהייבען די אויגען פון דעם פסוק איז געווען צוליעב א הויכען, נאָבעלען צוועק, צוליעב הכנסת אורחים, מענשען־ליעבע. א פסוק, וועלכער שטעלט אוועק אברהם'ען אלס דעם גרעסטען מכניס אורח אין דער מענשליכער היסטאָריע.

א פסוק, וועלכער קרוינט אברהם'ען מיט דער קרוין פון מענשען־ליעבע; א פסוק, וועלכער פאַרשפּרייט אַזוי פיעל ליכט אַרום דער געטליכער געשטאַלט פון טאַטען אברהם; א ליכט, וועלכע שיינט און וואַרימט ביז'ן היינטיגען טאָג אין די הערצער פון זיינע קינדער, וועלכע צייכענען זיך אויך אוים מיט דער מדה. (ג' סמנים יש באומה זו: „רחמנים ביישנין וגומלי חסדים" (יבמות י"ט), „וכל מי שאינו מרחם על הבריות בידוע שאינו מזרעו של אברהם אבינו" (ביצה ל"ב), און דאָס זעלבע האָבען די חז"ל געקענט זאָגען, דאָס אויך לוט'ס: „וישא עיניו וירא" איז געווען פון דעם זעלבען כאַראַקטער, צוליעב דעם זעל־ביגען ציעל, נעמליך: לוט האָט אויפגעהויבען די אויגען און געזעהען דעם ככר הירדן, וואו עס זיינען געווען מענשען, וועלכע האָבען גע'שם'ט מיט זייער אכזריות צו אורחים, מיט זייער קאַרגשאַפט, עגאָאיזם און מענשען־שנאה, האָט ער באשלאָסען זיך צו באזעצען צווישען זיי, כדי צו אַגיטירען צווישען זיי די גרויסע אידעע, דעם פעטערס, פון הכנסת אורחים. אַרויסצוטרייבען פון זייערע הערצער דעם ענגען עגאָאיזם און פאַרזייען פרייגיביגקייט; אויסצואוואָרצלען פון זיי די שנאה־דערנער און אנשטאט דעם פאַרפלאַנצען די „אשל"־בוימער פון פעטערס פרדס.

אָדער זיי האָבען געקענט ברייגגען דעם פסוק פון סוף פ' וירא פון דער עקידה, נעמליך:

„וישא אברהם את עיניו וירא את המקום מרחוק",

„און אברהם האָט אויפגעהויבען די אויגען און געזעהן פון וויטען דעם אָרט". א פסוק, וועלכער דערצעהלט וועגען אמונה, מסירת־נפש פאַר גאָט, וועגען קידוש השם; א פסוק פון א פרשה, וועלכער האָט געוויזען ביז'ן היינטיגען טאָג צו אונז, קינדער פון אברהם, ווי אַזוי מען דאַרף ליעבען און גלויבען אין גאָט, און ווי וויט מען דאַרף זיך מוסר נפש זיין פאַר אמונה.

און דאָס זעלבע האָבען די חכמים געקענט זאָגען באדייטעט דער: „וישא לוט את עיניו וירא". נעמליך:

„ער איז געגאַנגען צו די געצענדינערשע סדום און עמורה אז"וו, כדי זיי צו באַקעהרען צום אמת'ן גאָט, צום גאָט פון אברהם, און ער איז צוליעב דעם ציעל געווען גרייט זיך מקריב צו זיין, מוסר נפש זיין על קידוש השם". דער תירוץ איז:

ניט פון די דרשות פון די אויבענדערמאָנטע פסוקים האָבען אונזערע חכמים מגלה געווען דעם סוד, די מחשבות, מאָטיווען, וואָס זיינען געווען ביי לוט'ן אין הארץ, וואָס האָבען איהם געטריבען זיך אָפצושיידען פון זיין פעטער אברהם. זיי האָבען עס געוואוסט אָהן די פסוקים". די פאַר־גלייכענישען פון די דריי: לוט, זליכה און שכם — איז נאָר צו באַ־ווייזען אַז ביי אַלע דריי איז געווען איינע דאָס זעלבע: זנות אונטער אַ מאַסקע פון פרומקייט, לשם שמים, ווי מיר וועלען ווייטער זעהן.

די פראַנצויזען האָבען אַ ווערטעל:

„זוך די פרוי".

ד"ה אין יעדער פאַסירונג פון לעבען אין יעדער איבערקערעניש וואָס קומט פאָר, ביים יחיד אַזוי גוט ווי ביים כלל, סיי עס האַנדעלט זיך וועגען פּאָליטיק, פּאַטריאָטיזם, העלדישקייט אָדער פאַרראַטה, סיי וועגען מלחמות, רעוואָלוציעס און רויבערייען, — די ערשטע זאַך וואָס מען דאַרף טהאָן אום אויסצוגעפינען די סבה איז: „זוך די פרוי", ווייל אומעדום מוז זיין פאַרמישט אַ פרוי, וועלכע האָט געבראַכט, געטריבען צום טהאַט, גוט אָדער שלעכט.

דעם כלל האָבען שוין אונזערע חכמים געוואוסט מיט טויזענטער יאָהר צוריק. מעהר ניט, די מאָדערנע פראַנצויזען, אַזוי גוט ווי די אַלגעמיינע, מאָדערנע וועלט, וועלכע געהען אין די פיס־טריט פון דער גריכישער מיטהאָלאָגיע, ביי וועלכע זנות איז געווען אַ קולטוס פון שעהנקייט און ליעבע, און זנות איז: פרייע ליעבע, אָדער פראַבע־הייראַטה (?), רופען עס אָן מיט אַ שעהנעם הויך־קלינגענדען, פיינשמע־קענדיגען, מאָדערנעם, פאַרשטעלטען, מליצה'דיגען אויסדרוק:

„זוך די פרוי".

רופען אָן אונזערע חכמים, הייליגע מאָראַליסטען דעם קינד מיט'ן פשוט'ן, ניט פאַרשטעלטען נאָמען: „זנות", זינד, עבירה, תאוה, אויס־געלאַסענקייט, שמוציגע ליידענשאַפטען.

לוט האָט געמאַכט אַ שרעקליכע רעוואָלוציע אין זיין לעבען, אין זיין פאַמיליען-לעבען, מיט דעם וואָס ער האָט זיך אָוועקגעצויגען פון דער הייליגער, געטליכער און מענשען-ליעבענדער הויז פון זיין פעטער אברהם; פון אַ הויז וואו די שכינה האָט גערוהט; פון אַ הויז וואו מלאכים פלעגען זיין אָפטע אורחים; פון אַ פעטער צו וועמען מלכים פלעגען זיך בוקען און רופען: „נשיא אלקים", געטליכער פירשט.

ווארום האָט עס לוט געטהאָן?

אמת, לוט האָט צו אַלעמען ערקלערט דאָס די סבה פון זיין פרידה אָפשיידונג פון אברהם, די אורזאַכע פון זיין רעוואָלוציע איז אַ גייסטיגע, אַן אידעאַלע, ווייל:

„אי אפשי לא באברם ולא באלקו" (בר"ר פ' מ"א ס"ז),

„איך וויל ניט אברם'ען און וויל ניט זיין גאָט".

לוט איז ניט געוועזען ח"ו אַ פריידענקער, אַן אַטעאיסט, אַ כופר בעיקר. ער האָט געגלויבט אין גאָט. — צו אַזאַ מדרגה פון דומהייט, צו לייקענען ח"ו אין דער עקזיסטענץ פון אַ גאָט, ווי היינטיגע ציוויליזירטע חכמים און בעלי עבירות, האָבען נאָך די מענשען ניט עררייכט. אַ סך האָבען געגלויבט אין געצען, אָבער אַ גאָט האָבען זיי געמוזט האָבען. נאָר וואָס דען האָט ער געזאָגט:

„איך וויל ניט זיין גאָט", אברהם'ס גאָט.

זיין באגריף וועגען גאָט, וועגען תורה ומצוות, זיין טראַדיציאָנעלען שטייגער פון דינען גאָט, זיין הנהגת הבית, זיינע שוהלען, תלמוד תורות און ישיבות, זיין קינדער-ערציהונג. ער, דער פעטער, איז אַ פאַרצייטיגער, פאַרשטעהט ניט די וועלט, איז ניט געגאַנגען אין די שוהלעס און אוניווערזיטעטען פון יפת.

איך האָב אַנדערע וועלט-אַנשויאונגען, אַנדערע באַגריפען וועגען גאָט, רעליגיאָן, טראַדיציאָן און קינדער-ערציהונג. אין אַנדערע ווערטער:

„וישא לוט את עיניו", לוט האָט געהויבען זיינע אויגען אין דער הויך צום הימעל, — דעם הימעל איז ער גאָר געגאַנגען פאַרזאָרגען, — ער איז געגאַנגען איינפיהרען רעפאָרם, אום דעם הימעל צו פאַרשטאַרקען, פאַרפעסטיגען.

זאָגען אָבער אונזערע חכמים אַז דאָס איז אַ ליגען. לוט זעלבסט האָט טיעף אין זיין האַרצען געוואוסט אַז עס איז אַ ליגען. טיעף אין האַרצען האָט ער געוואוסט אַז אברהם׳ס גאָט איז דער ריכטיגער, אַז אברהם׳ס טראַדיציאָנעלע פיהרונגען זיינען די ריכטיגע.

טיעף אין האַרצען האָט לוט געשעצט און געאַכטעט די גרויסע מענשען־ליעבע, רחמנות, גוטסקייט, וואָס אברהם באַזיצט.

טיעף אין האַרצען האָט לוט אנערקענט די הויכע אידעאַלען, און די קלוגע לעהרעס פון זיין פעטער. טיעף אין האַרצען האָט ער מקנא געווען אברהם׳ס גייסטיגע שעהנקייט, אברהם׳ס פעסטע איבערציי־גענדע אמונה, אברהם׳ס שטאַרקען כאַראַקטער און זעלבסטאָפּפערונג פאַר אַלעם וואָס איז שעהן, נאָבעל און הייליג.

טיעף אין זיין נשמה איז לוט געווען באַצויבערט פאַר אברהם׳ס שעהנעם, אנשטענדיגען, צניעות׳דיגען פאַמיליען־לעבען, פון אברהם׳ס שבתים און ימים טובים, פון אברהם׳ס כשרה קיך.

אַי ווארום האָט ער זיך אָפּגעשיידט פון זיין פעטער אברהם און מוהמע שרה? ווארום איז ער געוואָרען אַ רעוואָלוציאָנער?

איז דער תירוץ, זאָגען אונזערע חכמים:

„זוך די פרוי. זנות, זינד, עבירות, שיכרות און אויסגעלאַסענקייט.

און זיינע שמוציגע, זינדיגע געדאַנקען האָט ער געוואָלט באַהאַלטען פון דער וועלט דורך איינוויקלען זיי אין אַ רעליגיעזען רעפאָרם־מאַנטעל.

לוט׳ס: „וישא את עיניו״, הייבען די אויגען, איז געווען דערזועל־ביגער ווי זליכה׳ס: „ותשא את עיניה״, הייבען די אויגען. זי האָט אויך געהויבען די אויגען צום הימעל, צניעות׳דיג זיי געגלאָצט, זאָ־גענדיג אַז זי מיינט עס לשם שמים.

אַזוי ערקלערט רש״י ז״ל אויף דעם פסוק: „ויוסף הורד מצרימה״ (בראשית ל״ט א׳). זי האָט געזאָגט: „זי זעהט דורך איהר שטערענ־זעהעריי, דאָס זי וועט אויפבריינגען קינדער פון איהם״. און אַז די הימעלשע שטערען ווייזען אַזוי, מוז זי זייער וואונש ערפילען, כאָטש עס איז אַקעגען איהר מאָראַלישען געוויסען. גאַנץ מצרים ווייסט דאָך, אַז זי איז אַ הויך־מאָראַלישע ליידי. (עיין מ״ת פ׳ וישב שקורא אותה צנועה, ועיין בחידושי הרד״ל בר״ר פ׳ פ״ז.)

און ווייל זי מיינט עם צוליעב איהרע הימעלשע שטערענס-וואונש, דארום, ווען ער, יוסף, וויל ניט פאָלגען דעם וואונש פון די שטערען, מעג מען אויף איהם מאַכען אַ טויט - בלבול, אָדער איהם אריינוואַרפען אין געפענגעניש-גרוב. אויך איז זי געוועז גרייט צו טויטען איהר מאַן פוטיפר; ניט ח"ו כדי צו ערפילען איהר תאוה, נור צו ערפילען דעם וואונש פון די שטערען, איהרע געטער.

לוט'ס: „וירא את כל ככר הירדן", קוקען אויפ'ן פלוין פון ירדן, איז געוועזען אין דער זעלביגער בחינה פון: „וירא אותה שכם בן חמור", שכם בן חמור'ס קוקען אויף דינה'ן. אויך ער האָט אָנגעטהאָן אַ הייליגען לשם שמים מאַנטעל, אום צו פאַרדעקען זיינע זינד.

אין אַנאַנדער דרשה האָבען מיר וועגען דעם גערעדט. דאָ וועלען מיר נור ברייננגען אַ פּאָר אָנמערקונגען צו מאַכען דאָס בילד גאַנץ:

ווען שכם איז געקומען פאַרשלאָגען צו יעקב'ן דעם שידוך, האָט ער געזאָגט: „שכם בני חשקה נפשו בבתכם", מיין זוהן, שכם'ס זעעלע גלוסט אייער טאָכטער. ער האָט ניט געזאָגט: „חמדה" אָדער „תאוה", נור „חשקה". דער וואָרט „חשק" — גלוסטען, אין לשון הקודש באַ-דייטעט: גלוסטען אַ זאַך ניט צוליעב איהרע קערפּערליכע מעלות, ווי צב"ש גלוסטען צו אַ פרוי צוליעב איהר שעהנקייט, נאָר גייסטיגע מעלות. ווי עס שטעהט: „רק באבותיך חשק ה' לאהבה אותם (דברים ז' ט"ו), גאָט האָט געגלוסט צו ליעבען דיינע עלטערן. (ועיין קדושין כ"ב וחשקת אע"פ שאינה נאה) (ועיין בתורה תמימה דברים י"א.)

„שכם בני", מיין זוהן שכם, „חשקה נפשו", זיין זעעלע גלוסט, ניט צוליעב איהר שעהנקייט, נור צוליעב גייסטיגע מעלות, ווייל: „בתכם", ווייל זי איז אייער טאָכטער, די טאָכטער פון אַזאַ טאַטען, פון אַזאַ יחוס, פון אַזאַ הייליגע, אנשטענדיגע, פאַמיליע. מיין זוהן שכם האָט געקידנעפּט, געשענדעט, געפייניגט דינה'ן, ניט ח"ו צוליעב תאוה, נור ווייל זי איז אַזאַ יחסן'טע, אייער טאָכטער. און שפּעטער האָט זיך שכם געלאָזט מל'ען, און איינגערעדט די גאַנצע שטאָדט זיך צו מל'ען. און דער פסוק דערצעהלט: „ולא אחר הנער לעשות הדבר", דער יונג האָט ניט אָפּגעלייגט צו טהאָן די זאַך. פאַרוואָס? ווייל:

„כי חפץ בבת יעקב", ער האָט געגלוסט צו יעקב'ס טאָכטער. ניט צו דער מיידעל דינה, נאָר צו יעקב'ס טאָכטער. (ועיין ברש"י: חשקה — חפצה. כלומר חשקה וחפצה אחת היא, מפני מעלות רוחניות.)

ווי מיר זעהען, זיינען אַלע דריי פּאַסירונגען גלייכע זינד פּאַרדעקט מיט לש״ש-מאַנטלען. איין אונטערשייד איז נאָר צווישען זיי דאָ: לוט האָט פריהער צוגעגרייט זיין מאַנטעל און דערנאָכדעם געזינדיגט. זליכה האָט אויך אַזוי געוואָלט זיך פיהרען, נאָר עס האָט זיך איהר ניט איינגעגעבען. און שכם בן חמור האָט צום ערשטען געזינדיגט, דער־נאָכדעם איז ער מיט׳ן טאַטען געגאַנגען זוכען אידעאַלע מאַנטלען; נאָר דאָס איז ניט קיין וואונדער. לוט האָט זיך אויפגעהאָדעוועט אין אברהם׳ם הויז, אין אַ הויז פון חכמה און צניעות, און שכם אין אַ הויז פון אַ פּראָסטען חמור.

איך פאַרשטעה, מיין ליעבער לעזער, אַז לעזענדיג מיינע ווערטער וועסטו געווים פרעגען: ריכטיג, דער כלל: „זוך די פרוי״ איז אַ ריכ־טיגער, אַלס אַ שפּור, אַ סליאַד אַנצוהייבען אַ נאָכפאָרשונג, אַן אונטער־זוכונג, אָבער עס איז ניט גענוג צו באַשולדיגען אַרויסצוטראָגען אַ ווער־דיקט, אַן אורטהייל אויף מענשען; אויף דעם פאָדערט זיך ריכטיגע באווייזע; נאָכ׳ן אידישען דין איז זאָגאַר ניט גענוג קיין „אומשטענדע באוויייזען״. מען דאַרף דעם זינדיגען, דעם פאַרברעכער כאַפּען ביים האַנד?

יע, דו ביזט גערעכט, און מיר וועלען ברייגען באַווייזע, וועלכע הער לוט זעלבסט האָט פראָדוצירט, צוגעשטעלט דורך זיינע מעשים, און ער האָט ניט געלאָזען קיין שום פתח צו געפינען פאַר איהם אַ זכות. ער זעלבסט האָט באוויזען וואָס פאַר אַ דעמאָראַליזירענדער כאַראַקטער ער איז געווען.

צום ערשטען באַווייזט לוט זיין אמת׳ן פּרצוף ווען די מלאכים־אורחים זיינען געווען ביי איהם אין הויז: ווען די מענשען פון סדום האָבען זיין הויז אַרומגערינגעלט, פאַרלאַנגענדיג פון איהם אַרויסצו־געבען די אורחים.

וואָס האָט לוט דאַן געטהאָן?

ער איז צו זיי אַרויסגעגאַנגען און אַזוי געזאָגט:

„ויאמר: אל נא אחי תרעו״, „איך בעט אייך, מיינע ברידער, טהוט ניט קיין שלעכטעס״.

„הנה נא לי שתי בנות אשר לא ידעו איש אוציאה נא אתהן אליכם ועשו להן כטוב בעיניכם וכ״ו״ (י״ט ז׳ ח׳).

„אָט, איך בעט אייך, איך האָב צוויי טעכטער וואָס ווייסען ניט פון קיין מאַן. איך וועל זיי צו אייך אַרויסברייננגען און טהוט מיט זיי ווי עס איז גוט אין אייערע אויגען".

אָט אַזוי האָט גערעדט אַ טאַטע וועגען זיינע אונשולדיגע טעכטער.

„בנוהג שבעולם אדם מוסר עצמו ליהרג על בנותיו ועל אשתו והורג או נהרג" (מ"ת וירא סי"ב), דער שטייגער פון דער וועלט איז, אַז אַ מענש שטעלט איין זיין לעבען אין געפאַהר פאַר די עהרע פון זיינע טעכטער און פרוי, אָדער ער הרג'עט דעם אַנגרייפער, אָדער ער ווערט אַליין גע'הרג'עט.

„וזה מוסר בנותיו להתעולל בהם", און דער דאָזיגער לוט גיט איבער זיינע טעכטער צו שאַנדע.

פאַר'ן מדרש תנחומא איז דאָס בילד גענוג צוזושטעלען לוט'ן צום שאַנד-סלופּ, און ער ערקלערט:

„מכאן אתה למד": פון דאַנעט לערענסטו אָפּ:

„שבשעה שנתפרש מן אברהם וכ"ו ראה לוט שהיו אנשי סדום שטופין בזמה בחר בסדום להיות עושה כמעשיהן".

„דאָס אין דער צייט ווען לוט האָט זיך אָפּגעשיידט פון אברהם'ען האָט ער געזעהען דאָס די מענשען פון סדום זיינען פאַרטרונקען אין זנות, האָט ער אויסגעוועהלט סדום פאַר זיין רעזידענץ, אום ער זאָל אויך טהאָן ווי זיי".

און כאָטש די באַווייזע קעגען לוט'ן זיינען פון דעם גענוג שטאַרק, פונדעסטוועגען וואָלט לוט זיך געקענט אַלץ ריינוואַשען אונטער אַ מאַסקע פון אידעאַליזם. ער האָט געקענט זאָגען:

„די עהרע פון מיינע טעכטער איז טהייער צו מיר און אין אַנ-דערע אומשטענדען וואָלט איך זיך מוסר נפש געווען צו טויטען די אַנגרייפער אָדער אַליין ווערען געטויט, אָבער דעם מאָל האָב איך אַזוי געהאַנדעלט און געוואָלט מפקיר זיין די עהרע און פיליכט אויך לעבענם פון מיינע אונשולדיגע טעכטער און זיי איבער ענטפערען צו דער צוואווילדעטער, צווישעטער מאַסע, כדי צו ראַטעווען די לעבענס פון מיינע אורחים. איך האָב די קרבנות געוואָלט ברייננגען צוליעב די אידעע פון הומאַניטעט, הכנסת אורחים.

אזוי האָב איך דאָך געזאָגט בפירוש:

„רק לאנשים האל אל תעשו דבר כי על כן באו בצל קורתי", (שם י"ט ח'), „נאָר די דאָזיגע מענער זאָלט איהר קיין זאַך ניט טהאָן, ווייל זיי זיינען געקומען אונטער'ן שאָטען פון מיין באַלקען".

דעריבער פיהרט דער מדרש תנחומא אוים:

„א"ל הקב"ה: חייך לעצמך את משמרן".

און גאָט האָט געזאָגט צו לוט'ן: „איך שווער ביי דיין לעבען, וועלכען איך שאַנעווע, אַז דו וועסט אָפּהיטען דיינע טעכטער פאַר זיך אַליין". דו זעלבסט וועסט זיין דער יעניגער, וועלכער וועט שענדען און באַרויבען די עהרע פון דיינע אייגענע טעכטער. דו זעלבם וועסט דורך דיינע טעכטער אַראָפּרייסען דיין היפּאָקריטישע מאַסקע, און אַראָפּוואַרפען דיין רעפאָרמאַטאָרישען, דיגנעטעט-מאַנטעל. דו זעלבסט וועסט געבען אַ ביאור, ערקלערונג, וואָס עס זיינען געווען די מאָטיווען, וועלכע האָבען דיר געמאַכט אַוועקצוגעהן פון דיין פרומען פעטער און שרייען:

„אי אפשי לא באברם ולא באלקיו",

איך וויל ניט אברם'ען און וויל ניט זיין גאָט.

אַזוי וועט עס זיין, ווייל אין די צוקונפטיגע דורות קענען דאָך אופשטעהן מענשען, וועלכע וועלען פיליכט ערנסט זיך אָנכאַפּען אין דיין מאָטטאָ פון: „אי אפשי לא באברם ולא באלקיו", מיינענדיג אַז דו ביזט געווען אַ גרויסער דענקער, פילאָזאָף, רעפאָרמאַטאָר, וועלכער האָט פאַרשטאַנען די וועלט און וועלכער האָט באמת געוואָלט אַז די יוגענד, די מאָדערנע, זאָל ניט אַנטלויפען ח"ו פון זייער גאָט, רעליגיאָן און פאָלק.

דארום דאַרפסטו זיי באווייזען ווער דו ביזט געווען, און וואָס דו האָסט געוואָלט ערדייכען מיט'ן אַנטלויפען פון אברהם און זיין גאָט, כדי:

„ולבסוף", אין די ענדע, אין שפּעטערדיגע דורות, „תינוקות של בית רבן משחקין", „די קינדער אין די חדרים וועלען שפּאָטען", „וקורין", לייענענדיג דעם פסוק:

„ותהרין שתי בנות לוט מאביהן",

„אוןביידע טעכטער פון לוט זיינען טראַגענדיג געוואָרען פון זייער פאָטער". — דאָס וועט זיין גענוג צו אַנטלויפען פון דיינע אידעען, וויסענדיג ווער דו ביזט געווען.

און כאָטש עס איז געווען גלוי וידוע לפני הקב"ה, וואָס עס וועט פּאַסירען, פון דעסטוועגען האָט גאָט געוואָלט לוט'ן פאַרהיטען פון זינד און געעפענט פאַר איהם אַ פּתח תשובה.

„הפותח יד בתשובה לקבל פושעים וחטאים",

און ווען דער מלאך האָט איהם מיט די טעכטער אַרויסגעבראַכט אין דרויסען האָט ער איהם געראָטהען:

„המלט על נפשך!" ראַטעווע דיין נפש, נשמה!

„אל תביט אחריך!" דו זאָלסט ניט צוריקבליקען! קוק ניט מעהר צוריק צו דיין פאַרגאַנגענהייט!

„אל תביט אחריך!", דו זאָלסט ניט צוריקבליקען! קוק ניט מעהר ווי דו האָסט ביז יעצט געקוקט אויף אַלעם מיט אויגען פון זינד. „לא כשם שאתה תולה עיניך בחטא". (אג"ב פרק כ"ה ועיין בפירוש מהרז"ו בר"ר כאן.)

זעהסט דאָך, לוט, דיין סוף. מיט אַ גרויס רייכטהום ביזטו נאָך סדום געקומען, וואָס דו האָסט אָנגעזאַמעלט אין אברהם'ס זכות (בראשית י"ג ה' ו', עיין רש"י ועיין ב"ק צ"ג ע"א).

יעצט אַנטלויפסטו אָרים, אַזוי ווי עס איז אימער דער סוף פון די וועלכע פיהרען זיך ווי דו, וועלכע קומען צו דער מדרגה פון „ככר". זיי האָבען ניט אפילו קיין „ככר לחם", קיין שטיקעל ברויט.

ווי עס איז געשריבען: „כי בעד אשה זונה עד ככר לחם.

יע, לוט, נעכטען ביזטו געווען רייך, אַ גרויסער באַנקיר, דו ביזט געשטאַנען דאָ פעסט, אין אַלע שטעדט האָסטו געהאַט מאָרטגיידזשעס, חובות אויף הייזער און אויך אייגענע הייזער; אין יעדער שטאָדט האָסטו אויך געהאַט דיינע וואָהנונגען.

(עיין בר"ר על הפסוק: „בהפוך את הערים אשר ישב בהן לוט". ובמפרשים שם) און היינט שטעהסטו אויף'ן „ככר". ד"ה: האָסט ניט אויף קיין שטיקעל ברויט. ראַטהען מיר דיר: „אל תעמוד בכל הככר!"

בלייב ניט שטעהן ביי דער מדרגה פון ככר! ראטעווע זיך! קענסט נאך גוטמאכען און גאט וועט דיר פארגעבען.

„אמר להם: מה אעשה?" זאגט לוט צו די מלאכים: „וואס זאל איך טהאן?" א"ל: זאגען די מלאכים צו איהם: לך אצל אברהם שנאמר — ההרה המלט", אנטרין צום בארג, אנטרין צו אברהם, וועלכער וואהנט אויפ'ן בארג. — שנאמר ויעתק משם ההרה (ועיין ברש"י כאן).

און אין וועמעס זכות דיין לעבען ווערט דיר געשענקט, ווארום דו ביזט אזוי זינדיג ווי די אנשי סדום.

ווארף אוועק דיין זינד! דיין היפאקריטסטוואַ! פאלשקייט! קלאפ זיך אין הארצען חטאתי, טהו תשובה! און אברהם וועט דיר העלפען ארויפצוגעהן אויפ'ן דרך הישר.

געה צום בארג! קריך ארויס פון נידעריגען, שמוציגען זומפ אין וועלכען דו ביזט אריינגעזונקען, און שטייג ארויף אויפ'ן בארג, אויפ'ן הר ה', גאט'ס בארג, אויף וועלכען אברהם שטעהט. געה צו אברהם, וועלכער איז גייסטיג הויך, ריעזיג ווי א בארג.

אברהם נקרא הר שנאמר, „מדלג על ההרים", שה"ש ב', ואומר: „שמעו הרים" וג"ו (מיכה ו') — (בר"ר פ"נ ס"א).

מערקווירדיג, אונפארשטענדליך איז דער מענש. ווען א מענש שטייגט, שטייגט ער הויך, אזש צו די הימלען, ווערט העכער זאגאר פון מלאכים.

ווי מפרשים ערקלערען דעם פסוק:

„והוא עומד ע ל י ה ם — און ער, אברהם, איז געשטאנען איבער זיי". „איבער די מלאכים, העכער פון די מלאכים". עיין בש"בר בשם ספר הברית על התורה. — והוא עומד ל פ נ י ה ם לא נאמר כי אם ע ל י ה ם.

זינקט א מענש אין תהום פון זינד איז ניטא קיין גרונד ביז וואנען ער קען זינקען. און דער רשע זינקט אפילו ווען ער שטעהט ביים טהיר פון גיהנום.

„רשעים אפילו על פתחי של גיהנם אינם חוזרים" (עירובין י"ט). און זייערע שמוציגע מעשים און זינד און מחשבות זיינען אזוי שווארץ, אז דער טייוועל איז אן אונשולדיגע טויב קעגען זיי.

לוט פארשטעהט שוין ווער זיינע אורחים זיינען און ער וויס שוין, אז אויב זיי זאגען אז די שטעדט וועלען באלד חרוב ווערען, וועט אזוי זיין; ער וויים שוין, אז זיינע צוויי פארהייראטע טעכטער און איידימס ערוואַרטעט דער זעלבער שיקזאל, אויך זיין גאנצע רייכטהום וועט באלד אוועקגעהן מיט רויך און פייער. און ער שטעהט פא״פ מיט צוויי מלאכים פון הימעל; ער הערט דעם מלאך׳ס געטליכע שטימע: „אל תביט מאחריך!״ זאלסט ניט אומקוקען הינטער דיר! קוק ניט מעהר אויף זינד! און אין דער זעלבער צייט ווארפט ער אן אומריינעם בליק הינטער זיך, אויף זיינע טעכטער . . .

לויפענדיג האט ער געזעהן א בארג, וואו עס האט זיך געפונען א מערה, א הייל, א וויין־קעלער, א נאכט־קלוב, א קאבארעט, וואו ער האט אפט באזוכט, גע׳שיכור׳ט און געזינדיגט, און ער האט אויסגע־ארבייט א פלאן, אז אין דער מערה וועט ער קענען זיין זינדיגען ציעל ערגרייכען . . . איין זאך האט איהם באאונרוהיגט: ווי אזוי קען מען זיך אויסבאהאלטען פון זיין פרוי, אז זי זאל איהם ניט שטערען?

דערהערענדיג די ווערטע פון מלאך: „ההרה המלט״, „אנטרין צום בארג, וואו אברהם וואהנט״, איז ער דערציטערט געווארען. וואס הייסט ער וועט געהן צו אברהם׳ען? נעבען אברהם׳ען וועט ער דאך מוזען זיין זינדיגען פלאן אויפגעבען. ביי אברהם׳ען אין הויז זינדיגט מען ניט. און נאך אזעלכע אומגעהערטע זינד? דארטען וועלען זיינע טעכטער אויך זעהן אז די וועלט האט זיך נאך מיט סדום׳ס מהפכה ניט געענדיגט, אז עס געפינען זיך נאך מענער אויף דער וועלט.

(ועיין בפירוש הרי״ף על עין יעקב נזיר כ״ג, והבן).

גליקליכער אדער אונגליקליכער־ווייזע איז ער באלד געפאלען אויף א פלאן. ער האט ווידער זיך באנוצט ווי אימער מיט זיין צביעות׳דיגער מאסקע, און ער האט גענומען ווי אן אומשולדיגער נעבעכעל זיך בעטען ביי די מלאכים:

„ויאמר לוט אליהם אל נא אדוני״,

און לוט האט געזאגט צו זיי: „ניין, איך בעט אייך, מיינע הערען״.

„הנה נא מצא עבדך חן בעיניך״, זעה, איך בעט דיך, דיין קנעכט האט געפונען לייטזעליגקייט אין דיינע אויגען. „ותגדל חסדך אשר

עשית עמדי להחיות את נפשי", און האָסט געגרויסט דיין גנאָד וואָס דו האָסט געטהאָן מיט מיר, צו לאָזען מיין נפש לעבען.

„ואנכי לא אוכל להמלט ההרה", אָבער איך קען ניט אַנטרינען צום באַרג, „פן תדבקני הרעה ומתי", טאָמער וועט מיך דאָס בייז נאָך אָניאָגען און איך וועל שטאַרבען.

און אונזערע חכמי המדרש (בר"ר שם ומובא כאן בר"שי) ערקלערען די ווערטער אויפ'ן פאָלגענדען אופן:

„לוט אמר עד שלא הלכתי, אצל אברהם היה הקב"ה רואה מעשי ומעשי בני עירי ואני צדיק ביניהם עכשיו שאני הולך אצל אברהם שמעשיו רבים על שלי אינו יכול לעמוד בגחלתו".

ד"ה: איך קען ניט געהן צו אברהם'ען. אַז איך בין געזעסען אין סדום האָט גאָט געזעהן מיינע מעשים און די מעשים פון סדום, בין איך קעגען זיי געווען אַ צדיק. אָבער יעצט, אַז איך וועל זיין נעבען אברהם'ען, ווענען מעשים טובים זיינען מעהר פאַר מיינע, וועל איך ניט קענען באַשיצט ווערען פון זיינע קוילען, איך זאָל ניט אָפּגעבריהט ווערען.

לוט האָט זיך נאָך פאַרגעשטעלט פאַר אַ צדיק, גערעדט ווי אַ צדיק, כאָטש אין הארצען איז געווען שבע תועבות. לוט האָט אויך געוואוסט, אַזוי האָבען דאָך איהם אָפען ערקלערט די מלאכים, אַז ער ווערט ניצול אין אברהם'ס זכות. איז אויב אברהם'ס זכות האָט אויף איהם מגין געווען זיצענדיג אין סדום צווישען רשעים, וועט דאָך אברהם'ס זכות נאָך מעהר מגין זיין ווען ער וועט זיצען נעבען איהם, און וועט זיך לערנען פון אברהם'ס גוטע מעשים.

דארום: „הנה נא העיר הזאת קרבה לנוס שמה והיא מצער אמלטה נא שמה הלא מצער היא ותחי נפשי".

אָט דאָ איז דיזע שטאָדט, זי איז נאָהענט דאָרט אַהין צו לויפען, און זי איז קליין, — זי איז נאָך אַ יונגע שטאָדט. קיין סך זינד איז נאָך אין איהר ניט באַגאַנגען געוואָרען (עיין רש"י כאן וגמרא שבת י'), לאָמיך, איך בעט דיך, אַהין אַנטרינען, זי איז דאָך קליין, און מיין נפש וועט בלייבען לעבען.

לוט קוקט אונפאַרשעמט די מלאכים אין די אויגען און טראַכט:

„אך ווען זיי ערלויבען מיר צו בלייבען אין דער שטעדטעל ניט ווייט פון דער מ ע ר ה״ . . . אונגעדולדיג ווארט ער אויף זייער ענטפער.

די צייט איז קורץ, סדום מוז שוין ווערען איבערגעקערט, און כל זמן לוט שטעהט דאָ קען מען קיין זאַך ניט טהאָן. און „ויאמר אליו״, דער מלאך זאָגט צו איהם:

„הנה נשאתי פניך גם לדבר הזה לבלתי הפכי את העיר אשר דברת״

„זעה, איך טהו שוינען דיין פנים אין דער דאָזיגער זאַך, איך זאָל ניט איבערקערען די שטאָדט וואָס דו האָסט געזאָגט״.

געוואוסט האָט דער מלאך לוט׳ס מחשבות. אָבער „הבא לטמא פותחין לו״, מען האָט פאַר לוט׳ן געעפענט די טהיר פון זינד, אום, ווי געזאָגט, ער זאָל באוויזען ווער ער איז געווען.

אַ גליקליכער, קוים באמערקבארער שמייכעל האָט זיך אויף זיין פנים אויסגעגאָסען. זיין פלאַן ארבייט . . .

(עיין באג״ב מובא במהר״זוו שם בבר״ר שכל הדברים הללו עשה כדי שילך למערה לעסוק בחטא.)

„מהר אמלט שמה כי לא אוכל לעשות דבר עד בואך שמה״, „אייל זיך, אנטרין, ווארום איך קען ניט טהאָן קיין זאַך ביז דו קומסט אַהין״.

זיי האָבען איהם ניט געדארפט קיין סך בעטען. געשווינד האָט ער געכאַפּט זיינע טעכטער פאַר די הענד, די ווייב פאַר זיי און מען לויפט, און ווען די זון איז אויפגעגאַנגען אויף דער ערד און לוט איז אַנגעקומען קיין **צוער, דאָן:**

„וה׳ המטיר על סדום ועל עמורה גפרית ואש מאת ה׳ מן השמים״,

און גאָט האָט געמאַכט רעגענען אויף סדום און אויף עמורה מיט שוועבעל און פייער, פון גאָט — פון הימעל״.

„ויהפוך את ההרים האל ואת כל הככר ואת כל יושבי ההרים וצמח האדמה״,

און ער אָט איבערגעקערט די דאָזיגע שטעדט און די גאַנצע געגענט, און אַלע איינוואוינער פון די שטעדט, און די שפּראָצונג פון דער ערד.

שרעקליך זיינען געווען די געשרייען פון די מענשען, בהמות, חיות און עופות. די קולות האָבען געשפּאָלטען די הימלען. אָבער

לוט הערט ניט. לוט'ס ווייב האָט יע געהערט די קולות, און העכער, שטאַרקער פון אַלע קולות האָט איהר האַרץ, אַ מאַמעס האַרץ, געהערט די געשרייען: „טאַטע, מאַמע, פאַ, מאַ,״ פון איהרע טעכטער און איידעמס, וועלכע האָבען ניט לאַנג צוריק געמאַכט שפּאַט פון איהם, ווען ער האָט זיי גערופען צו אַנטלויפען מיט איהם. און אַזוי שאַרף און קלאָר האָט זי געהערט איהרע קינדערס געשרייען, אַז איהר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז זיי זיינען ניט ווייט פון איהר.

עדית אשתו של לוט נכמרו רחמיה על בנותיה הנשואות בסדום והביטה אחריה לראות אם היו הולכות אחריה אם לאו (פדר״א פ׳ כ״ה) ומובא בילקוט סופר).

„ותבט אשתו מאחריו״, „און זיין ווייב האָט זיך אומגעקוקט פון הינטער איהם, און זי איז געוואָרען אַ זייל פון זאַלץ״.

אויף אַזאַ גליק האָט זיך לוט גאַר ניט גערעכנט: אי פּטור געוואָרען פון זיין מרשעת (עיין בר״ר פ״נ ס״ד ועיין ברש״י) און אי אין דער ריכטיגער צייט.

איבערגעוואַרט האָט לוט אין צוער ביז וואַנען די שרעקליכע מהפכה דורך פייער און שוועבעל איז אַביסעל איינגעשטילט געוואָרען; און ווען די זון האָט זיך גענומען אַראָפּזעצען, דאַן:

„ויעל לוט מצוער וישב בהר ושתי בנותיו עמו״,

איז לוט אויפגעגאַנגען פון צוער און ער האָט זיך באַזעצט אויפ׳ן באַרג און זיינע צוויי טעכטער מיט איהם.

די טעכטער האָבען איהם געפרעגט: טאַטע, וואָרום פאַרלאָזטו צוער, דער מלאך האָט דאָך דיר צוגעזאָגט דאָס צוער וועט ניט ווערען איבערגעקערט? האָט לוט זיי געענטפערט תמימותדיג:

„כי ירא לשבת בצוער״, ער האָט מורא צו זיצען אין צוער. צוער איז צו נאָהענט צו סדום״ (עיין רש״י). דערצעהלט אָבער דער פסוק, אַז זיין ענטפער איז געווען אַ פאַלשער, אַ היפּאָקריטישער. די אמת׳ע סבה פון: „וישב במערה הוא״, וואָרום ער האָט זיך באַזעצט אין קעלער, איז געווען: „ושתי בנותיו״, זיינע צוויי טעכטער. „צוליעב זיי, זיינע צוויי טעכטער״, האָט ער זיך פאַרקליבען אין דער מערה (ועיין בחידושי הרד״ל בר״ר פ׳ י״ט ט׳).

(א"ה: לפי דברינו יובן כפל הדברים: וישב בהר — ושתי בנותיו עמו. וישב במערה הוא ושתי בנותיו. הכי הו"לל: „וישב בהר ושתי בנותיו עמו, וישבו במערה", והבן, ועיין ברמ"בן, רשב"ם וספורנו שנתנו טעמים על מה שיצא מצוער, והרבה פנים לתורה.)

מיט שטאָלץ, פּראַכט און גלאַנץ, כבוד און רוהם, און מיט גרוים רייכטהום, אַרומגערינגעלט מיט פאַמיליע און פריינד, האָט לוט זיך אָפּגעשיידעט פון זיין פרומען פעטער, און געגאַנגען זיך באַזעצען אין דער שעהנער, פּרעכטיגער, בליהענדער, ווי גאָט'ס גאָרטען פרוכטבאַרער, סדום, הויבענדיג זיינע היפּאָקריטישע אויגען צום הימעל און זאָגענדיג אַז די סבה פון זיין אָפּשייד איז ווייל:

„אי אפשי לא באברם ולא באלקיו", איך וויל ניט אברם'ען און וויל ניט זיין גאָט. איך וויל אַ רעפאָרם גאָט, מיט אַ רעפאָרמירטע תורה, מיט רעפאָרמירטע מנהיגים, צוגעפאַסטע צום מאָדערנעם לעבען, ווי מען פיהרט זיך אין דער לאַנד סדום.

אַ צובראָכענער, אַ צורואינירטער, אָרים, עלענד און דערשלאָגען, מיט אָראָפּגעלאָזטע, פאַרשעמטע, אָדער אונפאַרשעמטע אויגען איז ער קוים מיט'ן לעבען אַנטלאָפען פון דער איבערגעקערטער סדום.

און אין אַ פינסטערען קעלער, האַלב שיכור, האָט ער געגעבען אַ פירוש, אַן ערקלערונג, פעסטע איבערצייגענדע באַווייזע, ווארום ער האָט אַמאָל געשריגען: „אי אפשי לא באברם ולא באלקיו?" ווארום „וישא את עיניו וירא?" צוליעב וועלכען ציעל האָט ער אַמאָל געהויבען זיינע אויגען און געקוקט אויף סדום? וואָסערע כוונות האָט ער ביי דעם געהאַט?

נעמליך: די זעלבע כוונות פון זליכה'ס „ותשא" און שכם בן חמור'ס „וירא".

דאָרטען אין דער מערה האָט ער באַוויזען אַז דער נאָמען „לוט" פאַסט פאַר איהם. לוט, שהיה להוט אחר זנות (עיין במ"ת פ' וישב ס"ו).

דרוש י"ג לפ' לך, לחינוך ולחתונה

די אידישע פרוי

אַ גוטע פרוי טהוט אָן דעם מאַן אַ קרוין אויפ'ן קאָפּ. דורך אַ שלעכטע פרוי פאַרלירט דער מאַן זיין קרוין. שרה און אברהם. מרים און משה. רחל און רבי עקיבא. שלמה המלך און בת פרעה. די דראַמאַטישע באַגעגעניש פון רחל מיט רבי עקיבא'ן. דער סימבאָל פון דער ירושלים דדהבא וואָס רבי עקיבא האָט געמאַכט צו רחל'ען.

„ויאמר אלקים אל אברהם שרי אשתך לא תקרא את שמה שרי כי שרה שמה" (י"ז ט"ו).

„און גאָט האָט געזאָגט צו אברהם'ען, שרי, דיין ווייב, זאָלסטו ניט רופען איהר נאָמען מעהר שרי, ווארום איהר נאָמען איז שרה".

דאַרפען מיר פאַרשטעהן:

ווארום ביי אברהם'ען, ווען גאָט האָט משנה געוועזן זיין נאָמען, פון אברם צו אברהם, האָט ער געזאָגט מיט אַ צווי, באַפעהל: „ולא יקרא עוד את שמך אברם והיה שמך אברהם כי אב המון גוים נתתיך".

דיין נאָמען זאָל ניט מעהר גערופען ווערען אברם, נייערט דיין נאָמען זאָל אין דער צוקונפט זיין אברהם, דען דו וועסט זיין אַ פאָטער פון פיעלע פעלקער.

און ביי שרה'ן האָט גאָט ניט געזאָגט מיט אַ לשון צווי, „כי שרה יהיה שמה", „איהר נאָמען זאָל זיין אין דער צוקונפט שרה!?" די ווערטער: „כי שרה שמה", מיינט: „איהר נאָמען איז דאָך שרה", פון לאַנג.

די קשיא ווייזט אויס איז געוועזן שווער דעם מדרש. און ער פאַר־ענטפערט עס מיט פאָלגענדען פסוק פון משלי (י"ב).

שלמה המלך זאָגט:

„אשת חיל עטרת בעלה", „אַ פרוי אַ ווירטהין איז אַ קרוין פאַר איהר מאַן". דאָס מיינט מען שרה'ן.

א״ר אחא, זאָגט רבי אחא:

„בעלה נתעטר בה והיא לא נתעטרה בבעלה״, איהר מאַן, אברהם, איז געקרוינט געוואָרען דורך איהר, אָבער זי איז ניט געקרוינט געוואָרען דורך איהם.

ר׳ אחא זאָגט דאָ צוויי זאַכען:

ערשטענס: דאָס וואָס זי, שרה, האָט באקומען אַ קרוין, איז דאָס ניט געקומען דורך איהר מאַן. ווייל ער איז געוואָרען אַ מלך איז זי געוואָרען אַ מלכה. ווייל ער איז געוואָרען אַן „אב המון גוים״, איז זי געוואָרען „א-שרה״, אַ הארינטע, נאָר זי האָט צו דעם זוכה געווען דורך זיך זעלבסט.

צווייטענס: דאָס וואָס אברהם איז געוואָרען געקרוינט און חשוב, איז דאָס צו איהם געקומען דורך איהר. ווייל זי איז געווען אַ מלכה איז ער געוואָרען אַ מלך. ווייל זי איז געווען „שרה״ איז ער געוואָרען „אברהם״.

אוןביידע זאַכען לערענט רבי אחא אָפּ פון לשון הפסוק. ווייל עס שטעהט ניט: „כי שרה יהיה שמה״, איהר נאָמען זאָל זיין שרה! נאָר: „כי שרה שמה״, איהר נאָמען איז שרה.

די ערשטע זאַך: „הוא נתעטר בה״, „ער איז געקרוינט געוואָרען דורך איהר״. ווייסען מיר ווייל:

„כי שרה שמה״, איהר נאָמען איז פון פריהער, פון לאַנג אָן „שרה״. און צוליעב דעם וואָס איהר נאָמען איז געווען פון לאַנג אָן שרה, דארום וועט זיין דיין נאָמען אין עתיד „אברהם״ — „אב המון גוים״.

צווייטענס: „היא לא נתעטרה בבעלה״, „זי איז ניט געקרוינט געוואָרען דורך איהר מאַן״. ווייסען מיר אויך, ווייל:

„כי שרה שמה״. „שמה״ — איהר אייגענער נאָמען איז שרה, — זי פון זיך זעלבסט איז אַ הארינטע, זי זעלבסט האָט אָנגעטהאָן אַ קרוין אויף איהר קאָפּ, אַן אייגענע קרוין, ניט דיינע, אברהם.

דאָס איז אויך דער פשט פון אָנפאַנג פסוק:

„שרי אשתך לא תקרא את שמה שרי״, זאָלסט ניט רופען דיין פרוי

„שרי״, מיין הארינטע, וואס זאל מיינען אז דו האסט איהר געמאכט פאר א הארינטע, נייערט, „כי שרה שמה״, איהר אייגענער נאמען איז „שרה״ — הארינטע (עיין שם בהרד״ל).

מיט דעם וויל אונז דער מדרש זאגען:

אויב מיר זעהען דאס אברהם האט זוכה געווען דורך זיין צדקה, מדות טובות, חכמה און מעשים טובים און איבערהויפט יראת אלקים צוצוקומען צו א מדרגה פון „אברהם״—אב המון גוים—נשיא אלקים—איז דאס דורכדעם, וויל זיין פרוי איז פון פריהער געווען „שרה״. וויל זי האט געהאט אין זיך די אויבענדערמאנטע מעלות.

ניט דער מאן איז דער רבי און די פרוי די תלמידה, נאר פארקערט: די פרוי איז דער רבי און דער מאן דער תלמיד, אזוי צו גוטעס אזוי צו שלעכטעס.

ניט דער מאן פיהרט דער פרוי אין חדר אריין לערנען, נאר זי פיהרט איהם.

„נשים במאי זכיין?״ (ברכות י״ז)

וואס איז דער זכות פון פרויען? האט רב געפרעגט צו רבי חייא. און ער האט איהם געענטפערט:

באקרויי בנייהו לבי כנשתא, — זיי פיהרען זייערע קינדער אין חדר. און: „באתנויי גברייהו בי רבנן״, זיי מאכען זייערע מענער צו לערנען אין דער ישיבה ביי די רבנן. „זיי״ מאכען זייערע מענער לערנען.

אויב די מענער זיצען און לערנען איז עס א דאנק זייערע פרויען. וואלטען די פרויען ניט וועלען, וואלטען די מענער ניט געלערענט. און אויב מיר האבען רבנן, תנאים ואמוראים, איז דאס זייער זכות. עס דארף צוגעשריבען ווערען צו זייער קרעדיט.

אויב מיר אידען האבען זוכה געווען צו האבען א טאטען אברהם, איז דאס א דאנק וואס מיר האבען געהאט א מאמע שרה, וועלכע האט געמאכט אז אברהם זאל ווערען דאס וואס ער איז געווארען.

אויב אברהם האט זוכה געווען צו דער געטליכער קרוין פון „אב המון גוים״, א פאטער פון פיעלע פעלקער, האט עס שרה איהם אנגעטהאן די קרוין. „הוא נתעטר בה״.

און אַזוי געהט די גאַנצע אידישע היסטאָריע. פריהער קומט שרה און דאַן אברהם. איז פאַראַן אַ מאַמע שרה איז אויך דאָ אַ פאַטער אברהם און אַ זוהן יצחק.

איז געווען אַ שוועסטער מרים, וועלכע האָט געהיט דעם יונגען ברודערעל, ער זאָל ניט דערטרונקען ווערען אין די שטורעמדיגע וואַ־סערען פון טייך נילוס, און געזעהן אַז איהר ברודערעל זאָל זויגען די מילך פון אַ הייליגער, אידישער מאַמעס ברוסט. איז אויסגעוואקסען אַ משה רבינו, דער אידישער גואל און מקבל התורה.

די יסודות פון אונזער זכות הקיום הנצחי, אייביגער עקזיסטענץ, זיינען דריי: זכות אבות, תורה שבכתב און תורה שבעל פה — תלמוד.

ווי מיר האָבען אָנגעוויזען, האָבען מיר צו די ערשטע צוויי זוכה געווען אַ דאַנק אונזערע מאַמעס, שרה און מרים.

אויך די אַנטוויקלונג און פאַרפאָלקאָמענונג פון תורה שבעל פה האָבען מיר צו פאַרדאַנקען אַ פרוי.

דער „משה רבינו" פון תלמוד איז געווען „רבי עקיבא בן יוסף". און צו דער מדרגה פון רבי עקיבא איז ער געקומען אַ דאַנק זיין פרוי רחל, די טאָכטער פון כלבאַ שבוע, וועלכע האָט איהם געשיקט אין ישיבה לערנען.

איידער דער פּאַסטוך עקיבא איז געוואָרען אַ „רבי עקיבא", איז שוין זיין ווייב רחל געווען אַ „רבנית".

ווען ניט די גרויסע הייליגע ליכט, די ליכט פון תורה, וועלכע האָט געברענט אין איהר גרויסער האַרץ און הייליגע נשמה, וואָלט פון עקיבא'ן, דער רועה צאן, ניט געוואָרען אַ רבי עקיבא, רועה ישראל.

ווען ניט איהר גרויסע ליעבע צו תורה, פאַר וועלכע זי האָט זיך מוסר נפש געווען, און אויף איהר מזבח מקריב געווען איהר יוגענד, רייכטהום, גליק, און תענוגים פון אַ מיליאָנערס טאָכטער, וואָלט רבי עקיבא זיך ניט מוסר נפש געווען פאַר תורה, און ניט מקריב געווען זיין יוגענד, זיין ליעבע אויף איהר מזבח.

הנסתרות מי יודע?

גאָט'ס מסתורין, סודות, ווער קען וויסען?

אפשר איז מעגליך אַז דאָס וואָס רחל האָט אָפּגעשוירען לויט דעם פשוט'ן פשט איהרע שעהנע „קווצות-תלתלים", געקרייזעלטע לאָקען האָאר, צו פאַרקויפען זיי פאַר אַ פּאָר טאָלער, אום איהר עקיבא זאָל האָבען אויף הוצאות הדרך צו געהן אין אַ ישיבה לערנען (ירושלמי שבת פ"ו סה"א) איז געווען אַזוי גרויס און חשוב, און דער רושם וואָס עס האָט געמאַכט אין די עולמות עליונים איז געווען אַזוי שטאַרק, און גאָט'ס שמחה און נחת רוח אַזוי ערהאבען, אַזוי ווי רבי עקיבא'ס גייס-טיגע „קווצות תלתלים", לויט דעם דרש:

שהיה דורש על כל קוץ וקוץ תלין תלין של הלכות" (מנחות כ"ט עיי"ש והבן), דרש'ענדיג אויף יעדע שפּיצעלע פון יו"ד בערג מיט דינים

און דאָס וואָס פאַר רבי עקיבא'ן זיינען אויפגעעפענט געוואָרען די מעיני התורה והחכמה, די קוואַלען פון תורה און חכמה און די שערי בינה, די טויערען פון פאַרשטאַנד, ווען ער איז געשטאַנען כפוף, גע-בויגען פאַר זיינע רביים ר' אליעזר בן הורקנוס און ר' יהושע בן חנניה און געלערענט פון זיי תורה, איז דאָס געווען אין דעם זכות פון זיין ווייב רחל, וועלכע איז אויך אין דער זעלבער צייט געשטאַנען כפופה, געבויגען אין דרייען ביי די קוואַלען וואַסער, וואַשענדיג פרעמדע וועש, אום זיך צו ערנעהרען אין דער צייט וואָס איהר עקיבא זיצט און לערענט.

עס איז געווען רחל וועלכע האָט געקענט באווייזען דעם וואונדער, נעמענדיג אַ הארץ פון אַן עם הארץ, וועלכער איז פול געווען מיט אַזאַ שרעקליכע שנאה צו תלמידי חכמים, ווי ער אַליין דערצעהלט:

„בשהייתי עם הארץ אמרתי מי יתן לי ת"ח ואנשכנו כחמור" (פסחים מ"ט), ווען איך בין געווען אַן עם הארץ האָב איך געזאָגט: ווען מען לאָזט מיר וואָלט איך דעם תלמיד חכם צוביסען ווי עס בייסט אַן אייזעל. און אַז די תלמידים האָבען צו איהם געזאָגט:

„רבי, אמור ככלב", רבי, זאָג אַז דו וואָלסט איהם בייסען ווי אַ הונד בייסט, האָט ער זיי געענטפערט:

„זה נושך ושובר עצם וזה נושך ואינו שובר עצם", אַן אייזעל בייסט און צוברעכט די ביינער אויך, און אַ הונד בייסט נאָר די פלייש און צוברעכט ניט די ביינער. און דאָס וואָלט איהם ניט צופרידען שטעלען. צוביסענע פלייש פאַרהיילט זיך, אָבער צובראָכענע ביינער

איז שווער צו פאַרהיילען. און ער וואָלט זיין שנאה ניט געשטילט, באַרוהיגט, ווען זיין בים צום ת״ח זאָל ניט זיין אַ טויטליכער.

און אַזאַ האַרץ האָט רחל פאַרוואַנדעלט אין דער גרעסטער האַרץ פון ליעבע צו ת״ח, וואָגענדיג צו זאָגען אַ וואָרט אָדער אַ דין, וואָס קיינער פאַר איהם האָט ניט געוואַגט. נעמליך:

„את ה׳ אלקיך תירא לרבות ת״ח (פסחים כ״ב ועיי״ש), „זאָלסט מורא האָבען פאַר אַ ת״ח ווי דו האָסט מורא פאַר גאָט״, ומורא רבך כמורא שמים״.

צוועלף יאָהר איז רבי עקיבא געזעסען און געלערענט, פאַרשטי־קענדיג זיינע בייזנקענדיגע געפיהלען צו זיין ווייב רחל׳ען; ניט איינ־מאָל האָט ער געטראַכט: ווער ווייסט, פיליכט האָט זי חרטה געהאָט אויף איהר טהאַט, אויף איהר ניט אויסגערעכענטען, אונפּראַקטישען יונגען שריט? ער האָט געפונען תורה און חכמה אָבער פאַרלאָרען איהר.

האָבען דאָך די חכמים געזאָגט, אַז:

„עניות מעבירה את האדם על דעתו ועל דעת קונו״ (עירובין מ״א), צוליעב אָרימקייט פאַרלירט דער מענש זיין שכל און דערווייטערט זיך פון גאָט.

אפשר, האָט רבי עקיבא ווייטער געטראַכט, האָב איך ניט ריכטיג געהאַנדעלט? איהר פאָטער איז געווען קעגען מיר ווייל איך בין געווען אַן עם הארץ אין פולען זין פון וואָרט; ער האָט אָבער געזאָגט, אַז ווען איך וואָלט כאָטש עפּעס קענען לערנען, אפילו אַ פרק, אפילו איין הלכה, וואָלט ער מיר אנערקענט פאַר זיין איידעם און זיין טאָכטער ניט אַרויס־געטריבען. (עיין כתובות דף ס״ב.) און אַזוי פיעל לערנען האָב איך שוין געקענט אין די ערשטע פאָר יאָהר, האָב איך דאַמאָלס געדאַרפט זיך אומקערען אַהיים; וואָס פאַר אַ רעכט האָב איך געהאַט זיך אַוועק־צוזעצען לערנען, ווערען אַ גרויסער תנא אויף דעם חשבון פון מיין עלענ־דער, אָרימער ווייב? ווי האָב איך געמעגט לאָזען איהר זיין צוועלף יאָהר אַ לעבעדיגע ווִיסטע אַלמנה און מיין טאָכטער אַ לעבעדיגע יתומה?

מיט אַזעלכע אומעטיגע מחשבות האָט ער זיך אומגעקערט אַהיים.

אַט שטעהט שוין רבי עקיבא ביי דער טהיר פון דער אָרימער הייזעל פון דער אָרימער וועשער־פרוי, ז י י ן פ ר ו י.

אַ שטימע דערטראָגט זיך צו איהם.

אַן אַלטער מאַן טענה׳ט איין מיט איהר: — מסתמא איז דער מאַן געשיקט געוואָרען צו איהר פון איהר פאָטער, וועמענס הארץ האָט גע־וועהטאָגט פאַר זיין אומגליקליכער טאָכטערס שיקזאַל. —

און דער מאַן זאָגט צו איהר: „שפיר עביד לך אבוך״, גוט האָט דיין טאַטע צו דיר געטהאָן, וואָס ער האָט דיר אַרויסגעטריבען פון זיין הויז, און ענטזאגט פון זיין רייכטהום.

„חדא דלא דמי לך״. ערשטענס: ער, עקיבא, איז ניט גלייך צו דיר. ווי קומט אַ פראָסטער פאַסטוך צו זיין דיין מאַן? און דו, רחל, כלבא שבוע׳ס טאָכטער, די גרעסטע יחסנ׳טע פון ירושלים, זיין ווייב?

„ועוד שבקך ארמלות חיות כולהון שנין״. צווייטענס: זעהסט דאָך אַז דיין טאַטע איז גערעכט. עקיבא איז אַן עם הארץ, אַ גראָבער יונג, אַ פראָסטער כאַראַקטער. דו האָסט אַלץ מקריב געווען צוליעב איהם און ער האָט דיר איבערגעלאָזען מיט אַ קינד און עס איז שוין צוועלף יאָהר ווי דו ביזט אַ לעבעדיגע אלמנה און דיין טאָכטער אַ לעבעדיגע יתומה, און ער מאַכט זיך גאָר ניט ווויסענדיג, לאָזט פון זיך ניט הערען. האָב חרטה, רחל! ענטזאג זיך פון איהם! געה און בעט איבער דיין פאָטער! ער וועט דיר געווים מוחל זיין. דו ווייסט דאָך וואָס פאַר אַ גוטער מענש דיין טאַטע איז, ווי איבערגעגעבען ער איז צו אַלע עלענדע, הונגעריגע און נויטבאַדערפטיגע, צוליעב וואָס מיר האָבען איהם אַ נאָמען געגעבען „כלבא שבוע״, ווייל יעדער וועלכער קומט אַריין אין זיין הויז אַ הונגעריגער ווי אַ הונד, געהט אַרויס זאַט.

און דו קענסט זיך פאָרשטעלען וויפיעל זיין הארץ בלוטיגט פאַר דיין לאַגע, און ער קען דיר גאָר ניט העלפען, ווייל אין אַ היציגער מינוט האָט ער געטהאָן אַ הארבען נדר, אַז דו טאָרסט קיין הנאה ניט האָבען פון זיינע גיטער. און עס איז ניטאָ קיין פתח חרטה, קיין וועג ווי אַזוי די חכמים זאָלען קענען דעם נדר מתיר זיין. פאָלג מיר, רחל, האָב חרטה אויף דיין נאַרישען יונגען, ניט אויסגערעכענטען שריט! געה צוריק צו דיין פאָטער!

האָסט ניט מעהר וואָס צו וואַרטען אויף דיין פיינעם אדעלמאַן, עקיבא דעם פאַסטוך.

הערענדיג די ווערטער, האָט רבי עקיבא'ס האַרץ אָנגעהויבען האַס־טיגער צו קלאַפּען, זיינע קנעכעל ציטערען, זיין גאַנצער קערפּער זיך טרייסלען קאָנוואולסיוו, שטעהענדיג אונטער'ן טהיר און וואַרטענדיג צו הערען איהר ענטפער.

ער הערט און גלויבט ניט זיינע אייגענע אויערען. איז דאָס מעגליך? אָבער די שטימע איז פאַרט די באַקאַנטע שטימע פון זיין רחל'ען, די שטימע וועלכע האָט מיט צוועלף יאָהר צוריק צו איהם געזאָגט:

„אי מקדשנא לך אזלית לבי רב?"

אויב איך וועל צו דיר ווערען מקודש וועסטו געהן אין דער ישיבה לערנען? (שם). עס איז די זעלבע שטימע, וועלכע ער הערט בייטאָג און ביינאַכט, וועלכע קלינגט ווי געטליכע מוזיק אין זיינע אויערען, מאַכט איהם לערנען מיט גרויס התמדה, און עפענט פאַר איהם אַלע טהויערען פון חכמה.

אמת, די שטימע איז יעצט אַביסעל שוואַכער, מיעד, געוויס פון הונגער און נויט; קלינגט ניט אַזוי זאַפטיג ווי מיט צוועלף יאָהר צוריק, ווען זי איז געווען זאַט, יונג, מונטער, כלבא שבוע'ס טאָכטער. אָבער עס איז דאָך די זעלבע שטימע, זיין ווייב רחל'ס שטימע.

און די שטימע זאָגט פעסט און ענטשלאָסען — אַזוי ווי מיט צוועלף יאָהר צוריק, ווען זי האָט נאָך ניט געוואוסט פון נויט און עלענד, הונגער און קעלט, ווען זי איז נאָך ניט געגאַנגען נאַקעט און באָרוועס, און איהרע צאַרטע פיס האָבען נאָך געטראָטען אויף גאָלד־געשטיקטע טע־פּיכער פון פרס און מצרים, ווען צעהנדליגער דינסטען זיינען געשטאַנען גרייט צו ערפילען יעדען וואונש איהרען, ווען זי האָט נאָר אַ פּיפּס געטהאָן, און זי איז נאָך ניט געווען אַ דינסט און אַ וועשערין צו אַנדערע. און די שטימע פון רחל זאָגט:

„אי לדידי צייתי יתיב תרי סרי שנין אחריני".

„אויב ער וואָלט מיר פאָלגען, ערפילען מיין ווילען, וואָלט ער גע־זעסען אין דער ישיבה נאָך צוועלף יאָהר".

„אמר", האָט רבי עקיבא געזאָגט: „ברשות קא עבידנא", איך טהו עס מיט רשות, ערלויבעניש. רחל, מיין ווייב, וויל איך זאָל נאָך צוועלף יאָהר לערנען; זי איז צופרידען נאָך צוועלף יאָהר צו זיין אַ

לעבעדיגע אלמנה. אויב אַזוי געה איך ווידער אום איהר וואונש צו ערפילען.

און ער איז געשווינד אַוועק פון טהיר, מען זאָל איהם ניט באַמערקען. ער איז אַוועק אונטער'ן שטאָדט, וואו עס האָבען אויף איהם געוואַרט זיינע צוועלף טויזענט תלמידים, וועלכע זייען געוועזן מיטגעקומען מיט איהם; און ער האָט געזאָגט צו זיי: „קומט, לאָמיר געהן צוריק אין דער ישיבה לערנען. איך האָב אויף דעם רשות פון מיין ווייב".

נאָך צוועלף יאָהר זיינען פאַרביי. גרויס איז געוואָרען רבי עקיבא, באַריהמט איבער דער גאַנצער וועלט. אַזוי טיעף איז זיין תורה געוועזן, דאָס משה רבינו האָט זי ניט געקענט פאַרשטעהן (עיין מנחות כ"ט), און ער קומט קיין ירושלים מיט פיער און צוואַנציג טויזענט תלמידים. גאַנץ ירושלים קומט אַרוים מקבל פנים זיין דעם געטליכען מאַן, וועמעס פנים עס שיינט ווי די ליכטיגע זון; מען האָט מורא צו איהם צוצוגעהן.

אַלע איינוואָהנער פון ירושלים זיינען געוועזן אויסגעפּוצט אין זייערע יום־טוב'דיגע קליידער. אויך רחל, די וועשערין, קלייבט זיך צו געהן זעהן דעם גרויסען מאַן, וועגען וועמענס תורה און צדקות עס ווערט דערצעהלט אַזוי פיעל וואונדער.

מענשען האָבען ניט געוואוסט אַז דאָס איז דער אַמאָליגער פּאַסטוך עקיבא; זיי האָבען גאָר קיין השגה ניט געהאַט אַז עקיבא, דער עם הארץ, דער שרעקליכער שונא פון ת"ח, זאָל ווערען אַזאַ גרויסער מענש; אָבער איהר הארץ, דאָס הארץ וואָס האָט צעהנדליגער יאָהרען געקלאַפּט און געדודליג געוואַרט פאַר איהם; ומנטרן לגברייהן עד דאתי מבי רבנן. (ברכות י"ז.) דאָס הארץ וואָס איז געוועזן דער הייליגסטער מזבח, אויף וועלכען אַ אידישע טאָכטער האָט געבראַכט פיער און צוואַנציג יאָהר נאָכאַנאַנד קרבנות פאַר אהבת התורה, האָט אינסטינקטיוו דערפיהלט אַז דער גרויסער תנא און צדיק מוז זיין איהר עקיבא. (עיין שם ברש"י.)

דער רשע, וועלכער האָט זיך שטענדיג באַמיהט איהר אָפּצורעדען פון עקיבא'ן, ווייזענדיג וואָס פאַר אַ פאַרדאָרבענער מענש ער איז און אָנווייזענדיג איהר אימער אויף איהר שרעקליכער לאַגע, אין וועלכער זי איז זיך אַליין שולדיג, האָט אויך דאָ געפונען אַ געלעגענהייט צו שיטען זאַלץ אויף איהרע וואונדען.

אמר לה האי רשיעא: „ואת להיכן אזלת?"

און דער רשע האָט צו איהר געזאָגט: „וואו געהסטו?" דו האָסט דאָך אפילו ניט קיין פּאַסיגע קלייד אָנצוטהאָן פאַר אַזאַ געלעגענהייט?

און זי האָט רוהיג און מיט קעניגליכען שטאָלץ געענטפערט:

„יודע צדיק נפש בהמתו". (משלי י"ב.)

„דער צדיק קען די נשמה פון זיין בהמה". (עיין במהר"שא כתובות ס"ג) — זי האָט זיך געהאַלטען קעגען צדיק ניט העכער פון אַ בהמה! (?)

מיט גרויס מיה און אָנשטריינגונג האָט זי זיך אַדורכגעשפּאַרט דורך דער גרויסער, פייערדיג - געשטימטער, יום-טוב'דיג פרעהליכער מאַסע. אָט איז זי שוין ניט וויט פון איהם . . . יע! דאָס איז ער! איהר עקיבא! איהר האַרץ האָט איהר ניט גענאַרט היינט! אַזוי ווי זי האָט איהר ניט גענאַרט מיט פיער און צוואַנציג יאָהר צוריק, אַז דער פּאַסטוך עקיבא פאַרמאָגט אַ גרויסע נשמה, אַ רייך האַרץ, רייכער פון איהר טאַטענס רייכטהום און אויסערגעוועהנליכע כשרונות.

זי זעהט אַקעגען איהר עקיבא׳ן שטעהען די נאָבילִיטי פון ירושלים; און אין דער שפּיץ פון זיי — איהר ליעבער פאָטער — כלבא שבוע, פון וועמען זי האָט גע'ירש'עט די גרויסע ליעבע צו תורה, וועל־כער האָט אַדורכגעליטען מעהר פון איהר, וועלכער האָט מקריב געווען זיין פאָטערליכע ליעבע צו זיין טאָכטער, זיין לעבענס-פרייד, צוליעב אהבת התורה, וועלענדיג האָבען אַן איידעם אַ תלמיד חכם, ווינציג־סטענס, כאָטש ניט קיין עם הארץ. ער זאָל כאָטש קאָנען איין הלכה, איין פּרק משניות. אַך ווי פאַרעלטערט איהר ליעבער פאָטער איז גע־וואָרען! וויפיעל לייד און שמערץ איז אויף זיין נאָבעלען פּנים אויס־געגאָסען! זיין רייכטהום האָט איהם קנאַפּע גליק פאַרשאַפט, וויסענדיג וויפיעל זיין טאָכטער איז אומגליקליך, אָרעם און עלענד, און האָט אַ מאַן אַן עם הארץ.

איהר טאַטע האַלט אין איין האַנד אַ גאָלדענע טאַץ מיט ברויט און וויין און מיט דער צווייטער האַלט ער מיט גרויס עהרע־פורכט די האַנד פון הייליגען צדיק, ניט באַגרייפענדיג אַז ער האַלט די האַנד פון זיין אַמאָליגען אַרויסגעטריבענעם פּאַסטוך.

פייל פון בויגען מיט אויסערגעוועהנליכע קראַפט האָט זי זיך אַדורכ־

געשטופּט צווישען די נאָבעללייט. אָט איז זי צווישען איהר פאָטער און איהר מאַן. זי איז געפאַלען צו זיינע פיס און אָנגעהויבען זיי צו קושען. אַלע זיינען פאַר אַ מאָמענט פאַרגאַפט און ערשטוינט געוואָרען אויף דער חוצפּה און העזה פון דער אָרימער, אָפּגעריסענער, אָפּגעשליסענער פרוי, און פון שרעק זיינען אַלע ווי פּאַראַליזירט געוואָרען. ווען זיי זיינען צו זיך געקומען:

„קאָ מדחו לה רבנן", האָבען די רבנן, זיינע תלמידים, גענומען איהר אַוועקשטופּען . . . רבי עקיבא, וועלכער איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אונבאַוועגליך, ווענמענס אויגען עס האָבען פאַר'חלום'ט אַרומגעבלאָנ־דזשעט און געזוכט, האָבען זיי געבלאָנדזשעט אין די הימעלשע ספערען, אין הימעלשען פרדס — ד' נכנסו לפרדס בן עזאי ובן זומא, אחר ורבי עקיבא" (חגיגא י"ד) — אָדער האָבען זיינע ליכטיגע אויגען געזוכט זיין פרוי רחל? ווער ווייסט?

אָבער פּלוצלונג האָט ער ערוואַכט פון זיין פאַרטראַכטקייט. איין בליק אויף דער אָרימער פרוי האָט איהם געזאָגט ווער זי איז: „זיין רחל", און זעהענדיג ווי די רבנן שטופּען איהר אַוועק פון איהם, האָט ער אַרויסגעצויגען זיין האַנד פון כלבא שבוע'ס האַנד, אַ מאַך געטהאַן מיט איהר צו זיינע תלמידים און „אמר להם": רבי עקיבא האָט צו זיי געזאָגט:

„הניחו לה", לאָזט איהר! שטופּט איהר ניט אַוועק!

און דאַן האָט ער מיט גרויס יראת הכבוד זיך איינגעבויגען, איהר אויפגעהויבען און איהר אַוועקגעשטעלט צווישען איהם און איהר פאָ־טער, כלבא שבוע; און מיט הימעלשע צערטליכקייט האָט ער אַריינ־געקוקט אין איהרע הייליגע אויגען, פון וועלכע עס האָט אַרויסגעשיינט דער געטליכער אור הגנוז פון אהבת התורה, די גרויסע תורה־ליכט וואָס האָט איהם פאַרלויכטען פיער און צוואַנציג יאָהר און געמאַכט אַנטפּלעקען צו איהם אַלע סודות התורה.

אַ הייליגע שטילקייט האָט אַלעמען באַהערשט. יעדער איינער האָט אינסטינקטיוו דערפיהלט אַז עפּעס גרויסעס, דראַמאַטישעס וועט באַלד פּאַסירען; לאַנג האָבען זיי ניט געדאַרפט וואַרטען. באַלד האָט זיך דערהערט זיין הייליגע געטליכע שטימע זאָגענדיג:

„שלי ושלכם שלה הוא",

„מיין תורה און אייער תורה באלאנגט צו איהר".

ווען איך בין נאך געווען אן עם הארץ איז זי שוין געווען א תלמידה חכמה, ווען איך בין נאך געווען א פראסטער עקיבה דער פאסטוך, איז זי שוין געווען א רבנית עקיבא (עיין נדרים נ' וכתובות ס"ג).

און כדי עס צו באווייזען סימבאליש האט רבי עקיבא געמאכט פאר רחל'ען א גאלדענע קרוין, אויף וועלכער ירושלים איז געווען אויסגע־קריצט, און עס האט זיך גערופען: „ירושלים דדהבא" (שבת נ"ט ונדרים נ'). ד"ה: „די קרוין פון תורה, כתר תורה, וואס ירושלים דענקט אז עס איז מיינע, באלאנגט צו דיר. דו דארפסט עס טראגען אויף דיין קאפ. איך האב עס נור באקומען דורך דיר, רחל".

און ניט נאר האט ער דורך רחל'ען געקראגען דעם „כתר תורה" און „כתר שם טוב", — זיין נאמען איז געגאנגען פון איין עק וועלט צום צווייטען.

„אתה הוא עקיבא בן יוסף, ששמך הולך מסוף העולם ועד סופו?" (יבמות ט"ז). אויך די קרוין פון עשירות האט ער צוליעב איהר בא־קומען. רחל'ס פאטער, כלבא שבוע, האט איהם אפגעגעבען א העלפט פון זיין עשירות (ועיין בנדרים נ'). אזוי גרויס איז זיין רייכטהום גע־ווען, דאס זיינע טישען זיינען געווען געמאכט פון זילבער און גאלד, און אויף גאלדענע לייטערס איז ער ארויפגעגאנגען צו זיין בעט. (אבות דר"נ פ"ו).

אזוי ווי וועגען שרה'ן ווערט געזאגט:

„הוא נתעטר בה", ער, אברהם, איז געקרוינט געווארען דורך איהר מיט גרויסקייט און רייכקייט. (ולאברם היטיב בעבורה), אזוי אויך, ווי מיר זעהען, קען געזאגט ווערען וועגען רחל'ען: „הוא נתעטר בה", ר"ע איז גרויס און רייך געווארען דורך איהר . . .

און כדי צו מאכען דאס בילד פאלקאם, וועלען מיר ברייננען נאך אן אילוסטראציע:

געווען אמאל א מלך, שלמה האט ער געהייסען. ער איז געווען א מלך בכיפה. אלע מלוכות האבען זיך צוגעהערט צו זיינע רייד און געפאלגט זיינע באפעהלען. (שה"ש פ"א ס"י.) און ניט בלויז אויף

מענשען האָט ער געקעניגט, נאָר זאָגאָר איבער „עליונים", מלאכים און שדים האָבען זיינע פאַרלאַנגען ערפילט.

אויך איז ער געווען אַ גרויסער חכם, דער קלוגסטער פון אַלע מענשען. „ויחכם מכל האדם" (מלכים א' ה'), זיין מלוכה איז געווען די רייכסטע וואָס האָט אַמאָל עקזיסטירט. די גאַסען פון ירושלים זיינען געווען געפלאַסטערט מיט זילבערנע שטיינער. „ויתן המלך את הכסף בירושלים כאבנים" (ד"ה, ב' ט'), זילבער האָט קיין ווערדע געהאַט. „אין כסף נחשב בימי שלמה למאומה" . . . געוויכט זיינען געמאַכט געוואָרען פון גאָלד (שהש"ר פ"א ס"י).

וואָס איז געווען זיין סוף?

אנשטאט אַ מלך בכיפה איז ער געוואָרען אַ מלך בלויז אויף זיין וואַנדער־שטעקען (עיין סנהדרין כ' י"ב), אנשטאט זיין עשירות איז איהם מעהר ניט געבליבען ווי אַ טאָרבע, מיט וועלכער ער איז ארומגעגאַנגען איבער די הייזער בעטלען ברויט (שם), און אנשטאט אַ חכם מכל אדם — אַ טפש (עיין שהש"ר וקה"ר פ"א ס' י"ב), אנשטאט אַ וואונ־דערליכען טהראָן — אַ צובראָכענעם ביינקעל אין הקדש, און אנשטאט אַ גין־גאָלדענע קרוין געזעצט מיט דימאַנטען, ברילויאַנטען און טהייערע אדעלשטיינער האָט ער געקראָגען מיט שטיינער אין קאָפּ פון קונדסים. דענקענדיג אַז ער איז אַ משוגענער, וועלכער האָט זיך איינגערעדט, אַז ער איז שלמה המלך. — עיין גיטין ס"ח: כל היכי דמטי אמר: אני קהלת הייתי מלך על ישראל בירושלים.

ווי אַזוי איז ער צו אַזאַ לאַגע געקומען?

דער תירוץ איז: „ויטו נשיו את לבו", און זיינע ווייבער האָבען אָפּגעווענדעט זיין הארץ. איבערהויפּט זיין הויפּט פרוי, פרעה'ס טאָכטער.

וועגען רבי עקיבא'ן קען געזאָגט ווערען דער פסוק:

„מקימי מעפר דל מאשפות ירים אביון" (תהילים קי"ג), ער הויבט אויף פון שטויב דעם אָרימען, פון מיסטהויפען דעם באדערפטיגען, ני־דערשלאָגענעם.

עקיבא דער פאַסטוך, פון נידעריגען יחוס, זיין טאַטע יוסף איז געווען אַ גר צדק (לפי דעת הרמב"ם), אַן אָפּשטאַם פון סיסרא, שר צבא

מלך כנען, א גרויסער אביון מאטעריאליש און נאך מעהר אן עני בדעת. צו פערציג יאהר האט ער נאך זאגאר קיין א"ב ניט געקענט (עיין תולדות התנאים ואמוראים מידידי הרב ר' אהרן היימאן שליט"א), אן אלמן מיט א קינד, איז אויפגעהויבען געווארען צו דער מדרגה פון:

„להושיבי עם נדיבים עם נדיבי עמו".

אוועקגעזעצט איהם מיט די אדעליגע פון זיין פאלק, דער גרעסטער פון די תנאים.

א דאנק זיין ווייב רחל, דורך איהר גרויסער ליעבע צו תורה און פרומקייט — ראתה כי ברכה בהרועה הלזה וכי הוא צנוע ומעלי — (עיין אבות דר"נ וירושלמי שבת פ"ו ס"ה א').

דורך איהר פארשטעהן אז: „אין עני אלא בדעה" (נדרים מ"א), אז אן ארימאן איז נאר דער וועלכער איז ארים אין תורה און חכמה, מעג ער פארמאגען די גרעסטע עשירות. און דער וואס פארמאגט תורה און וויסענשאפט איז רייך זאגאר ווען ער האט ניט קיין שטיקעל ברויט און דארף שלאפען אויף דער ערד אויף אביסעל שטרוי (עיין שם).

דורך איהר פארשטעהן אז: די גרעסטע שעהנקייט איז די טיעף אינערליכע גייסטיגע שעהנקייט, און די גרעסטע תענוגים זיינען די גייסטיגע תענוגים. און אז לוקסוס, ראשקאס, וועלטליכע פארגעניגענס זיינען גאר ניט אין פארגלייך מיט זיי.

און אז קליידער זאגאר פון שש וארגמן, געוועבט אין מצרים — אטון מצרים — זיינען ווי שמאטעס קעגען די מלבושי התורה, מיט וועלכע אן אמת'ע אשת חיל קען זיך קליידען, דורך די תורה פון איהר מאן און איהרע קינדער.

„עוז הדר לבושה", זה: „לבושה של תורה" (בר"ר פ' נ"ט). און אז די שעהנסטע פעריל, ליכטיגסטע דימאנטען און שיינעדיגסטע בריליאנטען זיינען דונקעל, פינסטער, פראסטע שטיינער קעגען תורה-דימאנטען, מצוות-בריליאנטען און פערלדיגע מדות טובות, צו וועלכע מען איז זוכה נאר דורך תורה ויראת שמים.

פארקערט, שלמה המלך, דער יחסן, חכם און עשיר, איז אראפגע-נידערט געווארען פון זיין הויכען טהראן צו די שטויב, זיין קרוין אראפגעשליידערט אויפ'ן מיסט-הויפען, א דאנק זיין פרוי, בת פרעה, דורך איהר יאגעניש נאך תענוגים, אויסבריינגערישע לוקסוסען, בא-

הערשענדיג דעם מלך שלמה, מיט איהר פוסטען שטאָלץ, און נאָך מעהר פוסטע קאָפּ, מיט איהר אויבערפלעכליכער שעהנקייט און מיט איהרע פרעמדע, געצענדינערשע קולטורען, וועלכע זי האָט אַריבערגעבראַכט פון מצרים און עס אַריינגעבראַכט אין איהר קעניגליכען פּאַלאַץ, וואָס שלמה האָט געבויט פאַר איהר אין אַ משך פון גאַנצע דרייצעהן יאָהר, פון וועלכען ער איז שפּעטער פּאַרטריבען געוואָרען און וועלכער האָט נאָך שפּעטער געבראַכט צום חורבן בית המקדש און חורבן האומה. — עיין סנהדרין כ"א: בשעה שנשא שלמה את בת פרעה ירד גבריאל ונעץ קנה בים, ועלה בו שרטון ועליו נבנה כרך גדול שברומי, כלומר הצעד הזה היה התחלה לחורבן ארצנו על ידי רומא, והבן. —

ניטאָ מעהר קיין זכר פון בת פרעה'ס פּאַלאַץ מיט איהרע פיער טויזענט שטאַלען פערד און רייט-וועגענער, וואָס זי האָט געמאַכט שלמה'ן צו ברייננגען פון איהר לאַנד מצרים.

עס הערען זיך מעהר ניט די געזאַנגען פון די טויזענט מיני געזאַנג-אינסטרומענטען, וועלכע זי האָט מיט זיך מיטגעבראַכט צו שפּילען פאַר איהרע געצען. איהר נאָמען ווערט דערמאָנט מיט אַ קללה אַלס איינע וואָס האָט געבראַכט צו אונזער חורבן, — ושם רשעים ירקב.

אָבער אין אונזער היכל האומה, אידישען פּאָלקס-פּאַלאַץ, לעבט אונזער ליעבע מוטער שרה, די שרתי בגוים, האַרינטע פון פעלקער, מיט אַ ליכטיגער קרוין אויף איהר קאָפּ, דערפאַר וואָס זי האָט אָנגעטהאָן די געטליכע קרוין פון יראת ה' און מענשען-ליעבע אויף איהר מאַן אברהם, אונזער פאָטער אברהם, און איהם געמאַכט פאַר אַן אב המון גוים, אַ פאָטער פון נאַציאָנען.

און אין אונזער היכל-התורה, תורה-פּאַלאַץ, וועלכער איז פול מיט געטליכע געזאַנג, גמרא ניגונים, היינט אַזוי ווי אין רבי עקיבא'ס ישיבה, לעבט רחל, די טאָכטער פון כלבא שבוע, מיט אַ ירושלים דדהבא אויף איהר קאָפּ, דערפאַר וואָס זי האָט אָנגעטהאָן דעם כתר התורה צו רבי עקיבא'ן.

און די ליכטיגע שטראַהלען פון זייערע גרויסע, הייליגע נשמות באַלייכטען עד היום די נשמות און הערצער פון זייערע געטרייע אידישע טעכטער, וועלכע זיינען זיך ווי זיי מוסר נפש, כדי צו באַקרוינען די קעפּ פון זייערע מענער און קינדער מיט'ן כתר התורה ויראת שמים . . .

אידישע טעכטער, געדענקט עס גוט!

דרוש י״ד לפ׳ וירא, לבר מצוה.

דער שומרים אָרדען

אַ דרשה פאַר אַ בר מצוה. די ערשטע אורזאַכע ווארום גאָט האָט ליעב געהאַט אברהם׳ען?

אברהם אבינו דער ערשטער שומר אויפ׳ן דרך ה׳

כי ידעתיו למען אשר יצוה את בניו ואת ביתו אחריו ושמרו דרך ה׳ לעשות צדקה ומשפט. (בראשית י״ח י״ט.) איך האָב ליעב אברהם׳ען, זאָגט גאָט, ווייל ער זאָגט אָן זיינע קינדער צו היטען דעם וועג פון גאָט, און צו טהאָן צדקה און משפט.

(עיין ביפה תואר במד״ר, שלפי דברי ר׳ עזריה בשם ר׳, לעשות צדקה ומשפט היא מלתא באנפי נפשה, והוה כמ״ש: ולעשות צדקה ומשפט.)

מיינע ליעבע עלטערן און רבותי:

ווי מיר זעהען פון דעם פסוק איז די ערשטע אורזאַכע ווארום גאָט האָט ליעב אברהם׳ען, אנערקענט איהם פאַר זיין געטרייסטען דינער, און וויל ניט פאַרהוילען פון איהם וואָס ער געהט טהאָן צו סדום, איז ניט ווייל אברהם איז געווען דער ערשטער צו אנערקענען גאָט אַלס דער מלך העולם, ניט ווייל אברהם האָט זיך זעלבסט געלאָזען ווארפען אין קאַלך-אויווען פאַר זיין אמונה אין גאָט, ניט ווייל ער איז אויך בייגעשטאַנען אַנדערע נסיונות פאַר זיין אמונה, אויך ניט ווייל ער איז געווען, אַזאַ גרויסער מענשען-פריינד, בעל צדקה און מכניס אורחים. און ניט ווייל ער זעלבסט האָט שטענדיג געטהאָן צדקה ומשפט. ניין. די ערשטע הויפט אורזאַכע איז געווען ווייל: „ער וועט באַפעהלען זיינע קינדער אָפצוהיטען, זיין שומרים, וועכטער אויפ׳ן דרך ה׳ ״.

אונזער פאָטער אברהם האָט אָנגעהויבען צו היטען דעם דרך ה׳ אין יאָהר א. תתק״מח. (אברהם נולד בשנת א. תתק״מה לב״ע, ובן שלש שנים הכיר אברהם את בוראו) — אַלזאָ שוין דריי טויזענט,

זיעבען הונדערט און פיער און פערציג יאָהר. דאַן האָט ער איבער־געגעבען די מיסיאָן פון זיין אַ שומר דרך ה׳ צו זיין זוהן יצחק. יצחק האָט איבערגעגעבען די שמירה צו יעקב׳ן, יעקב צו זיינע קינדער; אַזוי פון דור צו דור, פון פאָטער צו זוהן. יעדער פאָטער, וועלכער איז זעלבסט געווען אַ שומר האָט איבערגעגעבען די שמירה צו זיינע קינדער.

און אין היינטיגען טאָג פון מיין בר מצוה שטעלט איהר, מיינע ליעבע עלטערן, מיר אַרויף צום ערשטען מאָל אין מיין לעבען אויפ׳ן פּאָסטען פון זיין אַ „שומר” אויף דער אַלטער, טויזענטער יעהריגער דרך ה׳.

איך בין גליקליך און שטאָלץ מיט דעם גרויסען זכות און כבוד; איך וועל ב״ה טהאָן אַלעס מעגליכעס צו ערפילען מיינע הייליגע פליכטען און באווייזען דורך מיינע מעשים טובים אַז דעם גרויסען צוטרויען, וואָס איהר האָט אין מיר, אַ יונגען דרייצעהן יאָהריגען אינגעל, זאָל זיין אַ פאַרדינטער, און אַז איהר זאָלט ח״ו ניט ווערען אנטוישט.

איך הייב אויף מיינע אויגען צום הימעל און דאַנק דעם בורא עולם פאַר דעם גרויסען זכות און גליק צו זיין אייער קינד; אַ קינד פון עלטערן וועלכע זיינען אויך טרייע שומרים פון דרך ה׳, וועלכע זיינען אויך בייגעשטאַנען, אַזוי ווי דער ערשטער שומר אברהם אבינו, פיעלע נסיונות פאַר זייער אידישקייט, פאַר זייערע שבתים וימים טובים, פאַר זייער כשרות, און פאַר זייער אידישען שטאָלץ, און די געטליכע גבורה אַריינגעבלאָזען אין מיר דורך דער ריכטיגער אידישער ערציהונג פריהער אין ת״ת און איצטער אין ישיבה.

פיעל פון מיינע חברים זיינען ניט אַזוי גליקליך ווי איך. זיי באַלאַנגען שוין ניט צו דעם גרויסען אַלטען, בעניי, פיער טויזענט יאָה־ריגען, שומרים־אָרדען. זיי שטעהען ניט אויפ׳ן דרך ה׳, היטען איהם ניט, און פיעלע, ליידער, ווייסען שוין ניט זאָגאַר, אַז עס איז דאָ אַזאַ וואונדערליכער וועג, אַזאַ דרך ה׳ . . .

די שולד איז ניט זייערע. זיי זיינען אַזוי גוט, קלוג, אָרינטלאך און פאַרשטענדיג ווי איך און אפשר נאָכמעהר פון מיר. די שולד איז זייערע עלטערנס, וועלכע זיינען געוואָרען בורחים, דעזערטער פון דרך ה׳, בוגדים, פאַררעטהער פון אידישען שומרים־אָרדען, און ממילא האָבען

זיי שוין ניט געקענט אָנווייזען זייערע קינדער דעם דרך ה׳, און ניט געקענט זיי אָנטהאָן דעם הייליגען געטליכען שומרים יוניפאָרם: „טלית און תפילין״.

און יעצט, אין דעם גרויסען הייליגען און ערהאבענעם מאָמענט, ווען איך שטעה אויף דער בימה, מאַכענדיג דעם ערשטען שריט אַלס שומר אויפ׳ן דרך ה׳, בעט איך ביי דיר, רבש״ע, שומר ישראל, היט מיר! שטאַרק מיר! אַז איך זאָל קענען ערפילען מיינע הייליגע פליכטען צו זיין אַ געטרייער שומר פון דיין דרך התורה והמצוה.

„אחלי״, מיינע געבעט און וואונשען זיינען: „יכונו דרכי״, אַז מיינע וועגען זאָלען ציעלען: „לשמור חוקיך״ (תהילים קי״ט ה׳), צו היטען דיינע געזעצען . . . ווארום: „במה יזכה נער את ארחו?״ מיט וואָס קען אַ יונגערמאַן באַזיגען זיין לעבענס-וועג. (זכה לשון נצחון, כמו ולא זכיתי שנאמר יציאת מצרים בלילה.) באַזיגען אַלע שטרויכ-לונגען, וועלכע געפינען זיך אויף זיין וועג? „לשמור כדבריך״ (שם), מיט ריכטיג היטען דיינע רייד, זיין אַ ריכטיגער שומר, אַן אמת׳ער בר מצוה.

איך בעט דיר אויך, שומר ישראל, אַזוי ווי דו האָסט צו אונזער פאָטער אברהם, פאַר דערפאַר וואָס ער זעלבסט איז געווען אַ שומר דרך ה׳ און באפעהלען זיינע קינדער צו זיין שומרים, געבראַכט אַלע גוטעס וואָס דו האָסט צו איהם מבטיח געוועזן:

„למען הביא ה׳ על אברהם את אשר דבר עליו״ (שם), אַזוי שיק דיין ברכה צו מיינע ליעבע עלטערן, וועלכע זיינען זעלבסט געווען דיינע געטרייע שומרים, און וועלכע האָבען מיר און זייערע איבעריגע קינדער אויך געמאַכט פאַר שומרי דרך ה׳, זיי זאָלען פון אונז פיעל נחת האָבען, לאורך ימים ושנים. אמן.

דרוש ט״ו לפ׳ וירא, לבר מצוה,
תוכחת מוסר לימים נוראים.

די טראפיק־לייטס סיגנאַלען

פון רבין צום תלמיד. רויטע און גרינע סיגנאַלען. וואָס עס פּאַסירט ווען מען פאָלגט ניט די וואָרנונג פון די סיגנאַלען. רויטע און גרינע סיגנאַלען אויפ׳ן דרך ה׳. ווער איז מעהר שולדיג אין גייסטיג־אידישען חורבן אין אַמעריקע: די געזעץ־ברעכער פון די רויטע סיגנאַלען אָדער פון די גרינע? סור מרע ועשה טוב. מצוות עשה און מצוות לא תעשה. תפלה של יד — דער רויטער סיגנאַל — אויפ׳ן דרך ה׳ תפילה של ראש — דער גרינער סיגנאַל — ווארום טאָר מען ניט מסיח דעת זיין פון די תפילין? ווארום דאַרף מען ממשמש זיין פריהער דעם של יד נאכהער דעם של ראש? אַ בר מצוה דרשה פאַר יונג און אַלט.

„כי ידעתיו למען אשר יצוה את בניו ואת ביתו אחריו ושמרו דרך ה׳ לעשות צדקה ומשפט״. (י״ח י״ט.)

דען איך קען איהם, אַז ער וועט באפעהלען זיינע קינדער און זיין הויזגעזינד נאָך איהם, אַז זיי זאָלען היטען דעם וועג פון גאָט צו טהאָן רעכט און גערעכטיגקייט.

מיין ליעבער תלמיד:

דיינע הארציגע ווערטער און דיין הבטחה צו זיין אַ געטרייער שומר פון דרך ה׳, פון דרך התורה והמצוה, האָט אונז אַלעמען באַצויבערט. שטאָלץ מעגען דיינע ליעבע עלטערן זיין מיט דיר, שטאָלץ בין איך מיט דיר, און איך האָף און בין זיכער אַז דיין פייערליכע הבטחה היינטיגען טאָג וועסטו היטען און אויך זיין אַ שטאָלץ צו דעם אידישען פאָלק.

אַלס דיין מורה דרך, וועגווייזער, פיהל איך פאַר מיין פליכט דיר צו געבען אייניגע כללים, וועלכע זיינען נויטיג ווען מען וויל זיין אַ „הולך בדרך ה׳״, געהן אין גאָט׳ס וועג.

דו האָסט געזאָגט אַז דו ביזט: אַ „שומר דרך ה׳”, און איך זאָג: אַ „הולך בדרך ה׳”. אָבער היינו הך, ס׳איז איינס און דאָס זעלבע: דער וועלכער געהט אין גאָט׳ס וועג, היט ער איהר, און דער וועלכער היט איהר, געהט אין איהר.

און אַז דו וועסט מיינע כללים היטען, פאַרזיכער איך דיר דאָס: „אז תלך לבטח דרכך ורגלך לא תגוף” (משלי ג׳ כ״ג), „דאַן וועסטו זיכער געהן דיין וועג און דיין פוס וועט זיך ניט אַנשטויסען”.

ווי באַוואוסט האָבען מיר היינט: „טראַפיק-לאָאס”, וועג-געזעצען. ווען איינער וויל טרייבען אַ מאַשין, דאַרף ער זיי אויסשטודירען, האַלטען עקזאַמען פאַר די וועג-אויטאָריטעטען, און דאַן באַקומט ער אַן ערלויבעניש פאַר דעם.

אויף אַלע וועגען שטעהען פּאָליסלייט, שומרים, וועלכע גיבען אַכטונג דאָס די רייזענדע זאָלען היטען די וועג-געזעצען.

אויך שטעהען אויף אַלע וועגען, ביי יעדע עטליכע גאַסען, סלופּעס, אויף וועלכע עס געפינען זיך לאַמטערנעס, פון וועלכע עס שיינט אַרוים אַלע פּאָר מינוט אַ מאָל אַ רויטע ליכט און אַמאָל אַ גרינע ליכט.

דורך די ליכט ווערט געגעבען סיגנאַלען ווען מען מעג געהן און ווען ניט. „אַ רויטע ליכט איז אַ סיגנאַל, אַן הזהרה, צו סטאָפּען, ניט געהן”.

וועה איז צום מאַשין-טרייבער ווען ער באַמערקט ניט, בשוגג צי במזיד, דעם רויטען סיגנאַל און ער געהט; דאַן איז ער און אויך אַנדערע רייזענדע אין געפאַהר. אַמאָל ברייננגט עס טויט ר״ל, אַמאָל ווערט מען קאַליקעס. אויפ׳ן בעסטען אופן ווערט דער אויטאָמאָביל צושמעטערט אָדער אַזוי צושעדיגט אַז עס איז שוין שווער אויף איהם ווייטער צו פאָהרען, איבערהויפּט לאַנגע שטרעקעס אָדער מיט שווערע משאות. עס נעמט ניט לאַנג ביז וואַנען עס הערט אויף אין גאַנצען צו פאָהרען, ווערט אַוועקגעוואָרפען אַלס ברוך, דזשאַנק, אויפגעפרעסען פון זשאַווער, ראָסט. אוים מאַשין!

אמת, אַמאָל געלינגט דעם מאַשין-טרייבער אַדורכצופאָהרען די אונערלויבטע שטיקעל וועג; ער פרעהט זיך דאָס איהם האָט אָפּגעגאַלטען צו זינדיגען קעגען די וועג-געזעצען און ער איז אַדורך בשלום מיט גאַנצע ביינער. אָבער זיין שמחה איז ניט אויף לאַנג . . . הינטער־

זיין מאַשין יאָגט זיך אַנאַנדער מאַשין מיט די שומרי הדרך, פאָליציי; ער ווערט אָפּגעשטעלט; מען איז איהם מכבד מיט אַ טיקעט, פאַר־וויעסטקע, צו ערשיינען אין אַ באשטימטען טאָג אין געריכט, אָפּצו־געבען דין וחשבון פאַר זיין זינד פון עובר זיין קעגען די וועג־געזעצן, און ער באקומט זיין ריכטיגע שטראָף.

עס העלפען איהם ניט קיין תירוצים: דאָס ער האָט זיך געאיילט, ער האָט נויטיג געדאַרפט זיין צוליעב געשעפט אין אַ באשטימטען אָרט צו אַ באשטימטער צייט; אַניט האָט ער געקענט פאַרלירען געלט. זיינע תירוצים האָבען אַ קנאַפּע ווערדע. געזעץ איז געזעץ. געזעץ איז ניט געשריבען געוואָרען מיט אַ פאַלשער פעדער, דאָס ווער עס וויל זאָל עס מאַכען פאַר אַ שקר, און יעדערער דאַרף עס היטען, סיי ווען עס איז גוט פאַר איהם און סיי ווען ניט, און ער דאַרף ברייגנען קרבנות פאַר'ן אָפּהיטען דעם געזעץ.

געזעץ איז ניט קיין הענטשקעס, וועלכע דאַרפען זיך צופאַסען לויט יעדענס האַנד און פינגער. היינט וועט דער וועג־געזעץ ניט פאַסען פאַר איינעם וועט ער אויף איהם עובר זיין, מאָרגען וועט ער ניט פאַסען פאַר אַ צווייטען וועט ער עובר זיין. אַזוי אַרום וועט די וועג שטענדיג זיין בחזקת סכנה, פול מיט הרוגים ופצועים, פול באשפריצט מיט בלוט.

און אויב ער איז אַ פאַרשטענדיגער מענש וועט ער אנערקענען, אַז דער שופט וואָס האָט איהם באשטראָפט האָט געהאַנדעלט ריכטיג, פאַר זיין אייגענער טובה וועגען; און אַ צווייטען מאָל, ווען ער וועט דערזעהן דעם רויטען סיגנאַל, דערמאָנענדיג איהם אָן דעם געזעץ פון „לא תלך!" געה ניט! סטאָפּ! — וועט ער פאָלגען.

„אַ גרינע ליכט איז אַ סיגנאַל פאַר אַן ערלויבעניש צו געהן", דער וועג איז זיכער.

און ניט בלויז באדייטעט דער גרינער סיגנאַל אַז מען מעג געהן, נאָר אויך אַז מען מוז געהן — סיידען ווען עס האָט פאַסירט עפּעס אַ סיבה צו זיין מאַשין און ער קען ניט געהן. דאַן ווייזט ער אָן מיט זיין האַנד צו די הינטערשטע מאַשינעס, זיי זאָלען ניט קוקען אויף איהם און פאָרטזעטצען זייער רייזע — ווארום אויב איין מאַשין פון דער שורה זאָל בלייבען שטעהן אויף אַן אָרט שטערט ער דורכדעם די גאַנצע שורה פון אויטאָמאָבילען, וועלכע זיינען פאַראַן הינטער איהם. און דער צופה, פאָליסמאַן, בלאָזט זיין פייפעל און באפעהלט

איהם: „מוּאוו אַן!" באַוועג זיך! ריהר זיך! סיידען ווען עס קומט צו אַ שייד-וועג, קען ער זיך פאַרקירעווען אויף אַנאַנדער וועג און אַרויספאַלען פון דער שורה רייזענדע.

מיר איז אַמאָל אויסגעקומען צו פאָהרען אויף „ברוקלינער בריק", און איין מאַשין אין פראָנט פון אונז האָט זיך פלוצלונג אָפּגעשטעלט, ניט וואָרענענדיג די מאַשינעס הינטער איהם זיך אויך אָפּצושטעלען, איז די הינטערשטע מאַשין אַרויף אויף איהם. אַ קאַטאַסטראָפע איז געשעהן און פאַר אַ האַלבע שעה האָט דער טראַפיק אויפ'ן בריק זיך אָפּגעשטעלט. הונדערטע רייזענדע זיינען געשטראָנדעט געוואָרען. מענשען האָבען פאַרשפּעטיגט צו זייערע ביזנעס, אָדער ניט געקענט קומען צו זייערע היימען פאַר זייערע מאָלצייטען; פּאַציענטען צו זיי־ערע דאָקטוירים, אָדער דאָקטוירים צו זייערע פּאַציענטען; לעהרער און שילער צו זייערע שוהלעס; מחותנים צו חתונות; מענשען האָבען פאַרשפעטיגט צו ערשיינען אין געריכטען, פאַר וואָס עס האָט זיי ער־וואַרטעט אַ שטראָף; אַנדערע האָבען געפיהרט געלט אין בענק אום זייערע נאָוטס, וועקסלען זאָלען ניט פּראָטעסטירט ווערען, און זיי זאָלען ניט פאַרלירען זייערע עהרליכע נעמען; בקיצור, עס איז געווען אַ כאַאָס. דער וואָס האָט עס אַדורכגעלעבט קען האָבען וועגען דעם אַ באַגריף. און דאָס אַלעס האָט פּאַסירט ווייל איינעם האָט זיך פאַר־וואָלט אָפּשטעלען אין מיטען וועג און זיין אַ „יוצא מן הכלל". ער האָט זיך און זיין מאַשין צורואינירט און אויך אומגליקליך געמאַכט אַנדערע.

דארום מוז יעדערער, וועלכער וויל זעלבסטשטענדיג טרייבען אַ מאַשין אימער געדענקען דעם וויכטיגען כלל:

"Red—Stop! Green—Go!"

שטעל זיך אָפּ, דערזעהענדיג אַ רויטען פייער! געה, דערזעהענדיג אַ גרינעם פייער!

דאָס זעלבע, מיין ליעבער תלמיד, איז מיט'ן „דרך ה'" דער גאַנצער וועג איז מיט ליכט באַלויכטען. ווי דוד המלך ע"ה האָט געזאָגט:

„נר לרגלי דבריך ואור לנתיבתי" (תהילים קי"ט ק"ה).

„דיין וואָרט איז אַ ליכט פאַר מיין יעדען טריט, אַ באַלייכטונג פאַר מיין שטעג".

די ליכט זיינען אויך פון צוויי קאָלירען: „רויט און גרין". „די „רויטע ליכט" גיט אזהרות, ווארנונגען זיך צו היטען, סטאפען, ניט געהן, ניט טהאָן, „לא תעשה", „סור מרע".

שטעל אָפּ דיין „לעבענס-מאשין", האלט איהם איין, באהערש זיך, ווייל דער וועג פון זינד איז מסוכן׳דיג. וועה איז צום מענשען וועלכער פאָלגט ניט דעם סיגנאל פון „לא תעשה". ער צו׳ממית׳ט און צוקאַליעטשעט זיך און אנדערע. און אפילו ווען זיינע זינד זיינען ניט אַזעלכע, וואָס קומען דורך צוזאמענשטויסען מיט אנדערע רייזענדע, ווי רציחה, גניבה, גזילה, מחלוקות, שנאה אז"וו. זיינע עבירות זיינען פּריוואַטע, אָבער דורך זיינע תאוות צוברעכט ער, צורואינירט ער זיין לעבענס-מאשין, — זיין גוף, — אז עס איז איהם שווער אויף איהם צו פאָהרען; איבערהויפּט קען ער מעהר קיין שווערע משאות ניט פיהרען. ער האָט ניט מעהר קיין כח, קיין לעבענס-ענערגיע צו טהאָן שווערע אַרבייט, אונטערצונעמען גרויסע אונטערנעמונגען.

ווי דוד המלך ע"ה שטעלט פאָר אזא זינדיגען: אין מתום בבשרי מפני זעמך אין שלום בעצמי מפני חטאתי" (תהילים ל"ח ד'). עס איז קיין געזונטער פלאץ ניטא אין מיין קערפּער איבער דיין צאָרען, עס איז קיין פרידען אין מיינע גלידער איבער מיין זינד.

„כי עונותי עברו ראשי כמשא כבד יכבדו ממני".

ווארום מיינע זינד שטייגען איבער מיין קאָפּ. זיי זיינען מיר צו שווער, ווי א שווערע לאסט.

„הבאישו נמקו חבורתי מפני אולתי".

מיינע ביילען, וואונדען, פּוילען און רינען, איבער מיין נארישקייט.

„נעויתי שחתי עד מאד כל היום קודר הלכתי".

איך בין קרום געוואָרען און זעהר איינגעבויגען. איך געה אַרום אימער פאַרשווארצט.

„כי כסלי מלאו נקלה ואין מתום בבשרי".

מיינע געדערים זיינען פול מיט ענטצינדונג און אין מיין קערפּער איז קיין געזונטער אָרט ניטא.

„נפוגתי ונדכתי עד מאד שאגתי מנהמת לבי".

איך בין פאַרשמאַכטעט און זעהר נידערשלאַגען. איך האָב גע־שריען פון האַרץ־שמערצען.

„לבי סחרחר עזבני כחי ואור עיני גם הם אין אתי".

מיין האַרץ קראַנפּט, מיין קראַפט איז אַוועק, אויך דאָס ליכט פון מיינע אויגען האָב איך מעהר ניט.

„אוהבי ורעי מנגד נגעי יעמדו וקרובי מרחוק עמדו".

מיינע ליעבע און פריינד, — וועלכע האָבען גענאָסען פון מיר ווען איך האָב פאַרשווענדעריש געזינדיגט — שטעהען יעצט אין מיין אומ־גליק פון ווייטען. אויך מיינע נאָהענטע בלייבען פון ווייטען שטעהן.

„כי עוני אגיד אדאג מחטאתי".

מיינע זינד דערצעהל איך. איך בין באַזאָרגט פון מיין פאַרברעכען. אויף מיר איז דאָס אַלץ געקומען ווייל איך האָב זיך ניט צוגעהערט צו דער וואָרנונג פון רויטען סיגנאַל: „סור מרע!" „לא תעשה!"

אויף אַזאַ צובראָכענער מאַשין קען מען שוין קיין לאַנגע שטרעקע ניט פאָהרען, און פאַר דער צייט ווערט די מאַשין אַוועקגעשליידערט, ווי אַ שטיק ברוך, דזשאַנק, ווערענדיג צופרעסען פון ווערים, צוזשאַ־ווערט און צופוילט.

עדות אויף דעם זיינען די צעהנדליגער טויזענטער פריהצייטיגע קברים פון די, וועלכע האָבען מיט זייערע אייגענע גיערדיגע צייהן אויפ־געפרעסען זייער יונג פליייש; און מיט זייערע זינדיגע, ליידענשאַפט־ליכע ליפּען אויסגעזויגען זייער פריש בלוט, און אויסגעשמאָטשקעט זייער זאַפטיגען מאַרך פון די ביינער; און מיט זייערע אייגענע הענד געגראָבען זייערע יונגע קברים.

און אפילו ווען עס פּאַסירט אַז עס גליקט אָפּ דעם געזעץ־פאַר־ברעכער פון גאָט'ס וועג צו פאָהרען מיט זיין לעבענס־מאַשין אויפ'ן לעבענס־וועג, זאָגאַר ווען עס זיינען דאַ רויטע סיגנאַלען פון „סור מרע".

און: „שמח בחור בילדותך ויטיבך לבך בימי בחורותיך והלך בדרכי לבך ובמראה עיניך".

פרעה דיך, יונגער מאַן, אין דיין קינדהייט. לאָז דיין האַרץ וואויל געהן אין די טעג פון דיין יוגענד, און געה אין די וועגען פון דיין

האַרצען און וואָס דיינע פאַרפיהרערשע אויגען ווייזען דיר. דיר האָט זיך איינגעגעבען עובר צו זיין אויף די וועג-געזעצען און עס האָט דיר גאָר ניט געשאַדט. אָבער, מיין פריינד, פרעה זיך ניט אַזוי. ווען דיינע תאוות וואָלטען ניט פאַרבלענדעט דיינע אויגען וואָלסטו זעהן אַז הינטער דיר לויפען נאָך שומרים, וועלכע וועלען דיר באַלד דערלאַנגען אַ טיקעט, אַ פאָוויעסטקע און זאָגען דיר:

„ודע כי על כל אלה יביאך האלקים במשפט" (קהלת י"א ט'), זויים, אַז אויף דעם אַלעמען וועט דיר גאָט, דער שופט כל הארץ, ברייגגען פאַר אַ געריכט, און וועסט דאַרפען אָפּגעבען דין וחשבון. דער לעבענסוועג איז ניט קיין הפקר'דיגער, דאָס יעדער איינער זאָל מעגען פאָהרען ווי איהם ווילט זיך.

קיין תירוצים וועלען ניט העלפען. דו וועסט ניט קענען טענה'ן: „ה' נגדך כל תאותי" (שם), „אַ גאָט! דיר איז דאָך באַוואוסט מיינע ליידענשאַפטען". און זיי, די ליידענשאַפטען, האָבען מיר געטריבען, געיאָגט, ניט געגעבען קיין מנוחה, מיר ניט געלאָזט איינשטעהן אויף אַן אָרט צו באַטראַכטען די סיגנאַלען; זיי, די ליידענשאַפטען, האָבען מיר געמאַכט ווי אַ שטורם-לויפענדער פערד אין מלחמה, און איך בין גאָר ניט שולדיג אין מיינע זינד.

„הקשבתי ואשמע לא כן ידברו, אין איש נחם על רעתו לאמר: מה עשיתי" (ירמיהו ח' ו').

איך האָב געהאָרכט און זיך צוגעהערט, ניט די ריכטיגקייט רעדען זיי. קיינער האָט ניט חרטה אויף זיין שלעכטיגקייט צו זאָגען: וואָס האָב איך געטהאָן?

און אַז מען רעדט צו זיי און מען דערמאָנט זיי און מען וואָרענט זיי וועגען זייער זינד און שלעכטיגקייט, דאַן:

„כלה שב במרוצתם" — קערט זיך יעדערער אַוועק אין זיין געלאַף, — ווילען ניט הערען, זיך פאַרענטפערענדיג אַז זיי זיינען:

„כסוס שוטף במלחמה" — ווי אַ פערד וואָס יאָגט זיך אין מלחמה.

און אין מלחמה איז ניטאָ קיין צייט זיך אָפּצושטעלען און טראַכטען ווי צו געהן, ווען צו געהן און וואו צו געהן. אין אַ מלחמה, ווען די פערדישע מלחמה-ליידענשאַפטען ברענען, מוז מען לויפען, גאַלאָפּירען. אין אַ מלחמה קוקט ניט דער פערד אויפ'ן צאַם אין זיין מויל; און אויך

ניט אויפ'ן צאַם, פאַרקאַן פאַר איהם, — ער שפּרינגט איהם אַריבער. נאָכמעהר קוקט ניט דער פערד אויף די רויטע סיגנאַלען אויפ'ן וועג.

דער היינטיגער לעבען איז אויך אַ ליידענשאַפטליכע מלחמה, און די ליידען פון לעבענס-קאַמפף זיינען שטאַרק; און נאָך שטאַרקער זיינען די תאוות פאַר די שלל המלחמה, פאַר געלט, פאַרגעניגענס, לוקסוס אז"וו. און דעריבער, רבש"ע, האָב איך ניט געקענט קוקען אויף די דינים גדרים וסיגים פון „סור מרע", ווענען וועלכע די רויטע סיגנאַלען אויף דיין געטליכען וועג וואַרענען.

דו וועסט אויך ניט קענען זאָגען אַ תירוץ: רבש"ע, שופט כל הארץ. ווען איך זאָל שוין אפילו וועלען מיינע פערדישע מלחמה-ליידענשאַפטען איינצאַמען. אָבער:

„ואנחתי ממך לא נסתרה".

„מיינע זיפצען און קרעכצען זיינען פון דיר ניט פאַרבאָרגען".

דו ווייסט דאָך מיינע שמערצען, מיינע עקזיסטענץ-שוועריגקייטען, מיינע דאגות הפרנסה און די אַלע פאַרשידענע לוקסוסען וואָס דער מאָדערנער לעבען פאָדערט.

ווען איך בין אויפגעשטאַנען אין דער פריה האָב איך געמוזט גע־שווינד כאַפּען מיין פריהשטיק און גלייך ראַשען, איילען, לויפען צום לעבענס-קאַמפף, און איך האָב זיך ניט געקענט אָפּשטעלען צו זעהן דעם רויטען סיגנאַל: סטאָפּ! אייל זיך ניט!

„לא תאכלו על הדם!" (ויקרא י"ט).

„לא תאכלו קודם שתתפללו על דמכם!" עס ניט! איידער דו לייגסט טלית ותפילין און בעטסט צו גאָט פאַר דיין בלוט. עס ניט! איידער דו באַדאַנקסט איהם פאַר דיין לעבען, פאַר דיין נשמה, וועלכע ער האָט דיר צוריקגעקערט אַ געזונדע, אַ פרישע, כדי דו זאָלסט קענען איצטער עסען און טרינקען און לויפען צום לעבענס-קאַמפף.

„ואנחותי ממך לא נסתרה",

פון דיר, רבש"ע, איז דאָך ניט פאַרבאָרגען מיינע שמערצען, מיינע אָנשטריינגונגען, מיין ביטערער קאַמפף פאַר „מאַכען אַ לעבען".

און דארום:

„ומשבתותי העלימו עיניהם" (יחזקאל כ"ב, כ"ו, האָב איך געמוזט פאַרהעהלען מיינע אויגען פון שבת סיגנאַל.

איך האָב ניט געקענט זעהן דעם גרויסען הימעלשען רויטען סיגנאַל פון דער פאַרגעהענדער פייערדיג-רויטער זון, וועלכע האָט געוואָרענט:

סטאָפּ! שבת היום לה' אלקיך! היינט איז שבת! דער טאָג באַלאַנגט צו דיין גאָט! דער טאָג איז ניט דיינער, און ער פאַרלאַנגט אַז אין זיין טאָג שבת:

„לא תעשה כל מלאכה" זאָלסטו ניט טהאָן קיין אַרבייט!

„ראו! כי ה' נתן לכם השבת" (שמות ט"ז, כ"ט). זעהט! גאָט האָט צו אייך געגעבען דעם שבת. צו אייך, פאַר אייך, ניט פאַר קיין אַרבייט.

שבו איש תחתיו! אל יצא איש ממקומו ביום השביעי (שם). זיצט איטליכער אויף זיין אָרט! קיינער זאָל ניט אַרויסגעהן פון זיין אָרט אין דעם זיעבעטען טאָג!

„ואנחתי ממך לא נסתרה".

פון דיר, רבש"ע, איז דאָך ניט פאַרבאָרגען מיין שווערע אַרבייט, פּראַצע און פאַריאַגטקייט. און ווען איך האָב דערפיהלט הונגער, אַ שוואַכקייט אין האַרץ, האָב איך געמוזט געשווינד לויפען „כאַפּען אַ ביים" אום צו קענען צוריק קומען אין צייט צו דער אַרבייט. איך האָב קיין צייט געהאַט צו געהן פּאַמעלאַך און באַטראַכטען די סיינס וואו עס איז דאָ כשרה שפּייז.

איך האָב קיין צייט געהאַט צו באַמערקען דעם סיגנאַל פון „טרפה לא תאכלו!" איהר זאָלט קיין טריפה ניט עסען! ווארום ניט אַראָפּשלינגענדיג אפילו ריכטיג דעם ביסען פון חזיר, שקץ ועכבר און נבלה וטרפה'דיגע סענדוויטשעס האָב איך שוין געמוזט ווידער לויפען צו מיין אַרבייט, צום לעבענס-קאַמפּף.

„ואנחתי ממך לא נסתרה",

פון דיר, רבש"ע, איז ניט פאַרבאָרגען מיינע זיפצען, מיין צער פון גידול בנים אין אַמעריקע. מען מוז קינדער מאַכען פאַר מענשען. געבען זיי אַ גוטע ערציהונג, אַ קאַלעדזש בילדונג, זיי צוצוגרייטען צום שווערען לעבענס-קאַמפּף, מאַכען זיי פאַר דאָקטוירים, לאָיערס, דראָ-

גיסטען. און איך פלעג קרעכצען און זיפצען אונטער'ן שווערען יאָך פון די גרויסע הוצאות, צעהנדליגער דאלער אַ וואָך, וואָס דאָס האָט מיר געקאָסט, טו ווי אַזוי האָב איך נאָך געקענט זיי שיקען אין אַ חדר און צאָהלען אַ דאלער אָדער אַ האַלבען שכר לימוד? ובפרט אַז די צייטען זיינען אַזעלכע שווערע, דעפּרעסיע.

„ואנחתי ממך לא נסתרה",

ווי אַזוי האָב איך געקענט באַלאַנגען צו אַ שוהל און צאָהלען דיוס, אַז מיר איז אָנגעקומען אַזוי שווער צו צאָהלען מיינע דיוס אין מיינע סאָסייעטים, לאָדזשעס, קלובס, וואו איך האָב געמוזט באַלאַנגען. אַ מענש דאַרף דאָך זיין געזעלשאַפטליך. און דאָרטען האָב איך געקענט אַמאָל קומען בארוהיגען מיינע אָנגעשטריינגטע נערוועז, שפּיעלען אַ קערטעל אָדער אַנאַנדער שפּיעל. אַ מענש מוז דאָך האָבען רעקריאיישאַן, ער-האָלונג, פאַרוויילונג, אַניט קען מען דאָך פאַלען ווי אַן אָקס אין דער סאָכע.

„ואנחתי ממך לא נסתרה",

ווי אַזוי האָב איך געקענט געהן ימים נוראים אין אַ שוהל קויפען טיקעטס פאַר מיר, פאַר מיין ווייב און קינדער אום מתפלל צו זיין אין אַ מקום קדוש און באַצאָהלען אַ הויכען פּרייז, אַז אַ גאַנצען יאָהר האָב איך זיך אונטערגעבראָכען פון דער שווערער משא פון טיקעטס פאַר מיר און מיין פאַמיליע: טהעאַטער טיקעטס, פּיקטשור טיקעטס, טיקעטס פאַר טענץ, בעלער, פאַיטס, רעיסעס, און איך האָב געמוזט באַנוגענען זיך מיט אַ טיקעט אין מאַשרום-שוהלען, וואו עס האָט געקאָסט ביליגער, ניט מעהר ווי אַ טיקעט להבדיל צו אַ געוועהנליכער שאָו, פאַרשטעלונג.

אָבער, ווי געזאָגט, תירוצים וועלען ווינציג העלפען. „געזעץ איז געזעץ". געזעץ ווערט ניט געשריבען מיט אַ פאַלשער פעדער.

ווארום דער וועלט-ריכטער וועט ענטפערען:

„גם חסידה בשמים ידעה מועדיה" (ירמיה ח' ז'), „אפילו דער שטאָרך אין הימעל ווייס זיין געשטעלט צייט". ווען ער דאַרף פליהען, ווען ניט. דאָסגלייכען: „ותור וסים ועגור שמרו את עת באנה", „די טורטעל-טויב און די שוואַלב און דער בושעל היטען די צייט פון זייער קומען". ווען מען ווייזט זיי דעם סיגנאַל פון פליהען און קומען, קומען זיי, און ווען מען הייסט זיי ניט געהן, געהען זיי ניט. אָבער:

„ועמי! לא ידעו את משפט ה׳״, נאַר מיין פאָלק! ווייסט ניט דאָס געזעץ פון גאָט . . . מיין „עם חכם ונבון! מיין ממלכת כהנים וגוי קדוש! ווייסט ניט זיינע סיגנאַלען, זיינע באַשטימטע וועגען און באַשטימטע צייטען . . .

דאַמאָלס: „הובישו חכמים״, פאַרשעמט זיינען געוואָרען די חכמים. „חתו וילכדו״, דערשראָקען און באַצוואונגען. „הנה בדבר ה׳ מאסו״, זעה! דאָס וואָרט פון גאָט האָבען זיי פאַראַכט. „וחכמת-מה להם״ (שם), און וואָסערע חכמה איז ביי זיי? !

דער אמת׳ער תירוץ, ווארום זיי זיינען אַריבערגעלאָפען די רויטע סיגנאַלען זיינען: ווייל זיי האָבען פאַראַכטעט, פאַרהאַסט גאָט׳ס וואָרט. ווייל זיי זיינען שוטים . . .

די „גרינע ליכט״ אויפ׳ן דרך ה׳ הייסען: „געה״, „עשה טוב״, טהו גוטעס. זיי מקיים די מצוות עשה.

„כה אמר ה׳״, אַזוי האָט גאָט געזאָגט:

„עמדו על דרכים וראו!״ שטעהט אויף די וועגען און זעהט „ושאלו לנתיבות עולם!״ און פרעגט נאָך אויף די אַלטע אויביגע שטעגען: „אי זה דרך הטוב? וועלכער איז דער גוטער וועג? „ולכו בה ומצאו מרגוע לנפשכם״, געהט אויף איהר און איהר וועט געפינען רוהע פאַר אייער זעעלע . . . (ירמיהו ו׳ ט״ז.)

און די גרינע ליכט פון מצוות עשה, וועלכע זאָגען: „לכו בה!״ געהט אויף דעם וועג! באַדייטען ניט בלויז: איהר קענט געהן! נאָר איהר מוזט געהן! ווארום אויב איינער בלייבט שטעהן, איז אויסער די סכנה וואָס קען פאַסירען ח״ו צו איהם, שטעלט ער אָפּ די גאַנצע שורה רייזענדע, דעם גאַנצען ציבור, וועלכע זיינען הינטער איהם, וועלכע קוקען אויף איהם און וואַרטען אויף זיין באַוועגונג.

און אַז ער סטאָפּט און זאָגט „לא אלך״, איך וועל ניט געהן מיט׳ן ציבור, איז: „ויאמרו לא נלך״ (שם), זאָגען זיי, דער ציבור, אויך: „מיר וועלען ניט געהן״. אויב ער, וועלכער פאַרמאָגט אַ רייכע, שטאַרקע לעבענס-מאַשין, מיט אַ סך אויל, געזאָלין אין טאַנק, רעזערוואואַר, וויל ניט געהן מיט׳ן ציבור, טו ווארום זאָלען מיר געהן? אויב ער, דער גביר, וועלכער זיצט באַקוועם און זאַט אין זיין וואַרימער, ווייך-אויסגעבעטער, לוקסוריעזער לעבענס-מאַשין, וויל קיין צדקה ניט געבען, וויל ניט אויס-

שטרעקען זיין האנד צו העלפען, טו ווארום זאלען מיר, האלב-זאטע, האלב-הונגעריגע, וועלכע פאהרען אין צובראכענע, הארטע, קאלטע, לע-בענס-מאשינקעס, וועלכע טראסקען און קלאפען, ווארפען און שליי-דערען, מיט ווינציג געזאלין, עס טהאן? און כאטש:

„והקימותי עליכם צופים", גאט שטעלט אויף אין יעדען דור און ארט אויפ'ן דרך ה' וועכטער: רבנים, מנהיגים, כלל-טהוער, עוסקים בצרכי צבור, וועלכע בלאזען מיט'ן שופר און רופען: „הקשיבו לקול שופר!" פארנעמט די שטימע פון שופר! וועלכע וועקט אייך, זאגט צו אייך: „לכו!" געהט! מואוו-אן! באוועגט זיך! אבער: „ויאמרו לא נקשיב (שם י"ז), זיי זאגען: „מיר וועלען ניט פארנעמען".

פארשטעהט זיך, אז אויב זיי פארנעמען ניט און ווילען ניט געהן, געהען ניט אויך זייערע נאכפאלגער. וואלטען זיי ארויס פון דער שורה, זיך אפגעקערט אויף אנאנדער וועג, געוועזן איינגאנצען פורשים מן הציבור, וואלט די סכנה ניט געוועזן אזוי גרויס, ווייל די אנדערע הינטער זיי וואלטען קענען געהן, זיך באוועגען; דער אומגליק איז אבער וואס זיי שטעהען אין שורה, געהען זעלבסט ניט און לאזען ניט אנדערע געהן; האלטען זיך פאר גוטע אידען, פרומע אידען, ארטהאדאקסישע אידען, שוהל-אידען, נאציאנאלע אידען, און מישען זיך אומעדום, און ווען מען רעדט מיט זיי זאגען זיי: „חכמים אנחנו ותורת ה' אתנו" (ירמי' ח' ה'), „מיר זיינען קלוג און גאט'ס לעהרע איז מיט אונז".

אבער דער אמת איז: קלאגט דער נביא:

„אכן הנה לשקר עשה עט שקר סופרים" (שם), פארוואר, זעה, פאלש, אומנישט האט געארבייט די פאלשע פעדער פון די שרייבער", די פען מיט וועלכער גאט האט געשריבען די תורה איז, כביכול, א פאלשע. די פענס מיט וועלכע אונזערע חכמים און נביאים האבען גע-שריבען זייערע נביאות און תורה שבעל פה זיינען פאלשע.

זיי, „וועלכע זאגען אז זיי זיינען חכמים, גאט'ס תורה איז מיט זיי", מיינען עס ניט. זיי זאגען עס נאר מיט די ליפען, אבער פאקטיש באווייזען זיי מיט זייער ניט וועלען געהן מיט'ן ציבור, בשורה, אז די תורה איז ח"ו א פאלשע, די מצוות — ליגענס, און די פעדער, מיט וועלכער די תורה איז געשריבען געווארען, איז א פאלשע, א ליגנערשע. אנדערש קענען ניט ערקלערט ווערען די סבות פון זייער ניט וועלען געהן מיט'ן פאלק, פאר זייער ניט וועלען פאלגען די מצוות פון דער

תורה, פאַר זייער ניט וועלען געהן זעהענדיג אַ „גרינע ליכט", וואָס באפעהלט: „עשה טוב!" לכו!" „געהט! טהוט גוטס!"

דער אמת איז אַז:

„בדבר ה' מאסו וחכמת מה להם" (שם), גאָט'ס וואָרט האָבען זיי פאַרהאַסט, וועלכע קלוגשאַפט האָבען זיי?!

אָט די דאָזיגע, וועלכע האַלטען זיך פאַר חכמים און זאָגען אַז גאָט'ס תורה איז מיט זיי, און וועלכע:

„וירפו את שבר בת-עמי על נקלה לאמר שלום שלום ואין שלום" (שם), וואָס היילען דעם בראָך פון דער טאָכטער פון מיין פאָלק גאַנץ לייכט, זאָגענדיג: פריעדען, פריעדען, — מען דאַרף ניט געהן, מען דאַרף ניט העלפען, געבען, שטיצען — ווען פריעדען איז ניטאָ, ווען אין דער אמת'ן הערשט חורבן, כאַאָס אומעדום.

זיי, די „סלעקערס", די וועג-פאַרהאַלטערס, האָבען דאמאָלס אין ירמיהו הנביא'ס צייטען געבראַכט חורבן צו דעם לאַנד, בית המקדש, פאָלק, און זיי זיינען עס די מחריבים אין אַלע צייטען און אין אַלע לענדער.

דעם חורבן, וואָס עס האָבען גורם געווען אין דער אידישער וועלט די אַטהעאיסטען, אפיקורסים, ראַדיקאַלען, וואָס האָבען געבראַכען דעם וועג-געזעץ פון „סור מרע", פון דעם רויטען ליכט-סיגנאַל, מאַכענדיג יום-כפור-פיקניקס אָדער חמץ'דיגע פיקניקס פאַר די שוהלען, איז געווען אַ סך קלענער ווי דער חורבן וואָס עס ברייגנען די, וועלכע שרייען אַפּאַטיש: „פריעדען, פריעדען", און ווילען זיך ניט באַוועגען, ניט טהאָן קיין זאַך, אַז אידען זאָלען קענען פאָרטזעטצען זייער רייזע אויפ'ן דרך ה', ווען דער גרינער סיגנאַל פון „ועשה טוב" הייסט געהן.

ניט די „רויטע געזעץ-ברעכער" האָבען געבראַכט, אַז אין אַמע־ריקע זאָלען שוהלען אונטערגעהן, פאַרקויפט ווערען ביי אָקשאָנס, ליציטאַציעס, ת"ת געשלאָסען און ישיבות צוגענומען ווערען ביי מלוים, מאָרגיידזשירער;

ניט די „רויטע געזעץ-ברעכער" האָבען גורם געווען, אַז רבנים, ראשי ישיבות, לעהרער, חזנים, שוחטים און אַנדערע כלי קודש זאָלען דאַרפען ליידען דחקות, נויט, און פיעל מאָל הונגער און קעלט, אין דער

רייכער זאַטער אַמעריקע, און מיט בלאַסע פּנים'ער, פאַרשמאַכטע הער־צער, בלוטלאָזע ליפּען לערנען תורה מיט אומשולדיגע, אידישע, קליינע קינדער, און מאַכען הערען גאָט'ס וואָרט צו די אַלטע, פאַרנאַרישטע, שולדיגע אין דער קריטישער לאַגע, קינדער.

ניט די רויטע געזעץ-ברעכער פון יוניאַן סקווער אָדער פון מאָסקאָ־זוער קרעמלין האָבען גורם געווען, אַז ארץ ישראל זאָל ניט קענען געבויט ווערען ווי די אידישע נויט פאָדערט אין יעצטיגען מאָמענט, ווען אידען געהען אונטער אין פיעלע גלות - לענדער.

ניין, ניט צו זיי קען צוגעשריבען ווערען דער גאַנצער חורבן פון אַלץ וואָס איז ביי אונז הייליג און טהייער, דורך זייער ניט היטען דעם „סור מרע", וועגען וועלכע די רויטע ליכט-סיגנאַלען וואָרענען.

אמת, זיי האָבען געבראַכט חורבן, מען קען עס ניט לייקענען, אָבער זייער חורבן איז אַ סך קלענער פון דעם חורבן וואָס עס האָבען געבראַכט און ברייגגען אַ גרויסער מאַיאָריטעט פון אונז וועלכע זיינען:

„גרינע סיגנאַלען געזעץ-ברעכער". פאַר ניט פאָלגען דעם: „ועשה טוב"; וועלכע זאָגען: אַז זיי זיינען חכמים און גאָט'ס תורה איז מיט זיי . . .

וועלכע ווילען ניט געהן ווען מען דאַרף און מען מוז געהן, און מאַכען אַז אַנדערע זאָלען אויך ווערען אַפּאַטיש, מוטהלאָז, קאַלטבלוטיג און ניט וועלען געהן מיט'ן ציבור, געבענדיג אַ תירוץ:

„אויב יענער, וואָס איז פאַר איהם, וואָס איז אין מזרח, אין פראָנט פון ציבור, געהט ניט, ריהרט זיך ניט פון אָרט, וויל איך אויך ניט געהן; אויב יענער, ווען עס איז גרינג צו געבען, העלפען, וויל ניט, טו ווארום זאָל איך עס טהאָן?

דארום מוז יעדער עהרליכער, אחריות'דיגער, געטרייער און איבער־געבענער איד, — וואָס געהט אמת'דיג ובלב תמים אויפ'ן דרך ה', וואָס וויל ניט ח"ו צורואינירען זיין אויביגקייט, גורם זיין חורבנות צו אַנ־דערע, צום פּרט אַזוי ווי צום כלל, וועלכער וויל אַז דער געטליכער דרך ה' זאָל זיין זיכער, — געדענקען דעם כלל:

„סור מרע! ועשה טוב!" . . .

"Red Stop! Green Go!"

נאָך אַ געזועץ איז פאַראַן: דאָס זאָגאַר ווען איינער ווייסט אַלע טראַפיק-געזעצען, דאָך קען ער נים באקומען קיין „לייסענס", ערלויבע-ניש, זעלבסט צו טרייבען אַ מאַשין, ווען ער איז נאָך מינדער-יעהריג, פאַר אַכצעהן יאָהר.

דאָס גלייכען אויפ'ן דרך ה' קען מען נים אַנפאַרטרויען אַ מינדער-יעהריגען, אַ קטן, צו טרייבען זיין גייסטיגע לעבענס-מאַשין.

די ערלויבעניש ווערט צו איהם געגעבען ווען ער ווערט פול-יעהריג, אַ גדול, אַ בר מצוה.

און היינט, צו דיין בר מצוה, גיבען מיר דיר אַן ערלויבעניש, לויט די געזעצען פון אונזער תורה, זעלבסטשטענדיג צו פאָהרען אויפ'ן דרך ה'.

איך בין זיכער, מיין ליעבער תלמיד, אַז מיין לעהרע פון „סור מרע ועשה טוב" — רעד-סטאָפּ, גרין-גאָו, וועסטו שטריינג היטען.

און כדי דו זאָלסט געהן ריכטיג, נים זיין קיין געזעץ-ברעכער, ביזטו מחויב יעדען טאָג פון דיין לעבענס-וועג, אויסער שבתים וימים טובים, טראָגען תפילין. די תפילין זיינען די אותיות, צייכענס, סיגנאַלען דיר צו ווייזען דיין וועג. און דארום רופען זיך די תפילין „אות", ווי עס שטעהט אין פסוק:

„וקשרתם לאות על ידיך והיו לטוטפות בין עיניך".

זיי זאָלען זיין פאַר דיר אַן אות, אַ סיגנאַל, אַ צייכען:

„בשבתך בביתך ובלכתך בדרך ובשכבך ובקומך" (דברים ו' ז').

זיצענדיג אין דער היים און געהענדיג אין וועג; ווען דו לעגסט זיך שלאָפען און גלייך ווי דו שטעהסט אויף.

„די תפלה של יד איז דער רויטער סיגנאַל", וועלכער וואָרענט: „סור מרע!" מייד אוים שלעכטע, סכנות'דיגע וועגען!

ווי עס ווערט געזאָגט אין לשם יחוד פאַר תפילין לעגען:

„וצונו להניח על היד וג"ו ושהיא נגד הלב לשעבד בזה תאות ומחשבות לבנו לעבודתו יתברך שמו".

„און גאָט האָט אונז פאַרזאָגט צו לעגען תפילין אויפ'ן האַנד, וועלכע איז קעגען דעם האַרץ, כדי אונטערצודריקען די תאות און שלעכטע

מחשבות פון האַרצען, דינען גאָט דורך „סור מרע", היטען די מצוות לא תעשה, ווען די ליידענשאַפטען פון האַרצען ווילען זיך צובושעווען, צוביעגען און ווילען עובר זיין אויף די מצוות פון דרך ה', איינרעדענדיג זיך:

„שלום יהיה לי כי בשרירות לבי אלך" (דברים כ"ט י"ח).

פריעדען וועט צו מיר זיין, זאָגאַר ווען איך וועל נאָכגעהן דעם פאַרלאַנג פון מיין האַרצען, זאָל דאמאָלס די תפילה של יד געבען אַ סיגנאַל צו דיר, וואָרענענדיג דיר:

„ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם אשר אתם זונים אחריהם" (במדבר ט"ו ל"ט), און איהר זאָלט ניט אָפּקערען נאָך אייערע הערצער און נאָך אייערע אויגען, וואָס איהר קערט אָפּ נאָך זיי.

„די תפלה של ראש איז דער גרינער סיגנאַל", וועלכער באַפעהלט „עשה טוב!" דער וועג איז זיכער, געה!

„ועל הראש נגד המח שהנשמה שבמוחי עם שאר חושי וכחותי כלם יהיו משעבדים לעבודתו יתברך שמו".

און מיר לעגען תפילין אויפ'ן קאָפּ, קעגען מח, כדי די נשמה אין מיין מח מיט אַלע מיינע חושים און כחות זאָלען זיין אונטערטעניג צו גאָט'ס דינסט, צו געהן אין זיין הייליגען דרך. דינען גאָט דורך „עשה טוב", היטען די מצוות עשה.

און וויל, ווי געזאָגט, די תפילין זיינען די סיגנאַלען אויפ'ן דרך ה', דארום איז דער דין:

„חייב אדם למשמש בתפילין בכל שעה שלא יסיח דעתו מהם" (או"ח הלכות תפילין כ"ח ס"א).

„אַ מענש איז מחויב אַ טאָפּ צו טהאָן אַלע ווייל זיינע תפילין, אום ער זאָל אין זיי ניט פאַרגעסען". ווארום אַז מען פאַרגעסט, מ'איז מסיח דעת פון די טראַפיק - סיגנאַלען, קען ח"ו געשעהן אַ קאַטאַסטראָפע.

וימשמש של יד תחלה, וכשיאמר: „וקשרתם לאות על ידיך" ימשמש בשל יד, וכשיאמר: „והיו לטוטפות בין עיניך" ימשמש בשל ראש (שם).

פריהער זאָל ער אַ טאָפּ טהאָן דעם של יד, זאָגענדיג: „וקשרתם לאות על ידיך", דאַן זאָל ער אַ טאָפּ טהאָן דעם של ראש, זאָגענדיג: „והיו לטוטפות בין עיניך".

פריהער מוז דער מענש זיין „אסור מרע", ניט פאַרגעסען, מסיח דעת זיין פון דעם רויטען ליכט-סיגנאַל. דערנאָכדעם קען ער הייבען זיין האַנד העכער, טאַפּען, פיהלען דעם של ראש, זיין אַן „עשה טוב".

פריהער: „וקשרתם לאות על ידיך". דערנאָכדעם: „והיו לטוטפות בין עיניך".

און אַז דו וועסט גוט אַכטונג געבען אויף די ליכט-סיגנאַלען: „אז תלך לבטח דרכך ורגלך לא תגוף" (משלי ג' כ"ג).

דאַן וועסטו זיכער געהן דיין וועג און דיין פוס וועט זיך **ניט אָנשטויסען.**

כי ה' יהיה בכסלך ושמר רגלך מלכד" (שם).

„ווארום גאָט וועט דיין שטיצע זיין, און וועט היטען דיינע פיס פונ'ם נעץ.

וויל איינער זיין מיט אַן אמת אַ „הולך בדרכי ה'", אַ „שומר דרכי ה'", שטיצט איהם ג' און היט איהם אַז ער זאָל ניט געשטרויכעלט ווערען און קענען זיין אין דעם גאַנצען לעבענס-לויף, לעבענס-וועג אַן אמת'ער בר מצוה.

א"ה: לימים נוראים יכולים להתחיל בפסוקים: „אור זרוע לצדיק ולישרי לב שמחה". „כי ישרים דרכי ה' צדיקים ילכו בם ופושעים יכשלו בם". ולא רציתי להאריך. והבן.

דרוש ט״ז לפ׳ וירא, ולפ׳ לך.

לוט דעם צבוע׳יאקס שטראף

פ׳ לוט האָט מען געלייענט אַלע שבת אין די שוהלען. ווארום? ווי דאַרף מען האַנדלען מיט עושי מעשה זמרי ומבקשים שכר כפנחס? ווי לוט פאַרפיהרט זיינע טעכטער. לוט חלש׳ט נאָך אַביסעל ווייז. ווי אַזוי די טעכטער האָבען געפונען וויין. דער ויכוח צווישען די שוועסטער. די שטימע וואָס רבה בר בר חנה האָט געהערט פון קורח׳ס קבר. די שטימע וואָס הערט זיך פון לוט׳ס רעפאָרמירטען און אַסימי־ליאַטאָרישען קבר איז: אברהם ואלקיו ותורתו אמת ואנו בדאין!

„לתאוה יבקש נפרד ובכל תושיה יתגלע" (משלי י״ח א.) „צו ערפילען זיינע פארלאַנגען זוכט דער אָפּ־געשיידעטער און צוליעב דעם ווערט זיין נאָמען פאַר־מיאוס׳ט אומעדום וואו אידען פארזאמלען זיך צו הערען תורה און דרשות". (רש״י שם.)

אונזערע חכמים האָבען אויף דעם פסוק געבויט פאָלגענדע דרשות:

„לתאוה יבקש נפרד זה לוט שנתאוה לבנותיו".

מיט׳ן וואָרט „נפרד", אָפּגעשיידעטער, מיינט מען לוט׳ן, וועלכער האָט זיך אָפּגעשיידעט פון אברהם. כמ״ש: „ויפרדו איש מעל אחיו". און די אורזאַכע ווארום ער האָט זיך אָפּגעשיידט איז וויל ער האָט געזוכט תאוה.

ר׳ יודא דמן גלוי ור׳ שמואל בר נחמן זאָגען אין נאָמען פון ר׳ אליהו אַזוי:

„אין אנו יודעים אם לוט נתאוה לבנותיו או בנותיו נתאוו לו?" מיר ווייסען ניט ווער צו וועמען האָט געגלוסט, צי לוט צו די טעכטער, אָדער פאַרקערט, די טעכטער צו איהם.

אָבער: „מן מה דכתיב", פון דעם וואָס עס שטעהט געשריבען: „לתאוה יבקש נפרד", אַז דער נפרד האָט געזוכט תאוה. לערנען מיר

אָפּ אַז: „לוט נתאוה לבנותיו ובנותיו לא נתאוו לו", לוט האָט צו די טעכטער געהאַט תאוה, אָבער ניט די טעכטער צו איהם. זייער זינד איז געווען ריין, הייליג, לש"ש.

דערפאַר איז לוט'ס שטראָף אַז: „ובכל תושיה יתגלע", אין אַלע פאַרזאַמלונגס-פּלעצער זאָל ער ווערען פאַר'מיאוס'ט. (גלע הוא מלשון געל — תיאוב, ומיאוס, והתרחקות, פירש מהרז"ו שם.)

ווי אַזוי איז לוט געוואָרען מבוזה?

אויף דעם ערקלערט ר' תנחומא בר ר' חייא בשם ר' הושעיא תורגומנא אַזוי: „אין לך כל שבת ושבת שאין קורין בה פרשתו של לוט". יעדען שבת פון יאָהר דאַרף מען לייענען די פרשה, אין וועלכער עס ווערט דערצעהלט פון לוט'ס זינד. אַזוי איז דאמאָלס געווען אַ תקנה. (עיין במתנת כהונה וביפה תואר שם.) פאַרוואָס איז דאמאָלס אַזאַ תקנה געמאַכט געוואָרען? ערקלערט דער ספר נזה"ק אַזוי: (מובא בעץ יוסף על עין יעקב.) אַזוי ווי שבת איז דאָך אַ טאָג פון תענוג, פון עסען און טרינקען, קען דאָך מעגליך זיין אַז מען זאָל זיך צופיעל אָנ'שיכור'ן, ווערען שיכור ווי לוט און קומען ווי ער צו שטרויכלונגען פון זינד. האָט מען דארום געלייענט די פרשה פון לוט צו ווייזען דעם פאָלק צו וואָס שיכרות קען ברייננגען, כדי זיי זאָלען זיין פאָרזיכטיג און ניט שיכור'ן צופיעל.

פאַרשטעה איך אָבער ניט דעם טעם:

אונזערע חז"ל האָבען אונז געלערענט די גרויסע מאָראַלישע לעהרע פון דרך ארץ, אַז: „אַ מענש זאָל זיך ניט מתכבד זיין בקלון חבירו" (מגילה כ"ח), ניט זוכען אויסצונוצען יענעמס חרפה פאַר מיין כבוד.

אַזוי אויך דערצעהלען אונזערע חכמים: (במדבר רבה פ"כ)

„אתונו של בלעם כיון שדברה מתה, כי חס הקב"ה על כבודו של אותו רשע שלא יאמרו: זו היא שסלקה את בלעם!" נאָכדעם ווי בלעם הרשע'ס אייזעל האָט געענדיגט רעדען צו בלעם'ען איהרע שטראָף-רייד איז זי גע'פּגר'ט, ווייל גאָט, ברוך הוא, האָט געשאָנעוועט דעם כבוד פון בלעם הרשע: מען זאָל ניט אָנווייזען אויפ'ן אייזעל און זאָגען: זי האָט באַזיגט בלעם'ען.

און אויב בלעם'ס כבוד איז אַזוי געשאָנעוועט געוואָרען, דאַרף לוט'ס כבוד מכל שכן געשאָנעוועט ווערען?

נאָכמעהר, ווען איינער איז אויפגעהאנגען געוואָרען, ווייל ער איז געווען אַ מגדף — גאָט׳ס לעסטערער ר״ל, אָדער אַן עובד ע״ז, געצען־דינער (עיין סנהדרין מ״ה ע״ב), האָט די תורה אָנגעזאָגט: „לא תלין נבלתו על העץ וכ״ו״, זאָלסט ניט לאָזען זיין קערפּער הענגען איבער נאָכט אויפ׳ן בוים, „כי קבר תקברנו ביום ההוא״, נייערט זאָלסט איהם באגראָבען דעם זעלבען טאָג, „כי קללת אלקים תלוי״, ווארום אַ געהאנגענער איז אַ שענדונג, כביכול, פון גאָט.

איז דאָך אַ מענש באשאַפען געוואָרען אין גאָט׳ס געשטאַלט.

כאָטש ווען מען וואָלט איהם געוואָלט לאָזען הענגען אַ לענגערע צייט, וואָלטען אַ סך מענשען קענען איהם זעהן, זיך אָפּגעלערענט אַ מוסר פון איהם ניט צו טהאָן די עבירות פאַר וועלכע ער איז געהאנגען געוואָרען. פון דעם זעהען מיר אַז די תורה האָט ניט געוואָלט מאַכען לערנען מוסר אויף צופיעל בזיון פון חבר.

דאָס גלייכען, גלויב איך, איז ניט על פי דרך המוסר צו מבייש זיין בציבור, יעדען שבת אַ פאַרשטאָרבענעם, כדי צו פאַרהיטען ווענען עס איז, וועלכער איז געניינגט צו שכרות זיך ניט אָנצו׳שיכור׳ן צופיעל.

אויב די חז״ל האָבען געוואָלט וואָרנען דאָס פאָלק קעגען שיכרות, דורך וואָס זיי זאָלען ניט געשטרויכעלט ווערען אין זינד, האָבען זיי גע־דאַרפט מתקן זיין אַז מען זאָל לייענען יעדען שבת אין די שוהלען און בתי מדרשות די פרשיות פון „סוטה״ און „נזיר״, וועלכע שטעהען אין דער תורה בסמיכות איינע לעבען די צווייטע. כדי: „שכל הרואה סוטה בקלקולה יזיר עצמו מן היין (ברכות ס״ג), יעדערער וועלכער וועט זעהן די שאַנדע פון דער סוטה, אונמאָראַליש־פאַרדעכטיגער פרוי, וועט זיך אָפּשיידען פון טרינקען וויין, וואָס בריינגט צו זינד. (עיין שם בסוטה ז׳ ע״ב שכולם באו לראותה כדי להוסר וללמוד מוסר.)

מיר דאַרפען אויך ניט פאַרגעסען, אַז כאָטש ווען מיר לייענען די פרשת לוט, טרייסעלט זיך יעדער מאָראַלישער מענש אויף פון עקעל, באטראַכטענדיג ווי נידעריג אַ מענש איז עלול צו זינקען. אָבער דאָס איז לויט אונזער געדאַנקען־גאַנג פון דער תורה, וואָס איז אויך אָנגענומען געוואָרען ביי אַלע ציוויליזירטע פעלקער.

אין יענער צייט אָבער, ווען לוט האָט געלעבט, איז דאָס ניט געווען קיין פאַרברעכען; פאַרקערט, פאָטערס האָבען געמעגט הייראַטהען זייערע טעכטער.

„בן נח מותר בבתו" (לחד מאן דאמר ביבמות). נאָר נאָכ'ן מבול האָבען די בני נח געגומען אויף זיך ניט צו הייראַטהען אייגענע טעכטער. פון דאמאָלס אָן איז הייראַטהען אַן אייגענע טאָכטער באטראַכט געוואָרען אַלס ניט שעהן און אנשטענדיגע פאַמיליעס האָבען זיך געהיט, אָבער קיין פאַרברעכען איז דאָס ניט געווען. (עיין ברמב"ן שם על התורה, ובתוספות נזיר כ"ג בד"ה — הוא שנתכוין לדבר עבירה.)

איז דאָך יעצט די קשיא נאָך הארבער: אויב לוט'ס עבירה איז פון מאָראַלישען שטאַנדפונקט פון יענער צייט ניט אַזאַ הארבע, טו ווארום האָבען די חז"ל זיך ערלויבט איהם אַזוי פיעל צו מבייש זיין יעדען שבת פון יאָהר בציבור?

דער עיון יעקב ערקלערט (שם בעין יעקב נזיר כ"ג) מיט אַזאַ טעם פאַרוואָס לוט'ס זינד איז מען אַזוי פיעל מפרסם, ברייגנענדיג די רייד פון חז"ל:

„העובר עבירה בסתר נפרעין ממנו בגלוי" (סוטה ג' ט'), ווען איינער זינדיגט באהאַלטענערהייד ווערט ער באשטראָפט עפענטליך און אַזוי ווי לוט האָט געזינדיגט בסתר, אין דער מערה, פאַר דערפאַר דאַרף מען איהם באשטראָפען בגלוי, בציבור.

איז אָבער, אודה ולא אבוש, איך שעם זיך ניט מודה צו זיין אַז דעם טעם פאַרשטעה איך אויך ניט. דער טעם איז אויך ניט צופרידענ-שטעלענד. אמת מען דאַרף מפרסם זיין בגלוי, אָבער גענוג איינמאָל, צו וואָס אַלע שבת?

עס איז אויך כדאי צו דערמאָנען צו לוט'ס קרעדיט, אַז בנוגע סודות איז ער געווען אַ פאַלקאָמער דזשענטעלמאַן. לוט איז געווען אַ בעל סוד, האָט ניט ליעב געהאַט אויסצוזאָגען פון חדר, אום ניט גורם צו זיין אימעצען ח"ו שלעכטס; דאָס איז אויך געווען זיין זכות, דורך וועלכען ער איז ניצול געוואָרען פון דער סדום'ישער מהפכה. אַזוי זאָגען אונ-זערע חכמים ז"ל (בר"ר פ' מ"ט ס"ו) אויפ'ן פסוק: „ויהי בשחת אלקים את ערי הככר ויזכור אלקים את אברהם וישלח את לוט מתוך ההפכה" (בראשית י"ט כ"ט). „און עס איז געווען ווען גאָט האָט צושטערט די שטעדט פון דעם געגענט, דאָס גאָט האָט געדענקט אָן אברהם'ען און ער האָט אַרויסגעשיקט לוט'ן פון דער איבערקערעניש".

וואָס האָט גאָט געדענקט וועגען אברהם, וואָס צוליעב דעם האָט ער אַרויסגעשיקט לוט'ן? ענטפערען די חכמי המדרש:

„נזכר לו שתיקה ששתק לאברהם: בשעה שאמר אברהם על שרה אשתי אחותי היא היה יודע ושותק".

גאָט האָט געדענקט, דאָס ווען אברהם האָט געזאָגט אַז שרה איז זיין שוועסטער האָט לוט געשוויגען, ניט אויסגעזאָגט דעם סוד, און דורכדעם איז אברהם ניצול געוואָרען, צוליעב דעם האָט ער איהם מציל געווען פון דער איבערקערעניש. איז אויב לוט האָט אַזוי געהאַנדעלט האָט מען מיט איהם אויך געדאַרפט האַנדלען מדה כנגד מדה, און ניט אויסזאָגען צופיעל וועגען זיין סוד, און איינמאָל, אין איין שבת פון יאָהר, איז גענוג, ניט אַלע שבת ?

דעריבער דענק איך, ב"ה, צו זאָגען דאָס דער טעם וואָס מען איז אַזוי פיעל מפרסם לוט'ס חרפה, אָהן שום רחמנות, אָהן שאַנעוואַניע, איז טאַקע צוליעב דעם ווייל ער איז זיין זינד באַגאַנגען „בסתר", ווי דער עיון יעקב ערקלערט. אָבער דער „סתר" איז ניט דער זעלביגער וואָס דער עיון יעקב זאָגט, נאָר אַנאַנדער „סתר".

צוויי מינים „סתר" — פאַרבאַהאַלטענהייטען, אונטער וועלכע מען זינדיגט, זיינען דאָ. איין „סתר" איז אַ נאַטירליכער. ווער עס זינדיגט טהוט עס בסתר, ניט בפרהסיא, און נאָכ'ן זינדיגען באַמיהט מען זיך אויך די זינד צו באַהאַלטען; און מען קען צום רשע קיין טענות ניט האָבען פאַרוואָס ער האָט געטהאָן אַן עבירה בסתר, און פאַרוואָס ער דערצעהלט ניט קיינעם.

פאַרקערט, די מדה פון בושה איז מענשליך, און דער וואָס שעמט זיך ניט מיט זיינע עבירות איז אַ חצוף, אַ פאַרשייטער, אונפאַרשעמטער:

„חצוף עלי מאן דמפרש חטאיה" (ברכות ל"ד ועיין בסוטה ז').

אויך האָבען אונזערע חכמים ז"ל געזאָגט:

„כל המתבייש לא במהרה הוא חוטא" (נדרים כ').

„דער וועלכער שעמט זיך וועט ניט זינדיגען אַזוי געשווינד".

און ווען ח"ו אַ מענש זינדיגט אין אַ מינוט, אין וועלכער עס איז אין איהם אַריין אַ רוח שטות, אַ משוגעת, אין אַן אָנפאַל פון שיכור'ע ליידענשאַפטען —

„אין אדם עובר עבירה אלא א"כ נכנס בו רוח שטות" (סוטה ג'). איז אָבער צו האָפען דאָס ווען ער וועט זיך אויסניכטערען פון זיינע

ליידענשאַפטען וועט ער זיך שעמען פאַר זיך זעלבסט, זיינע געוויסענס-ביסע וועלען איהם פלאַגען און ענדליך וועט ער חרטה האָבען און תשובה טהאָן.

אַזאַ סאָרט „סתר" איז נאַטירליך און, ווי געזאָגט, אַ מעלה; אַזאַ סאָרט „סתר" קען אויך ניט גורם זיין קיין סך שלעכטעס צו אַנדערע. איינס וויס מען ניט, און אַז מען דערוויסט זיך וועט דער אָרענטליכער זיך ניט אָפּלערנען פון חוטא אויך צו טהאָן דאָס זעלבע.

און וואָלט לוט'ס „סתר" זיין פון דעם סאָרט, וואָלט זיין גענוג דער פרסום איינמאָל. און ווען אונזערע חכמים וואָלטען, צוליעב אַ געוויסע תקנה, אום צו וואָרענען דאָס פאָלק זיך צו היטען פון זינד, געדאַרפט ברייִנגען אַ ביישפּיעל, וואָלטען זיי ניט גענומען לוט'ן פאַר אַ ביישפּיעל און איהם מבזה זיין יעדען שבת.

לוט'ס „סתר" איז אָבער געווען פון אַנאַנדער מין. דער מאַנטעל אונטער וועלכען ער האָט זיך באַהאַלטען איז ניט געווען קיין פּשוט'ער. נייערט ער האָט איהם געוועבט מיט קדושה - פעדים, און די פעדים האָט ער געשפּונען „לשם שמים" מיט אידעאַלען.

לוט, ווי מיר האָבען געזעהען אין אונזערע פריהערדיגע דרשות, איז געווען אַ צבוע'יאק. זיין טומאה האָט ער שטענדיג אַריינגעלייגט אין יראה. אַזוי איז געווען ווען ער איז געוואָרען אַ „נפרד" פון אברהם'ען (עיין דרוש י"א); אַזוי איז געווען ווען ער האָט געבעטען ביי די מלאכים זיי זאָלען איהם לאָזען זיך באַזעצען אין צוער (עיין דרוש י"ב); אַזוי איז אויך געווען יעצט, ווען ער האָט געוואָלט זינדיגען מיט זיינע טעכטער.

ער איז געווען פון די וועלכע אונזערע חכמים באַצייכענען: „עושה מעשה זמרי ומבקש שכר כפנחס" (סוטה כ"ב). זינדיגען, טרייבען זנות ווי זמרי און ווילען נאָך שכר ווי פנחס, פון אַזעלכע רשעים איז אַ מצוה אָראָפּצורייסען זייער פאַלשע מאַסקע. עס איז אַ מצוה לפרסם, ניט איין מאָל און ניט צוויי מאָל, נאָר שטענדיג, ביי יעדער געלעגענהייט. מען דאַרף ניט חס זיין אויף זייער כבוד, נאָר: „ובכל תושיה יתגלע", שטענדיג און אומעדום דאַרף מען זייער שאַנדע אַנטפּלעקען, ווייל אַזעלכע פאַרמאַסקירטע רשעים קענען די וועלט חרוב מאַכען.

עס איז שווער זיך איינצוהיטען ניט געפאַנגען צו ווערען פון נעצען,

געפלאָכטענע פון שטריק, וועלכע זיינען געשפונען געוואָרען לשם שמים, מיט אידעאַלען . . .

וועגען אַזעלכע רשעים, צבועים, היפּאָקריטען, חנפים, זאָגען אונ־זערע חכמים ז״ל: „מפרסמים את החנפים״ (יומא פ״ו), עס איז אַ מצוה צו מפרסם זיין פאַר דער גאַנצער וועלט די רשעים, וועלכע פאַרשטעלען זיך פאַר צדיקים. פאַרוואָס? „מפני חלול השם״, ווייל דאָס ברייגנט צו חילול השם, פאַרשוועכונג פון גאָט׳ס נאָמען. ווייל מענשען, דענ־קענדיג אַז ער איז אַ צדיק, לערנען זיך אָפּ פון זיינע מעשים און טוהען אויך אַזוי. (רש״י שם.) דאָס קען ברייגנען צו די גרעסטע, גייסטיגע חורבנות אין גאָט׳ס וועלט. (עיי״ש ועיין במדרש תהילים פנ״ב ג׳).

„און אין מקיפין בחילול השם״ (קדושין מ׳). גאָט שוינט ניט, דער־לענגערט ניט זיין צאָרן, ביי די וועלכע זינדיגען עבירות וועלכע ברייגנען צו חילול השם. און, ווי געזאָגט, צו די גרעסטע חילול השם ברייגנען עבירות, וועלכע מען פאַרדעקט מיט אַ היפּאָקריטישער מאַסקע פון „לשם מצוה״, וועלכע מען באַקליידעט מיט אַ לשם-שמים-מאַנטעל.

ווערט אַ מענש נכשל אין אַן עבירה ח״ו, זאָגאַר אַ גרויסע, אָבער ער האָט זי געטהאָן „לשם עבירה״, דעם נעץ איהם צו פאַנגען האָט דער יצר הרע געפלאָכטען פון פּראָסטע אינסטינקטען, מגושם׳דיגע לייַ־דענשאַפטען, דאַרף מען מיט איהם מיטלייד האָבען, ניט מדחה זיין איהם; צו אַזאַ זינדיגען דערלענגערט גאָט זיין צאָרן, וואַרט אויף זיין תשובה. קיין שלעכטס צו אַנדערע קען דאָס ניט גורם זיין. מענשען ווייסען אַז דאָס איז אַן עבירה און וועלען זיך ניט אָפּלערנען פון איהם.

און ווער עס טהוט תשובה איז איהם גאָט מוחל.

„ושב ורפא לו״.

טהוט אַ מענש אָבער אַן עבירה, זאָגאַר אַ קליינע, אָבער די נעץ ווערט געפלאָכטען לשם-מצוה, און מען גלאָצט נאָך די אויגען לשם־שמים׳דיג, דאַ קען מען מיט׳ן זינדיגען ניט האַנדלען מיט זיידענע הענדשקעס, ווייל אַ סך אומשולדיגע וועלען אין זיין זינדיגער, לשם מצוה נעץ געשטרויכעלט און געפאַנגען ווערען.

אַזאַ סאָרט לשם שמים נעץ האָט לוט אויסגעפלאָכטען און פאַר־שפּרייט כדי אַריינצונאַרען און פאַנגען זיינע אונשולדיגע טעכטער אום מיט זיי צו זינדיגען. ער האָט געוואָלט זינדיגען און די וועלט זאָל איהם

נאָך האַלטען פאַר אַ שעהנעם, אנשטענדיגען מענש, און די שולד פון זיינע זינד זאָל צוגעשריבען ווערען צו זיינע אָרענטליכע טעכטער, זייער נאָמען זאָל זיין אויף אייביג באדעקט מיט חרפה.

נאָר אַ חונף, היפאָקריט, צבוע׳יאק, קען אַזוי געמיין האַנדלען, אַזוי נידעריג זינקען. יעצט וועלען מיר זעהן ווי אַזוי ער האָט אויסגעאַרבייט זיין פּלאַן, אויסגעשפּרייט זיין נעץ צו פאַרפיהרען זיינע אונשולדיגע טעכטער.

דער יפה תואר (בר״ר פ׳ נ״א) ברייננגט פאָלגענדען מדרש: „ותהרנה שתי בנות לוט מאביהן״, „אוןביידע טעכטער לוט׳ם זיינען טראָגענדיג געוואָרען פ ו ן ז י י ע ר פ אָ ט ע ר ״.

פרעגט דער מדרש: „מהו מאביהם?״ צוליעב וואָס דאַרף די תורה זאָגען: „פון זייער פאָטער?״ דאָס איז דאָך איבעריג. ענטפערט דער מדרש: „אלא שמאביהן היה הדבר״, ד״ה די גאַנצע זאַך איז געווען פון זייער פאָטער. ער האָט עס צוגעגרייט דעם פּלאַן. ער האָט עס געגעבען די אידעע פון זינדיגען מיט איהם אין זייערע קעפּ. ער האָט עס אַריינגעטהאָן אין דער עלטסטער טאָכטערס מויל די ווערטער:

„אבינו זקן ואיש אין בארץ לבוא עלינו כדרך כל הארץ וג״ו״. „אונזער פאָטער איז אַלט און עס איז ניט פאַראַן קיין מאַן אין דעם לאַנד צו קומען צו אונז ווי דער שטייגער פון דער וועלט״. און דארום „זאָלען מיר מאַכען לעבען קינדער פון אונזער פאָטער״.

געבעטען האָט ער ביים מלאך ניט איבערצוקערען צוער, כדי ער זאָל זיך דאָרטען באזעצען; און צום סוף איז ער אַוועק פון צוער. און אַז זיינע טעכטער האָבען איהם געפרעגט וואָרום ער פאַרלאָזט צוער? האָט ער זיי געענטפערט נעבאַכדיג:

„כי ירא לשבת בצוער״, ער האָט מורא געהאַט צו זיצען אין צוער, ווייל עס איז צו נאָהענט צו סדום און די איבערקערעניש קען נאָך צו זיי גרייכען. אין דער אמת׳ן איז ער אַוועק פון צוער צוליעב אַנאַנדער מורא, נעמליך: „כי ירא לשבת בצוער״, ער האָט מורא געהאַט צו זיצען אין צוער, כדי זיינע טעכטער זאָלען ניט זעהן אַז עס זיינען נאָך געבליבען מענער אין דער וועלט און דאַן וועט זיין גאַנצער פּלאַן בטל ווערען. זייענדיג אין דער הייל, אונטער דער ערד, פון וועלכער זיי האָבען מורא געהאַט אַרויסצוקריכען, איז ער געווען זיכער מיט זיין פּלאַן.

אריינקומענדיג אין דער הייל האט לוט אנגעהויבען צו קרעכצען און זיפצען, וויינען און קלאגען; און די טעכטער האבען מיט איהם מיטגעוויינט אויף דעם גרויסען אומגליק וואס עס האט צו זיי פאסירט:
— נעכטען זיינען זיי געזעסען אויפ'ן שפיץ בארג פון גליק און היינט וואלגערען זיי זיך אין א הייל. די מאמע טויט, די שוועסטער און שוואגערס טויט, די וועלט חרוב און זייער גאנצע רייכטהום אוועק מיט פייער. —

נארישע קינדער מיינע, זאגט לוט, איהר קלאגט אויפ'ן עבר, אויף דער פארגאנגענהייט, וואס מיר האבען אלעס פארלארען צוליעב אונזערע זינד ~~קעגען~~ גאט. דאס איז דאך שוין פארפאלען. אזוי איז געווען דער רצון ה'.

„ה' נתן וה' לקח יהי שם ה' מברך".

„גאט האט געגעבען און ער האט צוגענומען, זאל זיין נאמען זיין געלויבט". דאס וואס איך קלאג איז פאר'ן „עתיד", צוקונפט. מיר וועלען אלע, פריהער אדער שפעטער, שטארבען, אזוי ווי אונזערע עלטערן.

אבער אונזערע עלטערן, ווען זיי זיינען געשטארבען, האבען מיט רוהיגקייט איבערגעלאזט די וועלט צו אונז. צו וועמען וועלען מיר איבערלאזען די וועלט?

ווען די וועלט איז חרוב געווארען דורכ'ן מבול האבען זיך ארויס־געראטעוועט נח מיט זיינע זיהן און זייערע פרויען און פון זיי זיינען ארויסגעקומען מענשען, וועלכע האבען צוריק די וועלט איבערגעבויט.

אבער ווער וועט איהר יעצט צוריק אויפבויען?

וואלטען כאטש נאך מענשען געבליבען אין דעם געגענד, וואלט איך קענען האפען אז איהר וועט נעמען מענער און איך א פרוי, און ברייננגען קינדער אויף דער וועלט.

וואלט איך כאטש ניט זיין אזוי אלט, שוואך און צובראכען, וואלטען מיר אוועקגעגאנגען צו אנאנדער לאנד, וואו איהר וואלט געפינען מענער און איך א פרוי. אבער מיינע פיס דינען מיר שוין ניט צו וואנדרעווען איבער דער וועלט. יעצט, ביים שוועל פון טויט, קען איך זיך שוין ניט אונטערנעמען אזא נסיעה . . .

„יעצט איז די וועלט פארלארען!"

און וואָס וועט זיין די ענדע פון אייך, מיינע טהייערע טעכטער? וואו וועט איהר זיך אַהינטהאָן ווען איך וועל שטאַרבען? איך פיהל אַז מיינע טעג זיינען געצעהלטע.

„אוי!" האָט ער געקרעכצט. „צוליעב וואָס פאַר אַ ציעל האָט אונז דער מלאך אַרויסגעראַטעוועט פון דער איבערקערעניש? ניכאַי וואָלטען מיר אויך פאַרברענט געוואָרען מיט אַלע צוזאַמען, אייער מאַמען און שוועסטערס און שוואָגערס איז שוין אַ סך בעסער ווי אונז דאָ, וואַרטענ־דיג אויפ'ן טויט, צו שטאַרבען דאָ אין דער שמוציגער הייל, די מייז זאָלען אונז אויפעסען".

און לוט האָט נאָך העכער אויפגעהויבען זיין קול און נאָך ביטערער געוויינט.

און דורך זיינע כלומרשט פאַרטרערטע אויגען האָט ער געקוקט אויף זיינע טעכטער, צו זעהן וואָס אַ ווירקונג זיינע רייד האָבען אויף זיי געמאַכט.

„אוי," זאָגט לוט ווייטער, „ווען איך וואָלט כאָטש האָבען איצטער וויין, צו פאַרטרינקען די צרות, זיך פאַר'שיכור'ן, אַנשלאָפען ווערען און פאַרגעסען אַלץ, אַלץ, אַזוי ווי איך פלעג אימער טהאָן, ווען מיר איז געווען אומעדיג אויפ'ן האַרצען".

און „אפשר", זעצט לוט פאָרט, „געפינט זיך דאָ אין דעם קעלער וויין. דאָס איז דאָך אַ וויין־קעלער. אפשר איז געשעהן אַ נס און דאָ איז פאַרבליבען ערגעץ וואו אַ פעסעלע וויין?

„געהט, מיינע קינדער, אין דער לענג און אין דער ברייט פון קעלער, פילייכט וועט גאָט טהאָן אַ נס צו אייך און אייך צושיקען וויין און איהר וועט דערקוויקען מיין זעעל, די זעעל פון אייער אומגליקליכען פאָטער".

די טעכטער פון לוט האָבען אין דער פינסטערניש פון קעלער גע־נומען זוכען וויין. מיט שטילע טריט איז זיי לוט נאָכגעגאַנגען, אונטער־הערען וואָס זיי וועלען צווישען זיך ריידען.

לוט הערט:

„ותאמר הבכירה אל הצעירה", די עלטערע זאָגט צו דער אינגערער, וואָס וועט טאָקע זיין דער סוף? קען מען לאָזען טאַקע די וועלט זאָל זיין אויף אייביג חרוב? און וואָס וועט זיין דער סוף פון אונז?

„אבינו זקן", אונזער פאָטער איז אַלט, און ער האָט מעהר ניט קיין כח צו וואָגלען צו אַנאַנדער לאַנד. (כן פירש ספורנו) אויך קען ער הײנט, מאָרגען שטאַרבען. (רש״י)

„ואיש אין בארץ לבוא עלינו כדרך כל הארץ", און אין גאַנצען געגענד איז מעהר קיין מאַן דאָ אונז צו הייראַטהען. (ספורנו)

אפשר איז דער ווילען פון גאָט, אַז מיר מיט׳ן פאָטער זאָלען זיין די שלוחים זיינע, אַז די וועלט זאָל ווידער באזעצט ווערען מיט מענשען און צוריק אויפגעבויט ווערען, ווי נאָכ׳ן מבול דורך נח׳ן און זיינע קינדער? און צוליעב דעם האָט אפשר גאָט צו אונז געשיקט אַ מלאך און אונז אַרויסגעבראַכט דורך אַ נס, כאָטש מיר זיינען אויך זינדיגע, אַזוי ווי די סדום׳ניקעס.

אויב ניט צוליעב דעם ציעל וואָלט גאָט אומזיסט ניט טהאָן צו אונז אַזאַ נס.

„עביד רחמנא ניסא לשקרא?" (ברכות נ״ח).

„עולם חסד יבנה", די וועלט האָט דאָך גאָט געבויט מיט גנאַד. פיליכט וועט גאָט מיט זיין גרויסען חסד אויף אונז רחמנות האָבען און צו אונז וועט געבוירען ווערען אַ זוהן און אַ טאָכטער, פון וועמען עס וועט אַרויסקומען אַ נייע וועלט. (עיין ברמב״ן על התורה.) „אָבער ווי אַזוי קענען מיר די זאַך אַדורכפיהרען?" פרעגט די אינגערע דער עלטערער. „מיר קענען דאָך ניט געהן פאַרשלאָגען דעם טאַטען, אַז ער זאָל מיט אונז הייראַטהען. עס פאַסט דאָך ניט. בפרט פאַר אונזער פאָטער, וועלכער איז אַזאַ רעספעקטאבעל מאַן, אויבער־ריכטער פון סדום. עס וועט דאָך איהם אָפּטרייסלען, שאָקירען, ווען ער וועט פון אונז אַזאַ פאַרשלאַג דערהערען, אַ זאַך וואָס איז נאָך אין דער הויכער געזעלשאַפט ניט געטהאָן געוואָרען. עס קען איהם נאָך, ח״ו, מקרב זיין זיין טויט, דערהערענדיג אַז מיר, זיינע טעכטער, דער אייניציגער טרייסט וואָס איז איהם געבליבען פון אַלץ, זיינען אַזוי נידעריג געזונקען".

„שאַ! איך האָב אַ גוטען פּלאַן," זאָגט די עלטערע. „מיר זוכען דאָך יעצט וויין. אויב מיר וועלען געפינען וויין וועלען מיר איהם אָנטרינקען אַזוי פיעל, אַז ער זאָל ניט וויסען פון קיין זאַך, און אונזער ציעל וועט ערפילט ווערען".

„לכה ונשקה את אבינו יין ונשכבה עמו ונחיה מאבינו זרע".

די אינגערע האָט לכתחילה צו דעם פּלאַן ניט געוואָלט צושטימען, ווייל זי איז געווען אַ צנועה, און אַ שעמעדיגע. (עיין רש״י פסוקים ל״ג ול״ז.) און זי האָט געפּרובירט איהר שוועסטער אָפּוועגדען פון דעם ניט אנשטענדיגען פּלאַן. אָבער די עלטערע האָט זיך געהאַלטען ביי איהר פּלאַן.

אַזוי איז דער וכוח אָנגעגאַנגען צווישען ביידע שוועסטער אין דער פינסטערער מערה. און לוט׳ס הארץ האָט האַסטיג געקלאַפּט מיט שרעק וועגען דעם רעזולטאַט, ווער וועמען וועט איבעררעדען?

ענדלין זיינען די שוועסטער געקומען צום פאָלגענדען באשלוס:

„וועלען זיי געפינען וויין איז אַ סימן אַז גאָט׳ס רצון איז, אַז זיי זאָלען דעם פּלאַן דורכפיהרען, אויב ניט זאָלען זיי די אידעע פון ברייגגען קינדער אין דער וועלט פון זייער פאָטער אויפגעבען״.

הערענדיג דיזע ווערטער זייערע, האָט לוט שטילערהייד מתפלל געווען, אַז אַ נס זאָל געשעהן און עס זאָל געפונען ווערען וויין. זאָגען דאָך אונזערע חכמים ז״ל, אַז:

גנבא אפום מחתרתא רחמנא קרי״ (ברכות ס״ג). אַ גנב ווען ער געהט גנב׳ענען בעט ער צו גאָט פאַר הילף.

לאַנג האָט ער ניט געדאַרפט מתפלל זיין; פּלוצלונג האָט ער דער־הערט אַ פריידע געשריי: וויין! וויין! זיי האָבען געפונען וויין. ווי אַזוי איז דאָס געשעהן?

וועגען דעם איז פאַראַן אַ וכוח צווישען אונזערע חכמים אין מדרש. איינער זאָגט: זיי האָבען געפונען וויין, וואָס איז דאָרטען געווען פאַר־באהאַלטען פון פריהערדיגע בעלי בתים:

„מנין היה להם יין במערה? אלא ממה שהיין מרובה להן היו מחביאין אותו במערות״.

און ר׳ יהודה בן סימון זאָגט:

„נעשה להם מעין דוגמא של עולם הבא, היך מה דאת אמר: (יואל ג׳) „והיה ביום ההוא יטפו ההרים עסים״.

ד״ה, פון באַרג איבער זייערע קעפּ האָט אָנגעהויבען צו שטראָמען וויין, אַריינשטראָמענדיג אין הייל לעבען זיי. (בר״ר מ״ט ס״ח עיי״ש.)

לוט, זייענדיג זיכער אַז זיין פּלאַן וועט פאַרווירקליכט ווערען, איז געשווינד אַוועק צו זיין אָרט, וואו די טעכטער האָבען איהם געהאַט איבערגעלאָזען, וואַרטענדיג אומגעדולדיג די טעכטער זאָלען איהם שוין נעמען ברייגנען די ווייִן צו טרינקען.

און ער האָט אין געדאַנקען אָפּגעמאַכט, אַז ער זאָל ניט טרינקען צופיעל, ער זאָל זיך נור מכלומרשט מאַכען אַזוי שיכור, אַז זיינע טעכטער און די וועלט זאָלען דיינקען אַז:

„ולא ידע בשכבה ובקומה", „ער האָט ניט געוואוסט פון איהר זיך לייגען און פון איהר אויפשטעהן".

און צוליעב דעם האָט די תורה אַוועקגעשטעלט אַ פּינטעלע אויפ'ן „ובקומה", אָנצומערקען אַז עס איז געווען אַ געמאַכטער „לא ידע". (עיין מד"ר פ' מ"ט ס"ח ובמפרשים שם, ועיין ביפה תואר שם במדרש שמביא בשם הטבעים שזרע השיכור אינו מוליד, ולפי דברינו יובן שבאמת לא היה שכור והבן.)

און ווען די טעכטער האָבען איהם אָנגעהויבען צו דערלאַנגען כוס נאָך כוס, האָט ער זיך ניט געלאָזט קיין סך בעטען און זיך פאַרשטעלט ווי אַ שיכור.

דריי הערצער האָבען האַסטיג אָנגעהויבען צו שלאָגען: איינע אַן אומריינע פון אַן אַלטען בעל עבירה, שטעהענדיג ביים שוועל פון טויט, וועלכער וויל נאָך מיט די לעצטע כחות, אין די לעצטע מינוטען פון לעבען אַריינכאַפּען זינד, און צוויי ריינע הערצער פון יונגע קינדער, שטעהענדיג ביים שוועל פון לעבען, וועלכע ווילען אָנהויבען בויען אַ וועלט.

דריי פּנים'ער האָבען אויפגעשיינט מיט גרויס פרייד. איינער אַ צוקנייטשטער, אַ האַלב טויטער, אַ פאַרמאַסקירטער, אַ היפּאָקריטישער, און צוויי ריינע, יונגע, פרישע, אונשולדיגע; אין דריי פּאָר אויגען האָבען זיך אָנגעצונדען פייערען, און געבלישטשעט אין דער פינסטער־ניש פון דער הייל. אין איין פּאָר אויגען, ביז יעצט האַלב אויסגעלאָשענע, האָט זיך אָנגעצונדען אַ ליידענשאַפטליכער, אומריינער, רויכער־דיגער גיהנום פייער, אויגען פון אַ פאָטער וועלכער האָט נעכטען פאַר־לאָרען זיינע טעכטער, איידימס, ווייב און פריינד, און וועלכער האָט זיך באַנוצט מיט אַ וועלט חורבן, מיט אידעאַלען, מיט צבוע־אישע לשם שמים, מיט וועלט פאַרזאָרגעריי, מיט האַרצרייסענדע טרערען פאַר'ן

שיקזאל פון דער צוקונפט פון דער וועלט און מענשהייט, כדי . . . צו דערפילען זיין תאוה. כדי . . . צו שענדען און בארויבען די עהרע פון זיינע אייגענע אונשולדיגע טעכטער.

און אין צוויי פאר יונגע, אונשולדיגע אויגען האבען זיך אנגעצונדען הייליגע, ריינע, ליכטיגע, הימעלשע פייערען, אויגען פון צוויי שוועסטער, וועלכע זיינען מקריב זייער עהרע, זייער יוגענד, געהען טהאן א שענד-ליכען טהאט קעגען זייערע געפיהלען, קעגען זייער ריינעם געוויסען, קעגען דעם כבוד פון זייער רעספעקטייבל פאטער, כדי צו ראטעווען גאט'ס וועלט פון אונטערגאנג, כדי: „לחיות זרע", „צו מאכען לעבען קינדער" אויף דער וועלט, כדי אויפצובויען די חורבנות וואס די מענשען האבען געבראכט אויף דער וועלט, דורך זייערע זינד. —

און דער האלב-שיכור'ער, תאוה'דיגער טאטע פרעהט זיך, זיין ציעל איז עררייכט און ער וועט נאך בלייבען דער שעהנער, אנשטענ-דיגער מענש . . .

אבער ער האט א גרויסען טעות געמאכט:

דער נאמען פון זיינע טעכטער איז באדעקט געווארען מיט די שענסטע בלומען-קרענץ; זיי האבען דערגרייכט צו דער העכסטער מדרגה וואס פרויען האבען ווען דערגרייכט, ווי מיר וועלען זעהן אין א צווייטער דרשה, און זיין נאמען איז געבליבען: „לוט" — פאר-שאלטען. — לוט הוא תרגום של ארור — (ועיין במ"ת פ' וישב ובעץ יוסף שם) צו שפאט און צו שאנדע. „בכל תושיה יתגלע" . . .

און ווען עס איז געווען א צייט ביי אידען ווען זמרי'ם מיט מאנטלען פון פנחס'עם האבען זיך באוויזען, נביאי הבעל, וועלכע האבען גערופען דאס פאלק צו זינד אין נאמען פון גאט. צדוקים, וועלכע האבען געזוכט זינד אין נאמען פון דער תורה. און די אמת'ע נביאים, אדער פרושים, האבען געוואלט דאס פאלק ווארענען און ווייזען זיי צו וואס פאר א מדרגה רשעים צבוע'יאקעס קענען זינקען, און וויפיעל חורבן זיי זיינען עלול צו ברייגגען, און בכלל פארשטעלען וואס פאר א מינים ברואים עס זיינען אט די צבוע'יאקעס, אט די פארשידענע רעפארמער, האבען זיי גענומען לוט'ן, דעם ערשטען רעפארמאטאר, פאר א משל, און מתקן געווען: „מען זאל לייענען פ' לוט אלע שבת, דרש'ענען וועגען איהר, אנטפלעקען זיין שאנדע, כדי צו ראטעווען דאס פאלק".

אונזערע חכמים האבען צו דעם געהאט א רעכט, אזוי ווי מיר האבען אויבען געזאגט: אלעמען דארף מען שאנעווען, נאר ניט קיין

היפּאָקריטען. „מפרסמין את החנפים". מעגליך ווען מען וואָלט פרעגען לוט'ן זעלבסט וואָלט ער אליין געהייסען נעמען איהם פאַר אַ משל; יעצט, ווען זיין שיכרות פון וויין און ליידענשאַפטען איז שוין אַוועק פון איהם, און ער איז ניכטער, פאַרשטעהט ער זעלבסט אויך אַז גערעכט איז געווען דער פעטער אברהם . . .

לוט איז אין זיין קבר געווים געווען צופרידען וואָס אונזערע חכמים האָבען זיך מיט איהם באנוצט אַלס ביישפּיעל אום צו ראַטעווען דאָס פאָלק פון איהרע פאַלשע פאַרזאָרגער, ווּעמעס ציעל איז דורך היפּאָקרי-טישע מאַסקעס צו פאַרפיהרען דאָס פאָלק און חרוב מאַכען איהר גייסטיג.

די פרשת לוט וואָס מען האָט געלייענט יעדען שבת האָט אַ גרויסע ווירקונג געהאַט אויפ'ן פאָלק; און אַזוי געשווינד ווי די חכמים האָבען געזעהן אַז מען איז שוין זיכער פון די נביאי השקר, האָבען זיי די תקנה פון לייענען אַלע שבת פ' לוט מבטל געווען. צוליעב וואָס אומזיסט לוט'ן מבזה זיין? (עיין ביפה תואר שם במדרש שכתב שאנחנו אין נוהגים כן, ולפי דברינו יובן מדוע?)

דער באוואוסטער מדבריות- און ימים-רייזענדער רבה בר בר חנה דערצעהלט: (ב"ב ע"ד) אַמאָל, וואַנדערענדיג אין דער מדבר, האָט ער זיך געטראָפען מיט אַ טייעא, אַן אַראַבער. האָט דער טייעא צו איהם געזאָגט: „קום, וועל איך דיר ווייזען וואו עס געפינט זיך קרח'ס מיט זיינע אַנהענגער'ס קבר"; קומענדיג צום קבר האָט דער טייעא אַריינגעשטאָכען אַ שפּיז אין קבר, און ער האָט געזאָגט צו רבה בר בר חנה: „הער זיך איין צו דער שטימע וואָס שרייט אַרויס פון קבר". און איך האָב געהערט, זאָגט רבה בר בר חנה, ווי די שטימע שרייט: „משה ותורתו אמת והן בדאין!" „משה מיט זיין תורה איז אמת און זיי זיינען ליגנער!"

ישראל, דער אייביגער רייזענדער און וואַנדערער איבער ימים און מדבריות, באגעגענט זיך פיעל מאָל אין זיינע וואַנדערונגען מיט טייעא'ס. אַמאָל איז דער טייעא אַ המן, אַמאָל אַ טאָרקוואַמאדע, אַמאָל אַ פּאָביע-דאָנאָסצאוו, קרושעוואַן, פּלעווע, און אַמאָל אַ קוזע, אַמאָל אַ קו-קלוקס-קלען און אַמאָל אַ היטלער, אַ שטרייכער, וועלכע שטעכען אַריין זייערע שפּיזען אין די קברים פון די רעפאָרמירטע און אַסימילאַטאָרישע לוט'ס. און דאַמאָלס דערהערט זיך פון די קברים אַ שטימע: „אברהם ואלקיו ותורתו אמת ואנו בדאים!" „אַברהם מיט זיין גאָט, זיין תורה, זיין טראַדיציאָן איז אמת און מיר זיינען ליגנער, היפּאָקריטישע לוט'ס!" . . .

דרוש י״ז לפ׳ וירא.

דער בלוי־געפאַרבטער פוקס

קען זיין אמת׳ע ציוויליזאַציאָן אָהן רעליגיאָן? אברהם אבינו׳ס ע״ה ענטפער. ראשית חכמה יראת ה׳, שכל טוב לכל עושיהם. אברהם אבינו׳ס „אשל״. דער סימבאָל: פון יראת אלקים און יראת אנשים, אהבת אלקים ואהבת אנשים. די וועלט שטרעבט צו פאַרפלאַנצען אברהם אבינו׳ס אשל, אָבער אָהן ערפאָלג. ווארום? זובחי אדם עגלים ישקון. זובחי אדם מכונות ישקון. דער ציוויליזירטער מענש—אַ שקלאַף פון מאַשין. ווען וועט די וועלט אמת׳דיג ציוויליזירט ווערען?

„ויטע אשל בבאר שבע ויקרא שם בשם ה׳ אל עולם״ (כ״א ל״ג), און ער האָט געפלאַנצט אַ בוים אין באר שבע און ער האָט דאָרטען גערופען צום נאָמען פון גאָט דעם אויביגען גאָט.

„ויאמר אבימלך אל אברהם מה ראית כי עשית את הדבר הזה? ויאמר אברהם: כי אמרתי רק אין יראת אלקים במקום הזה והרגוני על דבר אשתי״. (בראשית ב׳ י׳ י״א.)

און אבימלך האָט געזאָגט צו אברהם׳ען: וואָס האָסטו איינגעזעהן, דאָס דו האָסט געטהאָן די דאָזיגע זאַך? צו פאַרלייקענען אַז שרה איז דיין ווייב.

און אברהם האָט געזאָגט: „ווייל איך האָב גע־טראַכט: נאָר קיין מורא פאַר גאָט איז ניטאָ אין דעם דאָזיגען אָרט און זיי וועלען מיך הרג׳ענען פון וועגען מיין ווייב״.

אַלע מפרשים זוכען צו ערקלערען דעם איבעריגען וואָרט: „רק—נאָר״, וואָס אברהם האָט געזאָגט; אַזוי האָט ער געדאַרפט זאָגען: „כי אמרתי אין יראת אלקים במקום הזה וג״ו״. איך האָב געטראַכט אַזוי ווי דאָ איז ניטאָ קיין יראת ה׳ וועט מען מיר הרג׳ענען. דער וואָרט „רק״ גיט שוין צו זיינע ווערטער צו נאָך אַ מיינונג: „רק—נאָר״ מורא פאַר גאָט פעהלט דאָ, ווייזט אויס, אָבער אַלע זאַכען וואָס מען דאַרף האָבען אין אַ לאַנד זיינען דאָ יע דאָ. דאָס איז אויבערפלעכליך,

איבעריג געווען פון אברהם׳ען אָנצומערקען. דאָס איז ניט נויטיג געווען פאַר זיין תירוץ און ענטשולדיגונג ווארום ער האָט ניט אויסגעזאָגט אַז שרה איז זיין פרוי.

אויך איז אברהם׳ס תירוץ אויבערפלעכליך, ניט אויסגעהאַלטען. צי צוליעב דעם וואָס די מענשען פון פלישתים זיינען ניט קיין פרומע, קיין גאָטס-פורכטיגע, וועלען זיי הרג׳ענען אַן אומשולדיגען מענשען אום אַוועקצורויבען פון איהם זיין פרוי?

פאַראַן אין דער וועלט גענוג מענשען אפיקורסים, פריידענקערס, דאָך קיין מענשען-בלוט וועלען זיי ניט פאַרגיסען.

אַן ענטפער אויף דער פראַגע גיט דער מלבים ז״ל. נאָר איידער מיר ברייננען דעם מלבים׳ס רייד וועלען מיר פאַרשטעלען דאָס לאַנד פלישתים מיט איהר קעניג.

די מדינה פון פלישתים איז אין יענער צייט געווען זעהר אַ ציוויליזירטע און ליבעראַלע; די געזעצען איהרע זיינען געווען געבויט אויף די יסודות פון צדק און יושר; די מענשען האָבען זיך געפיהלט ווי פרייע בירגער, דער מלך אַ גרויסער ליבעראַל און מושל צדק, ניט גע-וואָרפען קיין פחד אויף זיינע אונטערטהאַנען, אַלע בירגער אַריסטאָ-קראַטען, אַדורכגעדרונגען מיט הומאַנישע פרינציפען.

צו באווייזען די ריכטיגקייט פון אונזערע רייד וועלען מיר ברייננען אייניגע פאַקטען:

א) ווען אברהם האָט געוואָלט איבערגעבען צו אבימלך׳ן וועגען דער גזילה וואָס עס איז געטהאַן געוואָרען צו איהם ביי זיינע קנעכט, צונעמענדיג ביי איהם אַ ברונעם מיט וואסער, שטעהט געשריבען: „והוכח אברהם את אבימלך״, אברהם האָט געמאַכט „פאָרווירפע״ צו אבימלך׳ן. ניט קיין אָנקלאַגע אויף די גזלנים, נאָר פאָרווירפע דעם מלך זעלבסט, זאָגענדיג איהם דאָס ער איז אַ מושל איבער גזל, וואָס ווערט אין זיין לאַנד געטהאָן און עס ווערט פאַרשוויגען; ער האָט איהם פאָר-ווירפע געמאַכט, אַז ביי איהם אין הויז זיינען דאָ קנעכט רשעים, און דאָס פאַסט ניט פאַר אַ צדיק, ווי עס איז געשריבען:

„לא ישב בקרב ביתי עושי רמיה״. די וואָס טוהען פאַלשקייט וועלען ניט זיצען אין מיין הויז. (עיין ספורנו.) צו אַ דעספאָטישען הערשער רעדט מען ניט אַזעלכע ווערטער, ובפרט ווען מען איז אַ גר.

ב) די ענטשולדיגונג וואָס אבימלך האָט געמאַכט צו אברהם'ען אויף זיינע פאָרווירפע, באווייזט אונז זיין אדעלקייט און זיינע יושר'דיגע האַנדלונגען צו אַלעמען, זאָגאַר צו אַ גר: ער רעדט צו אברהם'ען אַזוי ווי אַ באשולדיגטער אין אַ פאַרברעכען און באווייזט, אַז ער איז אום-שולדיג, ריין, ער ווייסט ניט פון וואָס צו זאָגען.

„לא ידעתי מי עשה את הדבר הזה", איך ווייס ניט ווער עס האָט געטהאָן דיזע זאַך. אויך איצט, ווען דו האָסט מיר דערצעהלט וועגען די גזלה, ווייס איך ניט, קען זיך ניט משער זיין ווער עס האָט עס געקענט טהאָן; קיינער פון מיינע קנעכט איז ביי מיר חשוד צו קענען טהאָן אַזאַ פאַרברעכען. וואָלט ביי מיר זיין אַ חשד אויף אימיצען, וואָלט ער ביי מיר אין הויז ניט זיין.

„וגם אתה לא הגדת לי וגם אנכי לא שמעתי בלתי היום".

אום אַ מלך זאָל זיך אָננעהמען פאַר אַ בארויבטען דאַרף אָדער דער בארויבטער זיך פאַרקלאָגען פאַר מיר וועגען דעם, אָדער איך דאַרף דורך אַנדערע וועגען דעם זיך דערוויסען, און אין דיין פאַל זיינעןביידע זאַכען ניט געווען: „ניט דו אברהם האָסט מיר געזאָגט און אויך פון אַנדערע האָב איך ניט געהערט ביז היינט. (ספורנו ומלבים.) פון דיזעביידע פאַקטען קענען מיר זעהן וואָס פאַר אַ מלך-צדיק אבימלך איז געווען.

ג) אַ דריטער פאַקט, פון וועלכען מיר קענען זעהן די אנשטענ-דיגקייט פון דעם פאָלק פלישתים דאָן:

אבימלך, דערוויסענדיג זיך אַז שרה איז אברהם'ס ווייב, האָט צו איהם געזאָגט: „הנה ארצי לפניך בטוב בעיניך שב". אָט איז מיין לאַנד פאַר דיר, וואו עס איז גוט אין דיינע אויגען. באַזעץ זיך.

פרעה אין'ם זעלביגען פאַל האָט געזאָגט צו אברהם'ען:

הנה אשתך קח ולך!" אָט איז דיין ווייב, נעם און געה!

ווארום האָט פרעה ניט ערלויבט אברהם'ען צו וואוינען אין זיין לאַנד? ער האָט דאָך געדאַרפט האַלטען פאַר אַ זכיה אַז אַזאַ הייליגער מאַן מיט זיין פרוי זאָלען אין זיין לאַנד זיצען?

ענטפערט רש"י: וויל פרעה האָט מורא געהאַט אַז די מצרים זאָלען ח"ו שרה'ן ווייטער וועלען באליידיגען, ווארום זיי זיינען געווען

שטאַרק איבערגעגעבען צו זייערע לײדענשאַפטען, „שטופי זמה", און פרעה האָט געוואוסט אַז איהם איז אונמעגליך זיי איינצוצאַמען. און ער, דער קעניג, האָט ניט געוואָלט אויף זיך נעמען אַזאַ אחריות פון באַשיצען זיי. אבימלך איז אָבער געווען זיכער מיט זיין פאָלק, אַז זיי זיינען גענוג רעספעקטייבעל און וועלען צו אברהם'ען און שרה'ן ניט טהאָן ח"ו קיין שלעכטעס. אבימלך האָט מיט שטאָלץ געקענט זאָגען וועגען זיין פאָלק צו גאָט:

„ה' הגוי גם צדיק תהרג ?!" גאָט, ווילסטו דען אויך אַן אומשולדיג פאָלק הרג'ענען ?!

ד) אַ פערטער פאַקט, וועלכער ווייזט אונז ווי דעמאָקראַטיש דאָס לאַנד האָט זיך געפיהרט: אַמאָליגע יאָהרען, מיט טויזענטער יאָהרען צוריק, זיינען די מלכים געווען דעספאָטען, די אונטערטאַנער—קנעכט, אַזוי האָבען זיי זיך גערופען: „עבדי המלך". אין פלישתים אָבער האָבען זיי זיך געפיהלט פרייע בירגער. יעדער איינער האָט שטאָלץ געזאָגט: „איך בין אַ פלישתי", און דאָס האָט געהאַט די זעלבע מיינונג למשל ווי אַן אַמעריקאַנער זאָגט: „איך בין אַן אַמעריקאַנער", אָדער דער ענגלישמאַן: „איך בין אַן ענגלישמען". דער טאָן, די מינע, דער שטאָלץ, מיט וועלכען זיי זאָגען אַרויס די ווערטער, דערצעהלט וועגען די פרייהייט, גליקליכקייט און זעלבסטשטענדיגקייט וואָס דער בירגער פון די אויבענדערמאָנטע לענדער געניסט. און אַזוי איז דאַמאָלס געווען מיט די פלישתים. זיי פלעגען מיט גרוים שטאָלץ זאָגען: „איך בין אַ פלישתי", אַ זוהן פון דער פרייער דעמאָקראַטישער לאַנד.

אַזוי געפינען מיר, ווען גלית הפלישתי האָט דיסקוטירט מיט די אידען, זיי מבטל געווען און געקוקט אויף זיי פון אויבען אַראָפּ, ווי עס איז דער שטייגער פון אַלע בירגער פון פרייע לענדער צו קוקען אויף די בירגער פון פאַרשקלאַפטע לענדער, האָט ער צו די אידען געזאָגט:

„הלא אנכי הפלישתי ואתם עבדים לשאול" (שמואל א' י"ז ח'), „איך בין דאָך אַ פלישתי! איהר אָבער זייט דאָך קנעכט פון שאול'ן". (עיין בספורנו בראשית כ' י"א.)

ה) דער נאָמען פאַר אַ מלך אין פלישתים דערצעהלט אונז וועגען זייער הויכען, ציוויליזירטען מצב. די מלכים אין יענע צייטען פלעגען באַטיטעלט ווערען מיט נעמען, וועלכע האָבען אויסגעדריקט די אָרדע-

נונג, די געפיהלען, די אידעען, ציעלען, שטרעבונגען און כאראקטער פון פאלק.

דאס לאנד שנער האט איהר מלך גערופען: „נמרד", רעוואלו־ציאנער. ער האט דערקלערט א מרידה, ווידערשפעניגונג קעגען גאט. „גיבור ציד לפני ה'" (בראשית י' ט'). „נמרד, שהעמיד מרד בעולם" בר"ר פ' מ"ב ס"ד ועיי"ש). סדום, וועגען וועלכע עס ווערט געזאגט: „ואנשי סדום רעים וכ"ו". און די מענשען פון סדום זיינען געווען שלעכ־טע. שלעכטס טהאן איז געווען זייער שטרעבונג, האבען זיי זייער מלך גערופען „ברע - בר־רע", דער שלעכטער זוהן, דער פארטרעטער פון רע.

דאס גלייכען עמורה, דאס לאנד וואס איז פול געווען מיט „רשעות", שלעכטיגקייט, האט איהר מלך גערופען ברשע - בר־רשע.

„אדמה וצביים, לענדער וואס זייער אידעאל אין לעבען איז געווען „געלד־לוסט" (אדמה מלשון דמים, וצביים מלשון צבי וחמיד). קיין זאך אויסער געלט האט ביי זיי ניט עקזיסטירט. האבען זייערע מלכים גע־רופען: „שנאב" — „שהיה שואב ממון", א געלט־שעפער, געגלוסט צו שעפען געלט. און „שמאבר" — „שהיה פורח ומביא ממון", וואס פלעגט שטענדיג ארומפליהען ווי א רויב־פויגעל און פלינדערען געלט (עיי"ש במדרש). מצרים, דאס ווילדע, אויסגעלאסענע, ליידענשאפטליכע לאנד, וועמענס אידעאל עס איז געווען צו לעבען ווילד, אומגעצאמט, ווי ווילדע ליידענשאפטליכע אייזלען, „אשר בשר חמורים בשרם", האבען זייער מלך גערופען „פרעה", ווילדער (מלשון: כי פרוע הוא כי פרעה אהרן" (שמות ל"ב כ"ה).

דאס דעמאקראטישע לאנד פלישתים האט איהר מלך גערופען: „אבימלך" — מיין פאטער - קעניג. פריהער האט זייער הערשער גע־דארפט זיין א פאטער צו די בירגער, דאן א מלך.

ו) אבימלך'ס גייסטיגע, מאראלישע הויכקייט קענען מיר אויך זעהן פון זיינע רייד צו אברהם'ען:

„ויקרא אבימלך לאברהם ויאמר לו מה עשית לנו ומה חטאתי לך כי הבאת עלי ועל ממלכתי חטאה גדולה מעשים אשר לא יעשו עשית עמדי" (שם כ' ט').

און אבימלך האט גערופען צו אברהם'ען און ער האט צו איהם געזאגט: וואס האסטו געטהאן צו אונז? און וואס האב איך געזינדיגט

געגעו דיר, וואָס דו האָסט געבראַכט איבער מיר און איבער מיין קע־ניגרייך אַזאַ גרויסע זינד? מעשים וואָס ווערען ניט געטהאָן האָסטו גע־טהאָן צו מיר.

פרעה האָט אַזוי ניט גערעדט. פרעה האָט ניט דערמאָנט די ווער־טער „חטאה גדולה", אַ גרויסע זינד. ביי איהם איז עס גאָר קיין זינד ניט געוועזן. כאַראַקטעריסטיש איז אויך דער לשון אין פרעה׳ס פראַגע: „מה זאת עשית לי?" וואָס האָסטו געטהאָן צו מ י ר? ער האָט ניט געזאָגט, ווי אבימלך: „מה זאת עשית ל נ ו? וואָס האָסטו געטהאָן צו אונז? צו מיר און מיין קעניגרייך? ביים ווילדען, דעספּאָטישען מלך מצרים עקזיסטירט ניט קיין קעניגרייך, קיין פאָלק, קיין ל נ ו. ביי איהם עקזיסטירט נאָר „לי" — זיין איך, זיין פעל, זיינע שמערצען.

יעצט וועלען מיר פאַרשטעהן דעם ויכוח צווישען אונזער טאַטען אַברהם און אבימלך מלך פלישתים.

„ויאמר אבימלך אל אברהם: מה ראית כי עשית את הדבר הזה?" און אבימלך האָט געזאָגט צו אברהם: „וואָס האָסטו געזעהן אַז דו האָסט געטאָן אַזאַ זאַך? וואָס האָסטו ביי מיר אין דער מדינה געזעהן וואָס האָט אין דיין הארץ אַריינגעבראַכט אַזאַ מורא און דיר געמאַכט אַזוי צו האַנדלען?"

האָסטו ח"ו געזעהן ביי אונז בלוט־פאַרגיסער, אָדער אַזעלכע וועלכע קידנעפּען פרויען פון זייערע מענער?

ווייסטו דען ניט אַז אונזער לאַנד איז ציוויליזירט, געבילדעט, אַריסטאָקראַטיש, מיט שעהנע זיטען, מאַניערען און מדות טובות?

זעהסטו דען ניט ווי דעמאָקראַטיש, עהרליך מיט גרויסע פאַראַנט־וואָרטליכקייטען פון צדק און יושר אונזער לאַנד איז?

„ויאמר אברהם", און אברהם זאָגט:

דו ביזט, אדוני המלך, גערעכט. דיין לאַנד איז ווירקליך אַ דע־מאָקראַטישע און ציוויליזירטע, פאַרמאָגט אַלע גוטע אייגענשאַפטען און נמוסים ווי ציוויליזירטע מענשען דאַרפען האָבען — לויט די לאָגישע אָנווייזונגען פון שכל. — אָבער, אבימלך, — איך לייג ניט קיין סך געוויכט אויף ציוויליזאַציאָן געבויט בלויז אויף שכל. — מעג אַ מענש זיין העכסט געבילדעט, אַ גרויסער פילאָזאָף, אַריסטאָקראַטיש און אינ־טעליגענט ביז צו דער העכסטער שטופע; און דאָס גלייכען מעג אַ גאַנץ

פאלק זיין אויף דער העכסטער מדרגה פון ציוויליזאציאן, קען מען זיך אויף איהם אדער איהר קיין סך ניט פארזיכערען, אז שטענדיג וועט זיין, אדער איהר שכל, זיין שטארקער איבער די ליידענשאפטען וואס קענען אויף זיי באפאלען.

פארקערט, ווען אין מענשען וועט זיך צופלאקערען דער תאוה־פייער צו א שעהנער פרוי אדער צום חבר׳ס פארמעגען, וועט איהם זיין אייגענער ציוויליזירטער שכל פארפיהרען אין זומפ, אנווייזענדיג ווי אזוי זיינע זינד דורכצופיהרען, און זאגאר געפינענדיג פאר איהם היתרים אז דאס איז קיין פארברעכען אדער גאר א מצוה.

איין כח נאר איז דא, אויב דער מענש באזיצט איהם אין זיין נשמה, אויף וועלכען מען קען זיך פארזיכערען, אז ער וועט דעם מענשען ניט לאזען זינדיגען, פארהיטען איהם פון שלעכטעס, באשיצען איהם, ווי א גוטער געטרייער חבר, ניט צו פארקריכען אין זומפען און בלאטעס פון זינד און פארברעכען.

דער נאמען פון דעם „כח״ איז: „יראת אלקים״, מורא פאר גאט. מעג זיין יצר הרע זיך ווי שטארקען איבער איהם, מעגען זיינע ליידענשאפטען אין איהם ווי ברענען, וועט אבער זיין אמונה און מורא פאר גאט איהם שטארקען זיך צו באהערשען און זיך צוריקהאלטען פון זינדיגען. ווי אזוי וועט ער זיך ערלויבען צו זינדיגען, וויסענדיג אז גאט זעהט זיינע מעשים? וויסענדיג אז דער גרויסער קעניג זעהט זיינע מחשבות? און ניט נאר די מורא פאר גאט וועט איהם אפהאלטען פון זינד, נאר זאגאר די „בושה״:

„כל המתבייש לא במהרה הוא חוטא״ (נדרים כ׳). דער מענש וועלכער שעמט זיך זינדיגט ניט געשווינד. און אויב בושה פאר א מענשען איז בכח אפצוהאלטען פון זינד, מכל שכן בושה פאר׳ן מלך מלכי המלכים הקב״ה.

„ראשית חכמה יראת ה׳ שכל טוב לכל עושיהם תהלתו עומדת לעד״ (תהילים קי״א י׳). ווען פאר חכמה, קלוגשאפט, וויסענשאפט, בילדונג, קולטור און ציוויליזאציע איז דא יראת ה׳, דאמאלס שכל טוב, איז דער שכל, דער ציוויליזירטער שכל, גוט לכל עושיהם, פאר אלע וואס טוהען עס. און ווען יראת ה׳ געהט פאר חכמה און ווייזט איהר די וועג, דאמאלס, „תהלתו עומדת לעד״, עקזיסטירט זיין לויב

אימער. דאַמאָלס קען ציוויליזאַציע ווערען געלויבט, און עקזיסטירען אייביג.

און דארום זאָגט אברהם:

„כי אמרתי", איך האָב געטראַכט, „רק-נאָר", אין יראת אלקים במקום הזה". אמת, אַלץ איז דאָ ביי דיר אין לאַנד, נאָר איין זאַך, צום באַדויערען, פעהלט דאָ: — יראת אלקים, — דעריבער האָב איך מורא געהאַט, אַז „והרגוני על דבר אשתי", אַז זיי וועלען מיר הרג'ענען פון וועגען מיין ווייב, — ווען איך וועל זיי שטעהן אין וועג פון צו ערפילען זייער תאוה.

און ווי טיעפזיניג איז דער ביאור פון הכתב והקבלה. פּאַרטייטשענדיג דעם וואָרט „רק" — ליידיג (מלשון ריקות והרקה), רק — פּוסט, ליידיג איז דיין לאַנד, מיט איהר ציוויליזאַציע. זי איז אָהן אַ נשמה, אָהן אַן אינהאַלט, אָהן אַ פעסטען, זיכערען באָדען. „כי אין יראת אלקים במקום הזה", אַז אין דעם אָרט איז ניטאָ די מורא פאַר גאָט . . .

מיט דריי טויזענט זעקס הונדערט אַכט און פערציג יאָהר צוריק האָט אונזער פאָטער אברהם ערקלערט זיין פעסטע, איבערצייגענדע, געטליכע, פילאָזאָפישע אנשויאונג צו אַ מלך פון אַ דאַמאָלסדיגער, ציוויליזירטער מדינה. פון דאַמאָלס אָן האָט שוין די וועלט געהאַט טויזענטער פילאָזאָפישע, וויסענשאַפטליכע, הומאַנישע און סאָציאַלע שיטות אין וועלכע מענשען האָבען געגלויבט און וועלכע זיינען דערנאָך בטל געוואָרען; באוויזען געוואָרען פאַר ניט ריכטיג, ניט פּראַקטיש, ניט אויסגעהאַלטען.

אָבער אברהם אבינו'ס שטה, וועלכע איז אויסגעדריקט געוואָרען אין דעם איינצעלנעם, קליינינגען פסוק, איז היינט אַזוי אמת ווי דאַן; וואָס די וועלט ווערט קליגער, געלערענטער, געבילדעטער, כלומרשט ציוויליזירטער, באַווייזט זי אַלץ מעהר די ריכטיגקייט פון אברהם'ס רייד.

עס איז ניט די מאָס חכמה, בילדונג און אוניווערזיטעטען, וואָס מאַכען איהם פאַר אַן איידעלען, אינטעליגענטען געבילדעטען מענש; עס זיינען ניט די דיפּלאָמען און טיטולען, וואָס אַ מענש האָט ערוואָרבען, וואָס קענען איהם אויך געבען דעם העכסטען טיטול וואָס די צוויפיסיגע באַשעפענים דאַרף טראָגען, נעמליך: „דעם טיטול מענש". ניין! דעם טיטול קען ער נאָר ערווערבען דורך: „יראת ה'".

עס זיינען ניט די גרויסע בילדונג, די פיעלע טעכנישע אינוועציאָ־נען, רייכטהום, ענטוויקעלטער קאָמערץ, באקוועמע לעבענס־באדינגונ־גען, וועלכע מאַכען אַ פאָלק ציוויליזירט און מענשליך אויף אַן אמת; אויף וועמעס ציוויליזאציע מען קען זיך פארלאָזען. עס איז נייערט די מאָס פון „יראת אלקים", וואָס אַ פאָלק באזיצט, וואָס מאַכט איהר ציוויליזירטע אָרדענונג פעלזען־פעסט.

„יראת אלקים" איז די אמת המדה, די מאָס מיט וועלכע ציוויליזירטע מענשליכקייט, אָדער מענשליכע ציוויליזאַציאָן, ווערט געמאָסטען: „וויפיעל יראת אלקים אַזוי פיעל ציוויליזאציע".

און אויב עס איז ניטאָ קיין יראת אלקים, קען אויך ניט זיין קיין אמת'ע הומאַניטעט. און דארום האָט די תורה אוועקגעשטעלט אברהם'ס ביידע אידעאַלען אין איין פסוק:

„ויטע אשל בבאר שבע ויקרא שם בשם ה' אל עולם" (בראשית כ"א ל"ג), „און אברהם האָט געפלאַנצט אַן אשל־בוים און האָט דאָרטען גערופען צום נאָמען פון גאָט, דעם אייביגען גאָט".

ד"ה: דער זעלביגער אברהם, דער גרעסטער הומאַניטאַר, וואָס די מענשהייט האָט אַרויסגעגעבען, וועמענס האַרץ עס האָט געשלאָגען מיט כוואַליעס פון ליעבע און גוטסקייט צו דער גאַנצער מענשהייט, פון וועמענס נשמה עס האָט געשטרוימט אַן אונערשעפּליכער קוואַל פון חסד און רחמנות צו אַלע ליידענדע און עלענדע.

און איינאָרדענענדיג זיך אין פלישתים, כאָטש אַלס אַ גר, „ויגר אברהם בארץ פלישתים" (שם), האָט ער גלייך געפלאַנצט אַן „אשל", אַן הכנסת אורחים פאַר אַלע הונגעריגע, דורשטיגע און מיעדע; — אש"ל ר"ת אכילה שתיה לינה — אָהן אונטערשייד פון וואַסער, לאַנד, פאָלק, ראַסע אָדער רעליגיאָן איינער איז געוועזען. אַלע זיינען געוועזען זיינע ברידער, ווייל אַלע מענשען זיינען גאָט'ס קינדער.

דער זעלביגער אברהם האָט אויך געפלאַנצט אַ גייסטיגען אש"ל, אַ שוהל פון וועלכען: „ויקרא שם בשם ה' אל עולם", ער האָט גערופען צום נאָמען פון גאָט, — „אשל, פרדס היה להתפלל שם" (רשב"ם).

ווארום: „ואהבת לרעך כמוך" און „ואהבת את ה' אלקיך" מוזען געהן צוזאַמען.

דער זעלביגער אברהם, וועמעס יראת אלקים איז געווען אזוי שטארק דאס ער איז געווען גרייט צו שחט'ן זיין איינציג געליעבטען זוהן, אום צו ערפילען גאט'ס רצון.

„עתה ידעתי כי ירא אלקים אתה ולא חשכת את בנך את יחידך ממני" (בראשית כ"ב י"ב), יעצט וויים איך, אז דו פירכסטעסט גאט, און דו האסט ניט פארמיטען דיין זוהן, דיין איינציגען, פון מיר.

דער זעלביגער אברהם איז אויך געווען א גרויסער „ירא אנשים", האט מורא געהאט ניט צו טהאן שלעכטעס צו מענשען, ניט מאכען צו פיהלען זיי ח"ו שלעכט, צו ערפילען יעדען איינעמס רצון; און דארום, ווען ער האט געהאט דריי אורחים, האט ער געקוילעט דריי אקסען, אום צו קענען צופרידען שטעלען גלייך יעדענס רצון: צו געבען יעדען פון זיי א גאנצען צונג מיט זענעפט. ווארום אויב ער זאל איינעם געבען צונג, דעם צווייטען ברוסט, דעם דריטען אנאנדער טהייל פון אקס' פלייש, קען זיין אז איינער וועט מקנא זיין דעם צווייטען — דער חבר האט א בעסערען, געשמאקערען חלק, און אזוי ארום איז מעגליך, אז דעם אורח'ס רצון וועט ניט ערפילט ווערען, און אברהם וועט ניט מקיים זיין די מצוה פון הכנסת אורחים ווי געהעריג.

נאך מעהר קענען מיר זעהן ווי שטארק עס איז געווען זיין „יראת אנשים", אז עס זאל צו קיין מענש ניט געשעהן קיין שלעכטס, פון זיין פארלאנג פון גאט: „דאס אויב עס געפינען זיך אין סדום צעהן צדיקים זאל גאט ניט פארדארבען סדום".

אלע רשעים פון סדום זאלען ניצול ווערען פון זייער פארדינטער שטראף, כדי די צעהן צדיקים זאלען ח"ו ניט ליידען.

יע, דער „אשל" פון „אהבת אנשים", פון הומאניטעט, מענשען־ליעבע, און פון „יראת אנשים", די מורא פון ניט שלעכטס טהאן מענשען, מוז געפלאנצט ווערען צוזאמען מיט'ן „אשל" פון: „ויקרא בשם ה'" אהבת ה' און יראת ה'.

און ווי מיר זעהען פון דער תורה, האט אברהם, א דאנק דיביידע אשל'ס, וואס ער האט אין פלישתים פארפלאנצט, געמאכט דאס לאנד פלישתים אן אמת ציוויליזירט לאנד, וואו מען האט זיכער געקענט לעבען, ניט מורא האבענדיג אז צוליעב צובושעוועטע תאוות זאל מען הרג'ענען א מענשען. אזוי דערצעהלט די תורה, דאס נאכדעם ווי אברהם

„ויטע אשל" האָט ער געפיהלט אַז עס איז זיכער דאָרטען צו וואָהנען און:

„ויגר אברהם בארץ פלישתים ימים רבים".

און אברהם האָט געוואוינט אין דעם לאַנד פון פלישתים פיעלע טעג, זעקס און צוואַנציג יאָהר (עיין רש"י ז"ל).

די וועלט, די מענשליכע וועלט, שטרעבט, בייגקט און ציעלט זיך צו פאַרווירקליכען אברהם׳ס רחמנות און מענשען-ליעבע אידעאַלען און אויך צו פלאַנצען אַזעלכע „אשל׳ס" ווי ער, און מען קען ניט לייקענען, די מענשהייט פאַרמאָגט אַביסעל הומאַניטעט און רחמנות, בוימלאך פאַרפלאַנצט פון צווייגעלאך פון אברהם׳ס „הומאַניטעט - בוים - אשל".

אָבער, צום באַדויערען, זיינען די פירות ניט צופיעל זיס! אַמאָל אויך זויערליך אָדער שטאַרק זויער, ווערימדיג און ביטער. פאַרוואָס? ווייל צוזאַמען מיט אשל פון „הומאַניטעט" פלאַנצט זי ניט דעם אשל פון „יראת אלקים".

די וועלט, די וויסענשאַפטליכע וועלט, שטרעבט צו אַנטוויקלען דעם ציוויליזאַציאָנס-בוים. אַ דאַנק איהר חכמה און דעת, פליהט זי זיכער ווי אַ פויגעל אין די הימלען; שווימט זיכער אונטער׳ן וואַסער און איבער די וואַסערען ווי אַ פיש; קריכט זיכער ווי אַ שלאַנג אין די טיעפעניש׳ען פון תהום; רעדט מיט זיכערקייט אין איין מינוט פון איין עק וועלט צו דער צווייטער. אָבער איין זאַך האָט זי נאָך, צום באַדויערען, ניט געמאַכט זיכער, און דאָס איז: „צו קענען לעבען אויף דער ערד רוהיג און זיכער ווי מענשען".

קלוג איז די מענשהייט ווי מלאכים אין הימעל, אָבער ווילד און פאַרדאָרבען ווי די חיות אין וואַלד. זיי רייסען זיך, צוקען זיך, פרעסען איינער דעם צווייטענס פלייש, טרינקען דורשטיג איינער דעם אַנדערענס בלוט, ווי ליידענשאַפטליכע, בלוט-דורשטיגע בעסטיעס. פול איז די וועלט מיט זנות, אויסגעלאַסענהייט, פאַרדאָרבענהייט, שכרות, שנאה, גנבה און גזלה, ווילדע תענוגים - יאָגענישען, סיי ביים פראָסטען, און-וויסענדען פאָלק און סיי ביים געבילדעטען, וועלכע באַנוצען זיך מיט זייער בילדונג אום צו זינדיגען.

ווארום איז דאָס אַזוי?

איז דער תירוץ:

„כי אין יראת אלקים במקום הזה והרגוני על דבר אשתי". ווייל עס איז ניטאָ קיין מורא פאַר גאָט אין דעם ציוויליזירטען אָרט, דארום הרג'עט מען.

אַמאָל צוליעב אַ פּרוי, אַמאָל צוליעב רייכטהום אָדער כבוד, אַמאָל צוליעב רעליגיעזען פאַנאַטיזם, אַמאָל צוליעב פוסטען נאַרישען ראַסען-שטאָלץ, און אַמאָל צוליעב משוגענע אידעען.

מיט איין זאַך בלויז אונטערשיידעט זיך די ציוויליזירטע מענש-ליכע חיה פון ישוב פון די חיות פון וואַלד, נעמליך:

מיט דעם וואָס זי קען זיך אַ געוויסע צייט פאַרפּוצען, פאַרשמינקען און פאַרפּודערען איהר פּנים, פאַרפאַרבען איהרע בלוט-דורשטיגע תאוה-דיגע ליפּען און שאַרפע שפּיציגע נעגעל מיט בלויע ציוויליזאַציאָנס-פאַרב, אַז איהר אמת'ער פּרצוף זעהט זיך ניט אַרויס און מען קען דענקען אַז זי איז ווירקליך אַן אויבערמענש. אָבער פון צייט צו צייט קומט אַ מבול פון די אויבענדערמאָנטע ליידענשאַפטען און וואַשט אַפּ די ציוויליזאַציאָנס-פאַרב, און זי באַווייזט זיך מיט איהר אמת'ער געשטאַלט.

די ציוויליזירטע מענשהייט קען סימבאָליזירט ווערען מיט דער באַוואוסטער מזרח-פאַבעל וועגען דעם פוקס מיט דער בלוי-געפאַרב-טער פעל. אַזוי ווערט דאָרטען דערצעהלט:

אַמאָל איז געווען אַ פוקס, וועלכער איז געווען אַ כיטרער, אַ פאַל-שער און גרעסערער עזות-פּנים פון זיינע איבעריגע חברים פוקסען. דערצו איז ער נאָך אויך געווען אַ נייגעריגער אַלץ צו וויסען. אימער און אומעדום פלעגט ער נאַר אַרומגעהן זוכען, נישטערען, שמעקען און זיך גריבלען. ער איז געווען, ווי מען רופט דאָס, אַ „קאָך-לעפעל". שטענדיג געמוזט אַריינשמעקען אין צווייטענס געשעפטען.

איין טאָג, אַרומשלעפענדיג זיך בגנבה צו זוכען נייע סודות פון פרעמדע געשעפטען, האָט ער פאַרבלאָנדזשעט צו אַ פאַרבער, וואו ער האָט, ווי זיין שטייגער, געשמעקט, שפּיאָנירט, ביז ער איז צוגעקומען צו אַ גרויסען קעסעל, אין וועלכען עס איז געווען אינדיגאָ, בלויע פאַרב; וועלענדיג זעהן וואָס דאָרטען געפינט זיך, איז ער אין קעסעל אַריינ-געפאַלען, און זיין פעל איז אין גאַנצען געוואָרען אָפּגעפאַרבט בלוי.

מיט גרוים צרות און מיה איז ער קוים פון קעסעל אַרויסגעקראָכען און אַנטלאָפען צוריק אין וואַלד.

ווען ער האָט זיך אין וואַלד באוויזען, זיינען אַלע חיות איבער־ראַשט און ערשטוינט געוואָרען פון גרוים וואונדער. קיינמאָל אין זייער לעבען האָבען זיי נאָך אַזאַ באַשעפענים ניט געזעהן.

בליץ-שנעל האָט זיך די נייעס וועגען דער וואונדערליכער בלויער חיה איבער'ן לאַנד פאַרשפּרייט, און פון אַלע עקען לאַנד איז מען געקומען אָנקוקען און באַוואונדערען די זעלטענע ערשיינונג.

פון באַוואונדערונג איז מען געקומען צו רעספּעקט. עס האָט לאַנג ניט גענומען און דער כיטרער פוקס מיט זיין בלויער פעל איז ערוועהלט געוואָרען קעניג פון גאַנצען וואַלד, כאָטש ער האָט געוואוסט אַזוי פיעל פון פיהרען אַ מלוכה ווי אַ האָן פון בני אדם, אָדער אַ רעפאָרם-ראַביי פון אידישקייט.

אומעדום, וואו ער איז נור ערשינען, איז ער אויפגענומען געוואָרען מיט'ן גרעסטען רעספּעקט און כבוד. אַלע זיינען הייזעריג געוואָרען שרייענדיג: „לאַנג לעבען זאָל די בלויע פעל!" „עהרע פאַר אונזער קעניג, די בלויע פעל!" ווייל זיי האָבען געדענקט, אַז אונטער דער בלויער פעל פליסט ווירקליך בלויע בלוט.

אויך אונזער פוקס זעלבסט האָט פאַרגעסען דאָס די בלויקייט איז ניט טיעפער ווי די פעל זיינע און אַליין איז ער אַ פּוסטער, פאַלשער און כיטרער פוקס; ער האָט פאַרלאָרען זיין קאָפּ און ער האָט אַליין אָנגע־הויבען גלויבען מיט אַן אמת דאָס ער איז טאַקע גרעסער פאַר אַלעמען, באַזיצט אויסערגעוועהנליכע, געוואַלדיגע פעהיגקייטען, און אַלע חיות פון וואַלד זיינען נאָר באַשאַפען געוואָרען איהם צו באַדינען, אים צו־צושטעלען פאַרגעניגען און קאָמפּאָרט; אַלע זיינען מחויב זיך מקריב צו זיין מיט זייערע לעבענס פאַר איהם, „די אויבער-חיה", ווארום נאָר צוליעב איהם איז דער גאַנצער וואַלד מיט אַלע זיינע באַשעפעניסען באַשאַפען געוואָרען.

ווען ניט ער מיט זיין בלויער פעל, וואָס פאַר אַ טעם, אינטערעס און אויסזעהן וואָלט, מישטיינס געזאָגט, דער גאַנצער וואַלד האָבען?

מיט דער צייט איז איהם זיין אייגענער וואַלד ענג געוואָרען; איהם האָט זיך פאַרגלוסט אויך אַנדערע וועלדער איינצונעמען, זיי זאָלען איהם

אויך פּראָקלאַמירען פאַר זייער מלך, זיך צו איהם בוקען און איהם פאַר־זאָרגען מיט מעהר חיה'שע לוקסוס און פאַרגעניגען.

צוליעב דעם צוועק האָט ער פאַרזאַמלט זיין גאַנצע אַרמעע, און זיי, מיט זיין מאַיעסטעט זעלבסט אָן דער שפּיצע, האָבען אָנגעהויבען מאַרשירען פאָרווערטס . . . דורך יעדען וואַלד, וואו זיי זיינען דורכ־געגאַנגען, האָבען די וואַלד-איינוואָהנערם געמוזט צו דער „בלויער פעל" זיך בוקען און אנערקענען זיין אויבערמאַכט און הערשאַפט; אויב ניט האָבען זיי דעם וואַלד חרוב געמאַכט, און די איינוואָהנערם מיט זייערע שאַרפע ציינער און נעגעל צוריסען און צוביסען.

אַ שרעק איז אָנגעפאַלען אויף אַלע איינוואָהנערם פון די וועלדער, וואו נור עס האָט זיך דער נאָמען פון דער „בלויער פעל" דערטראָגען.

די אַרמעע פון דער „בלויער פעל" האָט געמאַרשירט מיט גרוים מוטה, העלדישקייט און שטאָלץ. מיט שמחה האָבען זיי זייערע לעבענס אָפּגעגעבען, גלויבענדיג אין זייער גרויסער מיסיאָן צו פאַרשפּרייטען די הערשאַפט פון דער „אויבער-חיה", די „בלויע פעל", אין וועמעס אָדערען עס פליסט „בלויע בלוט" פון העכסטען אדעל, עלעגאַנץ, צירליכקייט, אַריסטאָקראַטיע, ליעבע און איבערגעבענהייט צו אַלע גאָט'ס באַשע־פעניסען, און מכל שכן צו זיי, זיינע טרייע, איבערגעבענע דינער.

ליגענדיג אַמאָל אויפ'ן פעלד ביינאַכט נאָך אַ שווערען מלחמה-טאָג און חלום'ענדיג זיסע חלומות וועגען דער גליקליכער צוקונפט, ווען די „בלויע פעל" וועט הערשען איבער אַלע וועלדער, און אַלע חיות וועלען געניסען דעם אמת'ען חיה'שען גליק, איז פּלוצלונג אַראָפּ אַ גרויסער שלאַגם-רעגען. קיין באַשיצונג האָבען זיי ניט געהאַט און אונזער גרוי־סער הערשער מיט זיין אַרמעע האָבען נעבאך געמוזט ליגען אויפ'ן פרייען פעלד.

פון רעגען איז זיין מאַיעסטעט גוט אָפּגעצוואָגען געוואָרען, זיין פעל איז געוואָרען ריין ווי אַמאָל, ווייל דער רעגען האָט אָפּגעוואַשען די פאַרב און — וואונדער איבער וואונדער — ניטאָ מעהר . . . קיין „בלויע פעל"!

די חיות האָבען דערקענט דעם צבוע'יאק, אַז דאָס איז דער אַלטער, פאַרהאַסטער, פאַרדאַרבענער, כיטרער פוקס.

זיי זיינען פאַרשעמט געוואָרען, דערזעהענדיג ווער עס איז זייער

הערשער געווען. פון גרויס חרפה און בזיון האָבען זיי איינער דעם צווייטען ניט געקענט קוקען אין די אויגען.

פון גרויס צאָרן פאַר בושה זיינען זיי אויף איהם אָנגעפאַלען נקמה צו נעמען. איינער האָט איהם זיין פעל געריסען מיט די צייהנער, אַ צווייטער מיט די נעגעל אז״וו.

מיט גרויסע צרות האָט זיך קוים איינגעגעבען זיין קעניגליכע הויכקייט, הערשער, חכם, דיפלאָמאַט, באַזיגער און וועלט-באפרייער צו אַנטלויפען טיעף אין וואַלד מיט צואוועהטאָגטע גלידער, צובראָכענע ביינער, צוריסענע פעל, באדעקט אין גאַנצען מיט בלוט וואָס האָט געררונען פון זיינע שמערצליכע וואונדען, מיט אַ קלאָרער איבערצייגונג, דאָס ער איז געווען ניט מעהר ווי אַ פּוסטער צבוע׳יאַק, היפּאָקריט, אויסוואורף, און דאָס ניט שטענדיג קען מען די גאַנצע וועלט נאַרען; פריהער, שפּעטער קומט אַ שלאַגס-רעגען, די פאַרב ווערט אָפּגעוואַשען, דער אמת׳ער פרצוף ווערט באוויזען און די אָפּגענאַרטע נעמען זייער ראַכע פון זייערע נאַרערס און פאַרפיהרערס.

צום באַדויערען, ביז וואַנען דאָס טהוט געשעהן ליידעט די וועלט פון די בלוי-געפאַרבטע מיט ציוויליזאַציאָנס-פאַרב פוקסען, וועלכע פאַראורזאַכען גענוג צרות און חורבנות.

קיין צו גרויסע קאָמענטאַרען איז צו דער פאַבעל ניט נויטיג. זי שפּיגעלט אָפּ קלאָר און דייטליך אונזער ציוויליזאַציע. מיט איהר נאָז זוכט זי, נישטערט און שמעקט; אַלע סודות פון דער געטליכער נאַטור וויל זי וויסען; און אַזוי זוכענדיג איז איהר פעל אָפּגעפאַרבט געוואָרען מיט בלויע, ציוויליזירטע פאַרב. אַלע מענשען פון גרויסען וועלט-וואַלד האָבען גענומען גלויבען אַז זי איז די אויבער-באַשעפענים, אָדער די אויבער-חיה, האָבען זיך גענומען צו איהר בוקען, פאַרגעטערען איהר, און זי האָט אויך אָנגעהויבען צו גלויבען אין זיך. און זי האָט אַלע איהרע נאָכפאָלגער פאַרשקלאַפּט, געמאַכט פאַר אונטערדריקטע חיות, וועלכע מוזען פאָלגען איהר באַפעהל, קעמפּפען פאַר איהר און העלפען באַזיגען די אַנדערע וועלדער — די גאַנצע נאַטור מיט איהרע באַשעפעניסען, אַז זיי זאָלען אנערקענען איהר אויבערמאַכט, איהר הערשאַפט און איהר דיקטאַטורשיפּ.

אין איין וואַלד איז די פעל פון כיטרען ציוויליזירטען פוקס אָפּ-געפאַרבט מיט סאָציאַליסטישער אָדער קאָמוניסטישער פאַרב; אין

א צוּווייטען מיט פאשיסטישע; אין א דריטען מיט נאצישע; אין א פירטען מיט קאפיטאליסטישע. אבער דער ציעל פון אלעמען איז איינע און די זעלביגע, נעמליך: צו מאכען די מענשען פאר פארשקלאפ־טע חיות, זיי פייניגען און דריקען אונמענשליך, מאכען זיי צו לעבען אין באדינגונגען ערגער פון חיות אין וואלד, אונטערדריקענדיג ניט נאר זייערע קערפערס, נאר אויך זייערע נשמות, זייערע געדאנקען, זייערע רייד און זייערע געפיהלען.

בלוט גיסט זיך ווי וואסער; ניטא קיין רחמנות. אויב דער ציווי־ליזירטער פוקס האט יע אביסעל רחמנות, איז דאס אויף דער „אייזערנער מאשין", ווייל דעם ציוויליזירטען פוקס' שטה איז: „אז מאשין איז העכער פאר מענש". דער מענש מוז זיין דער שקלאף צו דער מאשין. מענשען ווערען געבוירען אנדערע, אבער צו באקומען א נייע מאשין דארף קאסטען געלט

אזוי הויך, הומאניש איז דער ציוויליזירטער פוקס אויסגעשטיגען. אויף אמאליגער אונציוויליזירטער וועלט איז געזאגט געווארען די מליצה: „זובחי אדם עגלים ישקון" (הושע י"ג ב'), „מענשען שעכט מען און קעלבער קושט מען". איז א קאלב כאטש א לעבעדיגע, צארטע, פיהלענדע באשעפענים. היינט וואלט דער נביא אנדערש זאגען, נעמליך:

„זובחי אדם מכונות ישקון", „מענשען שעכט מען, מאשינעס קושט מען".

פון וואנעט האט זיך אזא שרעקליכע לאגע גענומען? איז דער תירוץ:

„רק אין יראת אלקים במקום הזה", נאר קיין פורכט פאר גאט איז אין דעם ציוויליזירטען וואלד ניטא. און דעריבער: „והרגוני על דבר" — טויטעט מען זיך צוליעב — סאציאליזם, קאפיטאליזם, פאשיזם, נא־ציזם, הומאניזם אז"וו.

עס וועט אבער קומען א צייט נאך א גרויסען שלאגס־רעגען אדער גאר א מבול,—אויב דער ציוויליזירטער פוקס וועט ניט תשובה טהאן,— און ער וועט אפוואשען די ציוויליזירטע פארב פון פוקס' פעל, און די מענשהייט וועט דערזעהן זיין אמת'ן פרצוף און וועט באפאלען דעם כיטרען פוקס, צוברעכען זיינע ביינער, צורייסען זיין פעל, פאריאגען איהם ווייט אין וואלד, ווייט פון דער מענשהייט . . . און די מענשהייט וועט פארפלאנצען אן אמתן ציוויליזאציאנס־אשל, אברהם'ס אשל, וועלכער וועט פאראייניגען ביידע זאכען אין איינעם: „יראת אלקים

מיט הומאַניטעט". „ויקרא בשם ה' אל עולם", אַלעס וואָס די ציוווי־ליזירטע מענשהייט וועט שאַפען און טהאָן וועט עס זיין גערופען „בשם ה' אל עולם", אינ'ם נאָמען פון גאָט, דעם אויביגען גאָט.

און אונטער דעם שאָטען פון די צווייגען פון דעם ציוויליזאַציאָנס־בוים, וואָס וועט געפלאַנצט זיין לויט דעם מוסטער פון פאָטער אברהם'ס „אשל", וועט די וועלט זיין אמתדיג באשיצט, זיצען זיכער און רוהיג, זיך קוויקען מיט זיינע זאַפטיגע, הומאַנישע פרות, און זינגען שירות ותשבחות צום גאָט פון אברהם.

בב"א.

דרוש י"ח לפ' וירא.

באור יפה בפסוק

משׁ"ב הגביר הנכבד ומפורסם בחכמתו ובנדבת לבו, למדן מופלג ושנון כש"ת מוה"ר שלום דוב דזייקאבסאן נ"י, מעליזאבעט, ניו־דזש. ועכשיו תושב תל אביב, א"י.

„ולשרה אמר הנה נתתי אלף כסף לאחיך, הנה הוא לך כסות עינים לכל אשר אתך ואת כל ונוכחת". (כ' ט"ז.)

און צו שרה'ן האָט ער געזאָגט: זעה, איך האָב גע־געבען טויזענט זילבער־שטיק צו דיין ברודער, עס איז פאַר דיר אַן אויגען צודעק פאַר אַלע וואָס זיינען מיט דיר, און ביי אַלע וועסטו גערעכטפערטיגט זיין.

רש"י ערקלערט: „לאחיך — צו דיין ברודער": וועגען וועמען דו האָסט געזאָגט אַז ער איז דיין ברודער. —

איז די זאַך קשה:

ווען איינער טהוט אַן עולה צו אַ צווייטען איז דער נמוס ודרך ארץ, דאָס ווען זיי בעטען זיך איבער, די עולה ווערט פאַרריכט, אויסגעגלייכט

באמיהט מען זיך איהר צו פארגעסען. איבערהויפט ווען מען זיך אויס-היטען ניט צו דערמאָנען די עולה איינער דעם צווייטען, אום איהם ניט צו פארשעמען.

און ווען איינער האָט אין זיין משפחה געהאַט אַ זינדיגען, וואָס איז צוליעב זיין זינד געהאַנגען געוואָרען, לערנען אונז אונזערע חכמים ז״ל: מען זאָל דעם וואָרט הענגען ניט דערמאָנען אין זיין געגענוואַרט. מען זאָל צום ביישפּיעל ניט זאָגען צו איהם: „תלא לי נונא״, הענג אויף דעם פיש. ובפרט אַ מלך, וועמענס ווערטער דאַרפען זיין געוואויגען און געמאָסטען. ובפרט אַזאַ מלך ישר ווי אבימלך מלך פלישתים איז געווען. (עיין דרוש י״ז.)

טו ווי אַזוי, פרעגט זיך: ווי אַזוי האָט אבימלך איצטער דערמאָנט דעם וואָרט „אחיך״?

אַ וואָרט וועלכער דערמאָנט אין דעם ליגען וואָס אברהם ושרה האָבען געזאָגט אום זיך צו פאַרהיטען פון אַ סכנה.

אבימלך האָט דאָך שוין יעצט געוואוסט אַז אברהם און שרה זיינען מאַן און ווייב, האָט ער געדאַרפט זאָגען:

הנה נתתי אלף כסף לבעלך״.

איך האָב געגעבען צו דיין מאַן טויזענט זילבערשטיק?

אויך זיינען די ווערטער פון פסוק שווער צו פאַרשטעהן:

„הנה הוא לך כסות עינים לכל אשר אתך״, עס איז פאַר דיר אַן אויגען צודעק פאַר אַלע וואָס זיינען מיט דיר. „ואת כל ונוכחת״, און ביי אַלע וועסטו גערעכטפאַרטיגט זיין?

דער תירוץ איז אַזוי:

אבימלך האָט מיט׳ן וואָרט: „לאחיך״ פאַרקערט געוואָלט ווייזען שרה׳ן ווי הויך ער רעספּעקטירט איהר, ווי וויט ער באַמיהט זיך צו פאַרהיטען זייער כבוד:

אבימלך, כאָטש ער האָט זיך דערוואוסט אַז אברהם און שרה זיינען מאַן און ווייב, האָט ער עס קיינעם ניט דערצעהלט. ער האָט ניט געוואָלט אַז זיי זאָלען ח״ו ווערען בלאַמירט אַלס ליגנער.

אמת ער האָט געוואוסט אַז זיי האָבען קיין ליגען ניט געזאָגט, ווייל זיי זיינען דאָך אויך געווען שוועסטער און ברודער פון איין טאַטען,

אָבער פאַר דער וועלט וועט עס קיין תירוץ ניט זיין. די וועלט וויל ניט וויסען פון קיין דיטיילס, איינצעלהייטען. מ'קען אַ וועלט ניט פאַרמאַכען דאָס מויל.

די וועלט וועט זיך אָנכאַפּען אין דעם ווי אין אַן אבן טוב. עס זיינען געקומען צוויי גרים אין לאַנד און האָבען אָפּגענאַרט דעם מלך זעלבסט. דארום האָט ער עס ניט מגלה געוועזן.

און ווען ער האָט געשיקט צו אברהם'ען טויזענט זילבער־שטיק האָט ער דעם שליח געזאָגט:

„ברייננ די מתנה צו שרה'ס ברודער".

דאָס האָט אבימלך געזאָגט צו שרה'ן:

„הנה נתתי אלף כסף לאחיך". זעה שרה: איך האָב געגעבען די טויזענט זילבער־שטיק צו דיין ברודער, ניט צו דיין מאַן, און דאָס וועט זיין פאַר דיר: „אכסות עינים", אַ צודעק פון כבוד פאַר דיינע אויגען. דו וועסט זיך ניט דאַרפען שעמען צו קוקען מענשען אין די אויגען, אַלס געכאַפּטע ביי אַ ליגען.

נאָך אַ טובה, שרה, וועט פון דעם, וואָס איך האָב ניט מגלה געווען דעם סוד, אַרויסקומען:

„לעיני כל ונוכחת".

דו און אויך דיין ברודער וועלען זיך קענען מיט אַלעמען מתוכח זיין, און ביי אַלעמען זיין גערעכטפערטיגט.

אייער ציעל אין לעבען איז צו פאַרשפּרייטען גאָט'ס הערשאַפט. „ויקרא שם בשם ה' אל עולם" (שם כ"א ל"ג), און מענשען־ליעבע, צו־ליעב דעם מוז אייער רעפּוטאַציאָן, גוטער נאָמען זיין ריין, אָהן אַ שום פלעק. ווארום ווען אייערע שונאים, געגנערס פון אייערע לעהרעס, וועלען זיך פון דעם דערוויסען, וועלען זיי עס אויספּויקען פאַר דער גאַנצער וועלט, צושמירען עס אויף טעלערלאַך, באווייזענדיג וואָסערע ליגנערס איהר זייט, און מען קען ניט האָבען קיין צוטרויען צו אייערע רייד. ודפ"חח.

דרוש י״ט ליום הכיפורים, אפיעל לצדקה

אַ רפואה צו דעפּרעסיע

הפטרת יום כפור. ישעיה'ס מוסר צו די רייכע און צו די אָרימע. ווען ווערט דעם מענשענס שטימע פון געבעט דערהערט אין די הויכע הימלען? גאָט'ס תורה און די מאָדערנע תורה פון: „טשאַריטי בעגינס עט האָום". וואָס מעהר אַ מענש ווערט רייך, אַלץ מעהר ווערט ער אָרימער? ווען וועלען די פינסטערע וואָלקענס פון קריזיס צוטריבען ווערען און די זון פון הצלחה וועט אָנהייבען לייכטען?

„קרא בגרון אל תחשך כשופר הרם קולך והגד לעמי פשעם ולבית יעקב חטאתם. (ישעיה נ״ח א׳.)

רוף אויס פון פולער קעהל, זאָלסט ניט צוריק־האַלטען. ווי אַ שופר הויב אויף דיין קול, און זאָג צו מיין פאָלק זייער פאַרברעכען, און דעם הויז פון יעקב זייער זינד.

מיט די ווערטער פאַנגט דער נביא ישעיה אָן זיין אונערשראָקענע נביאות וועגען זינד און פאַרברעכען.

אין דיזע ווערטער דריקט זיך אויס זיין גרויסע פאַרביטערניש קעגען פאָלק און זיין פיהרונג, און ער איז פעסט באשלאָסען ניט שטיל צו בלייבען ביז וואַנען זיין שטימע וועט דערהערט ווערען, ביז וואַנען זי וועט אַריינדרינגען אין זייערע טויבע אויערען און פאַרשטיינערטע הערצער.

ווי עס ווייזט אויס, איז דאמאָלס די לאַגע געווען אַ קריטישע, אַן אומרוהיגע. די לופט איז פול געווען מיט מלחמה און, ווי געוועהנליך אין אַזאַ צייט, האָט אויך געהערשט דעפּרעסיע, אָרימקייט. דאָס פאָלק האָט זיך אין בית המקדש פאַרזאַמעלט טעגליך און געבעטען ביי גאָט הילף. און מכל שכן האָבען זיי עס געטהאָן יום כפור.

און אין אַ יום כיפור טאָג האָט ער דיזע פייערדיגע נביאות צו זיי געזאָגט:

„ואותי יום יום ידרשון ודעת דרכי יחפצון כגוי אשר צדקה עשה ומשפט אלהיו לא עזב, ישאלוני משפטי צדק קרבת אלקים יחפצון".

טאָג פאַר טאָג זוכען זיי מיר, און צו וויסען מיינע וועגען באַגערען זיי, אַזוי ווי אַ פאָלק וואָס טהוט גערעכטיגקייט, און וואָס האָט ניט פאַרלאָזען דאָס געבאָט פון זיין גאָט. זיי פרעגען מיר וועגען די גערעכטע אויפפיהרונג, אַזוי ווי זיי וואָלטען האָבען לוסט צו זיין נאָהענט צו גאָט.

זיי האַלטען זיך פאַר אַזעלכע שעהנע אידען, גוטע אידען, איבערגעגעבענע אידען צום בית המקדש, צו די כהנים, לוים, אידישע תלמידי חכמים, צום אָרימען און געדריקטען, צום עלענדען און פאַרלאָזענעם, אַז זיי בעטען גאַר ניט ביי גאָט רחמנות, נאָר זיי פאָדערען, שטעלען פראַגעס, ווארום גאָט קוקט זיך ניט אַרום אויף זיי? ווארום גאָט ערפילט ניט אַלע זייערע פאַרלאַנגען? ווארום מאַכט ער זיך ניט וויסענדיג?

זיי זאָגען מיט ברייטקייט:

למה צמנו ולא ראית? עינינו נפשנו ולא תדע?

פאַרוואָס פאַסטען מיר און דו זעהסט ניט? פאַרוואָס פייניגען מיר אונזער זעעל און דו באַמערקסט ניט?

און גאָט ענטפערט:

„הן ביום צומכם תמצאו חפץ", זעהט, אין דעם טאָג פון אייער פאַסטען זוכט איהר דאָך נאָר אייערע אייגענע נוצען.

יעדער איינער האָט נאָר זיין עגאָאיסטישען א י ך אין זינען; קיינער פיהלט ניט מיט די לאַגע פון חבר; קיינער וויל גאָר ניט וויסען ווי עס לעבט זיין חבר. יעדער איינער פאַרשטאָפּט זיינע אויערען מיט עגאָאיסטישע וואַטע אום ניט צו דערהערען דעם חבר'ס קרעכץ, עס זאָל ח"ו ניט צונעמען זיין רוהיגען שלאָף, אום עס זאָל ח"ו ניט מאַכען וועהען זיין זאַטע, פאַרפעטסטע האַרץ. אַ באַווייז אַז עס איז אַזוי:

„וכל עצביכם תנגשו".

„אַלע אייערע אַרבייטער דריקט איהר".

גענוג האָבען אייערע אַרבייטער געליטען דחקות אין גוטע יאָהרען, אָבער דאַן איז נאָך געווען צו דערליידען, דאַן האָבען זיי נאָר געליטען

„דחקות”, ווער מעהר, ווער ווינציגער. אָבער היינט, אַ דאַנק דע־פּרעסיע, קריזיס, ליידען זיי פון אייך „נגישות.

איהר ווילט פּראָספּעריטי ברייגגען אין לאַנד, אַזוי זאָגט איהר, און דער מיטעל אייערער צו דעם איז: נוגש צו זיין דעם אַרבייטער און אָנגעשטעלטען, שניידענדיג אום'רחמנות'דיג זיין מאַגערען, אַזוי אויך הונגער-לוין, און צווינגענדיג צו אַרבייטען לענגערע טעג, און אויך צו אַרבייטען איבער די כחות.

און כאָטש איהר נוצט אויס די קאַטאַסטראָפע פון לאַנד פאַר זיך נוגש צו זיין דעם אַרבייטער, זויגען זיין בלוט און זיך באָדען אין זיין שוויס, קוקט איהר נאָך אויף זיך ווי אויף בעלי צדקה, וואוילטהעטיגע לייט.

„כגוי אשר צדקה עשה”, ווי אַ פאָלק וואָס טהוט צדקה.

אַ קלייניגקייט, טראַכט איהר זיך, וואָס פאַר אַ פּאַטריאָטען פאַר'ן פאָלק און הומאַניסטען פאַר אונזערע מענשען ברידער מיר זיינען, מיר גיבען זיי דאָך אַרבייט, גיבען זיי געלעגענהייטען צו פאַרדינען זייער ברויט פאַר זיך, זייערע פרויען און קינדער.

אמת, שוואַכע לוין, אָבער גענוג אַז זיי זאָלען ניט שטאַרבען פון הונגער און קענען ווייטער אַרבייטען ביז מיר וועלען ברייגגען פּראָס־פּעריטי אין לאַנד . . .

„הן לריב ומצה תצומו ולהכות באגרף רשע”.

זעהט, איהר פאַסט, אָבער איהר זייט גרייט צו קריג און שטרייט און צושלאָגען מיט'ן פויסט פון אומרעכט, אויב אייערע אונטערדריקטע אַרבייטער פּראָטעסטירען פאַר די נגישות וואָס איהר טהוט צו זיי.

„לא תצומו”, איהר פאַסט ניט, „כיום”, עס איז קלאָר ווי דער טאָג. כדי: „להשמיע במרום קולכם”, אום צו מאַכען הערען אין הימעל אייער שטים.

עס איז קלאָר ווי דער טאָג דאָס איהר פאַסט ניט, ווייל איהר ווילט תשובה טהאָן, אויסבעסערען אייערע מעשים, אום איך זאָל אין הויכען הימעל — בשמים לא נאמר כי אם במרום, והבן — דערהערען אייער שטימע.

ווי אַזוי קענט איהר פאַרלאַנגען אַז איך זאָל אין הויכען הימעל,

הונדערטער יאָהר גאַנג פון דער ערד, דערהערען אייער שטימע, אַז איהר דערהערט ניט די געבעט-שטימען נעבען אייך אויף דער ערד?

ווי אַזוי קענט איהר קצינים, רוזנים ושרים פאַרלאַנגען, אַז איך זאָל אין הויכען הימעל דערהערען אייער שטימע און בענשען אייערע טישען מיט כל טוב, אַז איהר האָט ניט קיין אויערען צו דערהערען אין אייערע הויכע עטאַזשען די שטימען, וועלכע שפּאַלטען אַדורך דורך אייערע פּאַדלאָגעס פון די קעלער-איינוואוינערס, וועלכע בעטען אַ שטיקעל ברויט צו זאַט?

ווי אַזוי קענט איהר קצינים, רוזנים ושרים פאַרלאַנגען, אַז איך זאָל הערען אייערע שטימען פאַר געזונד, לעבען, לוקסוס, ליכטיגקייט, וואַרימקייט, נחת, אַז איהר דערהערט ניט די קרעכצענדיגע שטימען פון אייערע שכנים, וועלכע זיינען קראַנק, צובראָכען, ליגענדיג אין דער פינסטער געשוואָלען פון קעלט אָהן נויטיגע מעדיצינישע הילף?

ווי אַזוי קען איך הערען אין הויכען הימעל אייער קרעכצען פון אייער תענית, כאָטש איהר ווייסט אַז פאַר אייך איז אָנגעגרייט כל טוב, מיט וואָס אייערע נעבאך געפּייניגטע זעעלען צו ערקוויקען. און איהר דערהערט ניט די תענית-קרעכצען פון די יעניגע, וועלכע ווייסען אַז נאָכ'ן תענית האָבען זיי ניט מיט וואָס זייער הונגער צו שטילען?

אויב איהר ווילט אַז איך זאָל אייערע שטימען הערען, און אייער טאָג פון פאַסטען זאָל זיין: אַ „יום רצון לה'", אַ טאָג פון געפעלינגקייט ביי גאָט, וועל איך אייך זאָגען וואָס איך גאָט פאַרלאַנג:

„הלא זה צום אבחרהו".

פּירוואהר, דאָס איז דער פאַסט-טאָג וואָס איך ערוועהל איהם: „פּתח חרצובות רשע", לויז צו מאַכען די קייטען פון שלעכטעס, „התר אגודות מוטה", אָפּבינדען די בינד-שטריק פון יאָך, „ושלח רצוצים חפשי", „און אַרויסלאָזען די געדריקטע פריי, „וכל מוטה תנתקו", און יעדען יאָך זאָלט איהר אַראָפּרייסען.

ניט דורך קייטען פון שלעכטעס וועט איהר ווערען צדיקים; ניט דורך בינד-שטריק פון יאָך צו אייערע אַרבייטער וועט איהר אָפּבינדען אייערע קריזיס-בינד-שטריק; ניט דורך אונטערדריקען און פאַרשקלאַפען אייערע ברידער וועט איהר ווערען פריי; ניט דורך דעפּרעסיע צו

אייערע ברידער-מענשען וועט איהר ברייגען צו זיך פּראָספּעריטי, הצלחה.

צו פרייהייט, רוהיגקייט, הצלחה, פּראָספּעריטי וועט איהר נאָר דאמאָלס קומען ווען איהר וועט ברייגען פריהער די אַלע זאַכען צו די וועלכע זיינען אָן אייך אָפּהענגיג; צו די וועמעס בעלי בתים איהר זייט, וועמעס אַרבייטסגעבער איהר זייט.

מיט געבויגענע קעפּ און פאַרשעמטע אַראָפּגעלאָזענע אויגען זיינען געזעסען די קציני יהודה, אַדער ווי ער האָט זיי אַמאָל אין אָנפאַנג פון זיין נבואה גערופען: „קציני סדום״:

יעדער וואָרט וואָס איז פון זיין קעהל אַרויס האָט ווי דער קול השופר זיי אויפגעציטערט.

אין דער זעלבער צייט זיינען געשטאַנען די אָרימע פון פאָלק און אָנגעקוואָלען פון נחת פאַר דער גרויסער פּאַרציע פון מוסר וואָס ער האָט געגעבען צו די עקספּלואטאַטאָרס זייערע, וועלכע האָבען געבראַכט אַ חורבן אין לאַנד, וועלכע דערלאָזען ניט זיך אַרויסצוראַטעווען פון דריקענדען קריזיס, וועלכע ווילען ניט העלפען די נויטבאדערפטיגע, און אויב זיי העלפען איז דאָס נאָר מיט ברעקלאַך וואָס פאַלען אַראָפּ פון זייערע פעטע, זאַטע טישען.

אָבער ניט לאַנג האָט זייער שמחה אָנגעהאַלטען.

מיט זיינע פייערדיגע אויגען, וועלכע האָבען געלויכטען ווי צוויי ליכטיגע זונען, האָט ער גענומען קוקען אויף זיי; און מיט זיין אונער־מיעדליכער, שופר־שטימע האָט ער אָנגעהויבען זיי צו זאָגען מוסר:

„הלא פרס לרעב לחמך ועניים מרודים תביא בית, כי תראה ערם וכסיתו ומבשרך לא תתעלם״. (שם)

פירוואהר, ברעך אָפּ דיין ברויט פאַר דעם הונגעריגען, און אָרימע פאַרוואָגעלטע זאָלסטו אַריינברענגען אין דיין הויז; אַז דו וועסט זעהן אַ נאַקעטען זאָלסטו איהם באדעקען, און פון דיין אייגען פלייש זאָלסטו זיך ניט פאַרהוילען.

איידער מיר וועלען איבערגעבען דעם נביא׳ס וויטערדיגע דרשה, וועלען מיר אָפּריהער מאַכען אייניגע באמערקונגען אין פסוק:

א) ווארום זאָגט ער: „פרס לרעב לחמך", — ברעך אָפּ צום הונגעריגען דיין ברויט, — פאַרוואָס זאָגט ער ניט: „תן לרעב לחם", גיב צום הונגעריגען ברויט?

„פרס — ברעך אָפּ, באדייטעט: צו געבען אַ פרוסה, אַ שטיקעל ברויט. פאַרוואָס ניט קיין גאַנצען לאַבען ברויט?

„לחמך — דיין ברויט", באדייטעט: דיינע — ניט פרעמדע. — געווים, אַז מען גיט צדקה גיט מען אייגענע, מען קען ניט זיין קיין בעל צדקה אויף פרעמדע ברויט, אויף אַ פרעמדער קעשענע.

ב) ווארום זאָגט ער ניט: „ועניים מרודים תביא ביתך",— אָרימע פאַרוואָגעלטע ברענג אין דיין הויז, אַזוי ווי ער זאָגט ביי ברויט: „לחמך"?

ביז איצטער, זאָגט דער נביא, האָב איך געמאַכט הערען דעם דבר ה' צו די קציני סדום, וועלכע זיינען גורם צום חורבן. יעצט וויל איך צו אייך, אָרים פאָלק, רעדען און זאָגען צו אייך: „האזינו תורת אלקינו עם עמורה!"

פאַרנעמט די תורה פון אונזער גאָט, איהר פאָלק פון עמורה!

איך וויל אייך לערנען „גאָט'ס תורה", וועלכע איז אַנדערש פון „אייער תורה".

אַ דאַנק דעם קריזים, גאָט-לאָזיגקייט און חסרון אמונה האָט איהר אַ נייע תורה געשאַפען, וועלכע איז גורם צום חורבן פון לאַנד, פאָלק און בית המקדש, נעמליך: איהר האָט זיך איינגערעדט אַז געבען צום הונגעריגען ברויט דאַרף דער קצין, דער וואָס האָט אַ סך לעבלאַך ברויט, וואָס קען איהם קלעקען פאַר היינט, פאַר מאָרגען, פאַר איבער-מאָרגען, און פאַר איבער-איבער-מאָרגען אז"וו. אָבער ניט דער דאָ-זיגער, וועלכער האָט נאָר פאַר'ן היינטיגען טאָג, וועלכער לעבט פון האַנד אין מויל.

איהר האָט אין גאַנצען אַראָפּגענומען די אחריות פון זיך פאַר'ן קיום פון בית המקדש. איהר האָט זיך אָפּגעטרייסעלט פון אייערע כהנים און לויים, נביאים, דיינים ושופטים, איהר האָט זיך אָפּגע-שאָקעלט פון אייערע ישיבות און ת"ת און איהר זאָגט:

זאָלען זיי, די קצינים, געבען, מיר זיינען ניט מחויב. עס זיינען

נאָר מחויב צו געבען די וועלכע קענען געבען סלעים, טאַלערס, אָבער ניט די דאָזיגע וועלכע קענען בלויז געבען פּרוטות און פונדיונות.

און די דאָזיגע תורה אייערע מאַכט אייער געוויסען רוהיג, עס זאָל אייך ניט אַארען וואָס אַלעס געהט אונטער, ווערט חרוב, עס זאָל אייך ניט אַארען וואָס אייערע נביאים און חכמים ליידען גרויס נויט און פיעל מאָל הונגער און קעלט . . .

און אויך איהר האַלט זיך: „כגוי אשר צדקות עשה ומשפט אלקיו לא עזב”, ווי אַ פאָלק וואָס טהוט צדקות און פאַרלאָזט ניט גאָט'ס געבאָט.

יעדער אָרימאַן איז אַ גרויסער בעל צדקה. ווען מען בעט ביי איהם הילף זאָגט ער: „ווען איך וואָלט האָבען יענעם גביר'ס רייכ־טהום וואָלט איך אַביסעל מעהר געבען”, און מיט דעם איז ער יוצא.

אַזוי לערענט איהם „זיין תורה”.

און האַלטענדיג זיך פאַר צדיקים און בעלי צדקה פרעגט איהר נאָך מיט מעהר קבצנ'ישען שטאָלץ און ברייטקייט:

„למה צמנו ולא ראית, ענינו נפשנו ולא תדע? סטייטש, ווארום פאַסטען מיר און דו, גאָט, זעהסט ניט? מיר פייניגען אונזער זעעל און דו ווייסט ניט?

דאריבער: „האזינו תורת אלקינו”, פאַרנעמט די תורה פון אונזער גאָט;

און דאָס איז גאָט'ס תורה:

„הלא פרס לרעב לחמיך!”

ברעך אָפּ פאַר'ן הונגעריגען דיין ברויט!”

פון דיין ברויט וואָס דו דאַרפסט האָבען פאַר זיך, — דו פאַרמאָגסט ניט מעהר ווי איין לעבעל ברויט פאַר'ן היינטיגען טאָג, און דיין מאָרגען איז אומזיכער, — דאָך ברעך אָפּ פון דעם אַ פרוסה, אַ שטיקעל, און גיב עס צום הונגעריגען.

גאָט'ס תורה זאָגט: אויב דו ביזט יעצט זאַט מאַך אויך דיין הונגעריגען חבר מיט דיר זאַט! דו האָסט קיין רעכט צו לאָזען ליגען אַ שטיקעל ברויט פון דיין לעבעל אויף מאָרגען און דיין חבר זאָל היינט אויסגעהן פון הונגער.

„ברוך ה׳ יום יום״. און אויב דו האַנדעלסט ניט אַזוי, איז דאָס ווייל דיין האַרץ איז שלעכט, און . . . דו האָסט ר״ל ניט קיין גאָט . . . גלויבסט ניט אין גאָט . . . און האָב ניט קיין העזה צו קומען צו גאָט, אין שוהל, בית המקדש, פאַסטען יום כיפור, זאָגענדיג אַז:

„קרבת אלקים יחפצון״ (שם), אַז דו באַגערסט די נאָהענטקייט פון גאָט.

— (כל המעלים עיניו מן הצדקה כאילו עובד ע״ז, כתיב הכא: „השמר לך פן יהיה דבר עם לבבך בליעל״, וכתיב התם: יצאו אנשים בני בליעל (כתובות ס״ח) —

אייער תורה זאָגט אייך אַז:

„ועניים מרודים תביא ביתך״, פאַרוואָגעלטע אָרימעלייט ברייננ אין „דיין הויז״. אויב דו האָסט אַן אייגענע הויז, דאַרפסט ניט צאָהלען קיין דירה געלט, דיין הויז איז באַקוועם, גערױם, האָסט אַ ספּעציעלען זאַפּאַסנעם צימער, „ספּער רום״ פאַר אַן אורח, ווי די גבירים האָבען, דאַן דאַרף מען אַריינלאָזען אַן אורח איבערנעכטיגען, אָבער ניט ווען מען האָט ניט קיין אייגענע הויז, און מען מוז צאָהלען רענט, און דעריבער דינגט מען וואָס ווינציגער צימערען, עס זאָל קאָסטען ביליגער. און אַז מען זאָל נעמען אַן אורח צום נעכטיגען וועט מען זיך מאַכען ענגלאך, דארום איז מען פּטור פון הכנסת אורחים, דארום „האזינו תורת אלקינו״, פאַרנעמט גאָט׳ס תורה, און זיין תורה איז:

„ועניים מרודים תביא ב י ת! — אָרימע פאַרוואָגעלטע ברייננ אַריין אין הויז! צי דיין הויז איז גראָס אָדער ענג, דיינע אָדער יענעמס, אָבער דו האָסט אַ הויז מיט אַ דאַך איבער׳ן קאָפּ, באַשיצענדיג דיר פון היץ און קעלט, פון רעגען און שטורם, און דיין חבר איז אַן אָרימאַן, אַ פאַרוואָגעלטער. ער האָט דאָס אויך ניט. דארום האָט איהר קיין רעכט ניט איהם צו לאָזען זיך וואַלגערען אין גאַס אָדער פעלד.

„האזינו תורת אלקינו עם עמורה! פאָלק פון עמורה, הערט צו צו דער תורה פון אונזער גאָט! אייער תורה זאָגט אייך דאָס ווען מען האָט אַ סך מלבושים און מען בייט זיי יעדע עטליכע וואָכען לויט דער מאָדע, דאַרף מען די פריהערדיגע אַביסעל אָפּגעטראָגענע קליידער אַוועקגעבען צו די אָרימע נאַקעטע, אָבער ניט מיר, וועלכע טראָגען אַ מלבוש ביז עס ווערט אין גאַנצען צוריסען, און מען קען איהם שוין

מעהר ניט טראַגען, זיינען ניט מחויב אַוועק צו געבען אונזער מלבוש צום נאַקעטען.

דאריבער פאַרנעמט גאָט׳ס תורה, וועלכע זאָגט אייך אָן:

„כי תראה ערם וכסיתו", זעהסטו אַ נאַקעטען באקליידע איהם! דיינע מלבושים זיינען ניט נאָך דער מאָדע, אָבער זיי באַקליידען דיין נאַקעטקייט, און ער, דיין חבר, איז אין גאַנצען נאַקעט.

„האזינו תורת אלקינו עם עמורה!"

אַ נייע תורה האָט איהר עדאפּטעד, אָנגענומען. אַ תורה וועלכע איז אַן איבערבלייבעכץ פון די אידעאַלען און באַגריפען פון דער אַמאָליגער עמורה, נעמליך: „טשאַריטי בעגינס עט האָום", צדקה, גוטס-קייט, מענשען-ליעבע הויבט זיך צוערשט אָן אין דערהיים; צום ער-שטען קוק פאַר זיך, פאַרזאָרג זיך און דיין פאַמיליע מיט אַלעם נוי-טיגעס, נאָכדעם, ווען דו וועסט שוין זיין מיט אַלעם באַזאָרגט און וועסט האָבען איבעריגע, דאַמאָלס זאָרג פאַר אַנדערע, גיב צדקה, טשאַריטי צו אַנדערע, ניט פריהער.

און דאָס מיינט על פי רוב, אַז מען דאַרף קיינמאָל קיין צדקה ניט געבען,—ווינציגסטענס גיט מען ניט וויפיעל די פליכטען וואָס ליגען אויפ׳ן מענשען צו העלפען זיין חבר פאָדערען, — ווארום וואָס פאַר אַ מענש איז דאָ אויף דער וועלט, אויסער יחידי סגולה, וואָס ער זאָל זאָגען: איך האָב שוין גענוג, איך און מיין משפחה זיינען שוין ב"ה פאַרזאָרגט מיט אַלעם נויטיגעס.

„אין אדם מת וחצי תאותו בידו מי שיש לו מנה רוצה מאתים" (קה"ר פ"א י"ג בשנוי לשון).

אַ מענש שטאַרבט ניט באַפרידיגט זאָגאַר מיט אַ העלפט פון זיינע גלוסטונגען. אויב ער פאַרמאָגט הונדערט דאלער וויל ער צוויי. ד"ה ער איז אַן אָרימאַן אין הונדערט דאלער, וועלכע ער דיינקט עס פעהלט איהם און ער מוז עס האָבען.

און אַז גאָט העלפט איהם, ער האָט שוין באַקומען דעם געוואונשטען הונדערטער, ער פאַרמאָגט שוין צוויי הונדערט דאלער, דאַמאָלס פאַר-שאַרפט זיך זיין אַפּעטיט און איהם ווילט זיך פיער הונדערט. און ווען ער האָט פיער וויל ער אַכט. און אַז ער האָט שוין טויזענט וויל ער צוויי טויזענט. דאַמאָלס איז ער שוין אַן אָרימאַן אין טויזענט דאלער וואָס

פעהלט איהם. און ווען ער האט שוין זאגאר א מיליאן וויל ער צוויי מיליאן. איז ער שוין דאן א מיליאנערסקער ארימאן. וואס רייכער אלץ ארימער, אלץ קנאפער פארזארגט זיין היים, און אלץ קנאפער דארף ער געבען צדקה.

דארום הערט צו גאט'ס תורה. און גאט'ס תורה זאגט:

זאגאר אן ארימאן וועלכער לעבט פון צדקה, פון טשאריטי, רעליעף, מוז צדקה געבען.

„אפילו עני המתפרנס מן הצדקה יעשה צדקה" (גיטין ז').

גאט'ס תורה זאגט אויך אז: „צדקה הויבט זיך אן אין דער אייגענער היים". אבער דיין חבר'ס היים דארף אויך זיין דיין אייגענע היים. דו דארפסט פאר איהר זארגען ווי פאר דיין היים. דאס וואס דו האסט א באזונדער טהיר און שלאס צו דיין היים, און דיין חבר האט א טהיר און שליסעל צו זיין היים, מיינט ניט אז דו מעגסט אין דיין היים האבען אלע קאמפארטס און מיינען, אז עס איז נאך ניט גענוג, עס איז נאך אפילו ניט א העלפט פון דעם וואס דו ווילסט און גלויבסט אז דו דארפסט, שעהנער בעל הבית פון עמורה, האבען, און דיין חבר מעג שמאכטען אין זיינע ליידען אין זיין היים, און דו ביזט ניט מחויב צו עפענען זיין טהיר צו זעהן וואס ביי איהם טהוט זיך און העלפען. ניין! אונזער גאט'ס תורה זאגט אז:

„ומבשרך לא תתעלם!"

און פון דיין פלייש זאלסטו זיך ניט פארהוילען!

דו טארסט זיך ניט פארהוילען פון קיין מענשען, ווארום יעדער מענש א י ז ד י י ן פ ל י י ש. עס איז ניטא אזא זאך, לויט דעם רצון ה', ווי דיין פלייש און דיין חבר'ס פלייש. זיין פלייש איז אויך דיין פלייש (עיין שם במלבים) ועיין ויקרא רבה, פל"ד: בר קפרא אומר: „הוי רואה בשרו כבשרך".

אונזער גאט'ס תורה איז געבויט אויפ'ן יסוד: „דאס ווען דו פארזארגסט דיין חבר'ס היים, דיין חבר'ס פלייש, פארזארגסטו אויך דיין היים, דיין פלייש. זוכסטו בלויז זיך צו פארזארגען און ניט איהם, פאר-זארגסטו אויך זיך ניט".

„דיין הצלחה, דיין פראספעריטי ווענדעט זיך אין די פראספעריטי און הצלחה וואס דו ברייגנסט צו דיין חבר. דעפרעסיע קען ניט געהיילט

ווערען דורך עגאָאיזם, אייגענליעבע, נייערט דורך מענשען-ליעבע".

„אז", דאמאָלס, — ענדיגט דער נביא זיין נביאות, — „יבקע כשחר אורך", „וועט אויסברעכען ווי דער מאָרגען-שטערן דיין ליכט". אַזוי ווי דער מאָרגען-שטערן צוברעכט די פינסטערע וואָלקענס פון דער נאַכט, אַזוי וועלען די פינסטערע דעפרעסיע וואָלקענס צובראָכען ווערען. „וארוכתך מהרה תצמח", און דיין היילונג וועט געשווינד אַרויסשפּראָצען.

והלך לפניך צדקך וכבוד ה' יאספך", און דיין גערעכטיגקייט וועט געהן פאַר דיר, און גאָט'ס עהרע וועט דיר באגלייטען, היטען הינטער דיר . . .

און מיר אידען דאַרפען אין היינטיגען טאָג, אינ'ם טאָג פון חשבון הנפש, „דערהערען" די ווערטער פון דעם גרויסען נביא פון צדק און יושר, פון סאָציאַלע גערעכטיגקייט; אָנפאַנגען דעם נייעם יאָהר, לויט די לעהרע פון אונזער גאָט'ס תורה; און דורכדעם וועלען מיר ברייגגען ליכט און אַ היילונג צו דער גאַנצער וועלט און צו אונז, און מיר וועלען זוכה זיין צו אַ שנת חיים ושלום, ברכה והצלחה.

אמן.

דרוש כ׳ ליום כפורים, לצדקה

מאי קא משמע לן הטעלעפאן?

וואס לאזט מיר דער טעלעפאן הערען? א מעשה וועגען א גרויסען בעל צדקה. א ביאור אויף ישעיה׳ס ווערטער וואס מיר האבען גע־לייענט אין היינטיגער הפטרה. צווייערליי טעלעפאנען. פאר ימים נוראים איז נויטיג צו מאכען א חשבון וויפיעל מען איז שולדיג פאר הימעלשע טעלעפאן חובות, אויב מען וויל אנהאלטען דעם קרעדיט. א ביאור אויף „מדת הרחמים" עלינו התגלגלי ולפני קונך תחינתנו הפילי".

אז תקרא וה׳ יענה תשוע ויאמר: „הנני", וג״ו.

ותפק לרעב נפשך ונפש נענה תשביע וזרח בחושך אורך ואפלתך כצהרים. ונחך ה׳ תמיד והשביע בצחצחות נפשך ועצמותיך יחליץ והיית כגן רוה וכמוצא מים אשר לא יכזבו מימיו. (ישעיה נ״ח ט—י״א.)

דענסמאל וועסטו רופען און גאט וועט ענטפערען. דו וועסט שרייען און ער וועט זאגען: „היער בין איך", אז״וו.

ווען דו וועסט הינרייכען צו דעם הונגעריגען דיין ברויט מיט צופרידענהייט, און די אונטערדריקטע זעעל וועסטו זאט מאכען, דאן וועט אויפשיינען דיין ליכט אין דער פינסטערנים און דיין דונקעלהייט וועט זיין ווי די מיטאג־ליכטיגקייט.

און גאט וועט דיך שטענדיג פיהרען, און ער וועט דיר זעטיגען אין צייט פון טריקעניש — ווען אין דער וועלט וועט זאגאר זיין הונגער — דיין זעעל, און דיינע ביינער וועט ער שטארקען, און דו וועסט זיין ווי א גע־וואסערטער גארטען, און ווי א וואסער־קוואל וואס זיינע וואסערען הערען ניט אויף צו קוועלען.

דארפען מיר פארשטעהן:

א) ווארום דאפעלט דער נביא זיינע ווערטער:

„תקרא וה׳ יענה", — דו וועסט רופען און גאט וועט ענטפערען. —

„תשוע ויאמר: הנני!" וועסט שרייען און ער וועט זאגען: היער בין איך!?

ב) פאַרוואָס איז אָנפאַנג ביי „תקרא" זאָגט ער: „וה' יענה", ה', דער מדת הרחמים, וועט ענטפערען, און נאָכדעם ביי „תשוע" זאָגט ער: „ויאמר" — ער וועט זאָגען: „הנני!"

ער גאָט זעלבסט, וועט זאָגען. ד"ה, כביכול, אַלע מדות גאָט'ס וועלען זאָגען: „הנני!" ניט בלויז דער מדת הרחמים, נאָר אפילו דער מדת הדין וועט זאָגען: „הנני! דאָ בין איך!" גרייט דיר צו ענטפערען, צו ערפילען דיינע בקשות?

דיזע ווערטער פון נביא האָבען מיר געלייענט, היינט, אין דעם הייליגסטען טאָג פון יאָהר, ווען אידען פאַרזאַמלען זיך אין די שוהלען צו בעטען, רופען, שרייען צו השי"ת ער זאָל זיי מוחל זיין זייערע זינד און געבען אַ גוט יאָהר.

פיעל זאָגען זייערע תפילות מיט התלהבות, וואַרים, האַרציג, באַגלייט מיט אַ קרעכץ, אַ זיפץ און אַ טרעהר. דער פאַרגאַנגענער יאָהר איז געווען אַ שלעכטער, אַ פינסטערער, הן אין פרנסה, הן אין געזונד, הן פון צער גידול בנים, אָדער גאָר ר"ל פון לעבענס-פאַרלוסטען אין דער פאַמיליע, און מען בעט ביים גוטען פאָטער אין הימעל ער זאָל רחמנות האָבען און אָנשרייבען צו אַ גוט יאָהר, עס זאָל שוין צום נייעם יאָהר ווערען ליכטיגער, און די זון זאָל שוין אין זייערע פענסטער אויך נעמען שיינען, און די וואונדען פון פאָריגען יאָהר זאָלען פאַרהוילט ווערען.

און אויב ח"ו לויט'ן מדת הדין איז זיי באַשערט ווייטער צו האָבען אַזאַ יאָהר, זוכט מען אַדוואָקאַטען גוטע זיי זאָלען זיך משתדל זיין, באַמיהען ביים באַשעפער צו צורייסען דעם רוע הדין און אויף זיי רחמנות האָבען, און זיי ווענדען זיך צו גאָט'ס רחמנות-פירמע „מדת הרחמים" זיי צו פאַרטהיידיגען.

„מדת הרחמים עלינו התגלגלי, ולפני קונך תחנתנו הפילי, ובעד עמך רחמים שאלי, כי כל לבב דוי וכל ראש לחלי".

דערבאַרעמדיגע מדה, באַמיהע זיך וועגען אונז, און פאַר דיין באַשעפער וואַרף אונזער געבעט, און פאַר דיין פאָלק בעט רחמים, וואָרום אַלע הערצער טהוען וועה און אַלע קעפ זיינען קראַנק.

אַנדערע זאָגען זייערע תפילות געלאַסען, שטיל, רוהיג: דער פאַרגאַנגענער יאָהר איז, ב"ה, געווען ניט צו פאַרזינדיגען, די זון פון הצלחה האָט צו זיי געשיינט ליכטיג אין אַלע הינזיכטען; דאָס האַרץ טהוט ניט

וועה און דער קאָפּ איז ניט קראַנק. ניטאָ פאַרוואָס צו שרייען פאַר־צווייפעלט. מען בעט מעהר ניט ביי גאָט אַז דער נייער יאָהר זאָל זיין ניט ערגער פון דעם פאַרגאַנגענעם.

אָבער די צווייטע אַזוי גוט ווי די ערשטע ווייסען די וויכטיגקייט פון יום כפור; אויך ביי די צווייטע ציטערט אַביסעל דאָס זאַטע, צופרי־דענע הארץ פאַר דער צוקונפט. זיינען דאָך אַ סך געווען פאַראַיאָהרען ווי זיי זיינען, ב"ה, היינט, און דורכ'ן יאָהר האָט זיך דאָס רעדעלע אַ דרעה געטהאָן, ר"ל.

און מען וואָלט גליקליך זיין ווען מען זאָל קענען האָבען עפּעס אַ זי־כערען מיטעל, דורך וועלכען מען זאָל קענען באַקומען פון גאָט אַ גוטען יאָהר, און מכל שכן אָנהאַלטען די גוטעם וואָס מען האָט געהאַט, זיי זאָלען ח"ו ניט פאַרשווינדען.

אַזאַ מיטעל, מיינע פריינד, עקזיסטירט.

איך זעה, רבותי, דאָס איהר זייט זעהר נייגעריג צו וויסען דעם מיטעל. רייכע און גליקליכע וואָלטען אַ טהייל פון זייערע פאַרמעגענס אָפּגעגעבען אום זיך צו פאַרזיכערען מיט דער גוטסקייט פון פאָריגען יאָהר; אָרימע און אומגליקליכע וואָלטען זייערע קישענס פון צוקאָפּען פאַר'משכון'ט אַבי זיך צו פאַרזיכערען אַז זיי וועלען שוין ח"ו מעהר קיין שלעכטעס ניט האָבען, נאָר פאַרקערט, אנשטאָט דעם זאָלען זיי גוטס באַקומען. בין איך גרייט, רבותי, אַלס אייערער אַ גוטער פריינד, — אידען האָבען ניט קיין גרעסערע פריינד ווי זייערע רבנים, אין אַלע דורות און ערטער, — אייך דעם סוד צו אַנטפּלעקען.

נאָר פריהער מוז איך אייך אַ מעשה'לע דערצעהלען, אַ מעשה שהיה מיט מיינעם אַ פריינד.

איך האָב אַ פריינד, אַ גרויסער בעל צדקה, אַן אמת'ער בעל צדקה, ד"ה: ער איז ניט ווי אַנדערע, ביי וועמען מען „נעמט" צדקה דורך פאַרשידענע מיטלען, ווי דראָיונס, אפּיעלס, האַרצרייסענדע געבעטען, אָדער זיי גיבען צוליעב כבוד אָדער חרפּה, און אָהן די אַלע זאַכען מאַכען זיי זיך אַרוים ניט צו געבען, און פרעהען זיך ווען זיי האָבען די מעגליכקייט זיך אַרוים צו דרעהען דורך פאַרשידענע תירוצים ניט צו געבען, אָדער ניט צו קומען צו מיטינגען, וואו זיי דענקען אַז מען וועט מאַכען אַן אַפּיעל פאַר צדקה.

ער, מיין פריינד, „גיט צדקה", ניט געבעטענערהייד; ער זוכט צו געבען; ער זוכט מען זאָל ביי איהם נעמען. היינט זיין שמחה ווען ער איז זוכה צו געבען.

ער איז מקיים אין פולען זין פון וואָרט די ווערטער פון נביא, וואָס מיר האָבען איצטער געלייענט:

„ותפק לרעב נפשך", דו וועסט געבען צום הונגעריגען ברויט מיט צופרידענהייט, מיט דיין גאַנצער נשמה, הארץ, ניט ווייל דו ביזט מחויב אָדער געצוואונגען צו געבען איהם ברויט, נאָר ווייל דיין זעעל וויל עס טהאָן און פרעהט זיך מיט דער שמחה פון האָבען דעם זכות מקיים צו זיין אַזאַ גרויסע מצוה ווי צדקה, געבען אַ הונגעריגען ברויט, אַ נאַקעטען אַ קלייד, אַ פאַרוואַגעלטען אַ געלעגער.

„ונפש נענה תשביע", און די געפייניגטע זעעל וועסטו זאַט מאַכען. דאָס הייסט: ניט בלויז וועסטו זאַט מאַכען זיין קערפּער, אָבער דער אופן פון דיין איהם געבען צדקה וועט זיין נשמה פייניגען, וועסט אויף איהם שרייען, אַמאָל זידלען, קוקען קרום, מיט אַ שלעכט אויג. ניין! אויך זיין נשמה וועסטו זאַט מאַכען, מיט דיינע גוטע טרייסט-רייד, און מיט דאַנקבאַרקייט דאָס ער איז געקומען צו דיר, דאָס ער האַלט דיר פאַר אַ גוטען פריינד צו פאַרטרויען זיין קריטישע לאַגע.

ווארום זאַט מאַכען דעם אָרימאַנס נשמה איז כמעט אַזוי גרויס און וויכטיג ווי זעטיגען זיין קערפּער.

פאַר'ן זאַט מאַכען אַן אָרימאַנס קערפּער ווערט מען געבענשט מיט זעקס ברכות, און פאַר'ן זאַט מאַכען אויך זיין נשמה באקומט מען שוין עלף ברכות, כמעט דאָפּעל.

„הנותן פרוטה לעני מתברך בשש ברכות והמפיסו בדברים מתברך בי"א ברכות".

און דאָס לערנען אונזערע חכמים אָפּ פון דעם אויבען-דערמאָנטען פסוק: „ותפק לרעב נפשך" . . . (ע"ש בב"ב ט') (ועיין במלבים שם ישעיה נ"ח).

אַזוי איז געווען מיין פריינד. זיין גוטסקייט, רעספּעקט, סבר פנים יפות צו אָרימע האָט אַלעמען ערשטוינט. ער איז געווען זעהר רייך, האָט געטהאָן גרויסע געשעפטען. קונים האָבען געוואַרט פאַר איהם

שעה'ן און ווען ער פלעגט דערזעהן אַ אידען, וואָס ער האָט פאַרשטאַנען אַז ער איז געקומען צו איהם בעטען הילף, פלעגט ער אַלעמען לאָזען וואַרטען און איהם אַריינרופען צו זיך. ווער רעדט נאָך אַז דער אורח איז געווען אַ ת"ח. פיהלענדיג דאָס אַלע וואָס זיינען געקומען פאַר געשעפט וועלען ניט האָבען קיין חלישת הדעת, געפאַלענקייט ביי זיך, ווען זיי וועלען דאַרפען וואַרטען, אָבער דער אָרימער אורח וועט פיהלען שלעכט, נידערשלאָגען, זיין זעעל וועט ליידען פיין. יעדער אורח פלעגט אַרויסקומען פון זיין אָפפים מיט אַ שיינענדען פנים. אָבער עס איז ניט געווען גלייך צו דער פרייד וואָס איז געווען אויסגעגאָסען אויף זיין פנים און צו דער גליקזעליגקייט וואָס האָט געשטראַהלט פון די ליכטיגע אויגען פון מיין פריינד.

איינמאָל, זייענדיג באַגייסטערט פון זיין גרויס גוטסקייט, האָב איך איהם אַ פרעג געטהאָן: זאָג מיר, פון וואַנעט האָט זיך צו דיר אַזאַ גוטע האַרץ גענומען? ווער איז דיין רבי? איך וויים אַז דו ביזט אין דער אַלטער היים געווען אַ גוטער, אָבער ביזט ניט געשטאַנען אויף אַזאַ הויכער, הימעלשער מדרגה?

און מיין פריינד האָט מיר געענטפערט:

עס טרעפט אַמאָל דאָס אַ קליינינקייט מאַכט אַ מהפכה אין מענשענס נשמה און אין זיין גאַנצען לעבען.

אלישע בן אבויה איז געוואָרען אַן אחר צוליעב דער צונג פון רבי יהודה הנחתום אָדער ר' חוצפית המתורגמן. רבי עקיבא איז געקו־מען צו זיין מדרגה דורך אַ טראָפּען וואַסער, און צוליעב אַ „דערהער פון אַ וואָרט". איז דער גרויסער זינדיגער אלעזר בן דורדיא געוואָרען דער גרעסטער בעל תשובה, און ווען ער איז געשטאָרבען איז אַ בת קול אַרויס פון הימעל אויסרופענדיג:

„רבי אלעזר בן דורדיא מזומן לחיי העולם הבא". אי געקרוינט פון הימעל מיט'ן טיטעל „רבי" און אי פאַרזיכערט עולם הבא. (ע"ז י"ט ועיין שם.)

און אויך מיין מדה פון צדקה האָב איך געלערענט פון אַ קליינעם אינצידענט, דעם ערשטען טאָג פון מיין קומען קיין אַמעריקע. איך האָב דאַן געטראָפען דעם רבי'ן, פון וועמען איך האָב די לעקציע געלערענט, און די לעקציע האָט זיך גוט איינגעקריצט אין מיין האַרץ. איך קען די לעהרע קיינמאָל ניט פאַרגעסען, ווייל אומעדום וואו איך געפין זיך:

אין גאַס, געשעפט, הויז, זעה איך מיין רבי'ן נעבען זיך. אָהן איהם קען מען זיך דאָך היינט ניט אַ ריהר טהאָן. דער רבי מיינער געפינט זיך איצטער אויך נעבען אונז . . .

איך קוק זיך אַרום אין אַלע זייטען צו זעהן דעם רבי'ן, אָבער איך האָב גיט געזעהן. מיין פריינד שמייכעלט. דאָן האָט ער מיט גרויס רעספעקט אויפגעהויבען מיט זיין האַנד דעם טעלעפאָן, וואָס איז גע-שטאַנען ביי איהם אויף'ן טיש, און ער זאָגט צו מיר:

„איך האָב די עהרע דיר פאָרצושטעלען מיין רבי'ן. ד ע ר ט ע-ל ע פ אָ ן א י ז מ י י ן ר ב י".

פאַרוואונדערט האָב איך מיין פריינד אָנגעקוקט, ניט פאַרשטעהענ-דיג זיינע רייד. ער האָט מיר אָבער לאַנג ניט געלאָזען וואַרטען און מיר אָנגעפאַנגען צו געבען אַן ערקלערונג צו זיינע רייד, דערעצהלענדיג פאָלגענדע מעשה:

מיין גאַנצען לעבען האָב איך געוואוינט אין אַ ישוב אין פוילען, זיך געלעבט אַ רוהיג, שטיל לעבען; געהאַט גענוג צייט צו לערנען און צו דינען גאָט; קיין צייטונגען זיינען ביי אונז ניט געווען. פון די אַלע זאַכען וואָס עס האָבען פּאַסירט אין דער גרויסער וועלט, ווי ערפינדונגען און נאָך זאַכען, האָבען מיר ווינציג געהערט.

אַזוי איז אָנגעגאַנגען ביז דער רעדעלע האָט זיך אַ דרעה געטהאָן. שנאה צו אידען האָט זיך געשטאַרקט. מען האָט אַגיטירט מען זאָל ביי קיין אידען ניט קויפען; אויך דער לעבען איז ניט געווען זיכער. איינמאָל האָט מען אויף אונז געמאַכט אַ פּאָגראָם אויך, פון וועלכען מיר זיינען ניצול געוואָרען מיט גרויס נסים; אונזער גאַנצער פאַרמעגען איז אַוועק מיט רויך.

באין ברירה האָבען מיר באַשלאָסען צו פאָהרען קיין אמעריקע.

איך האָב וועגען דעם געשריבען צו מיין ליעבען ברודער אין אַמעריקע. ער האָט מיר גלייך אַרויסגעשיקט שיפס-קאַרטעס און אונז געשריבען דאָס ווען מיר וועלען קומען אויפ'ן וואָקזאַל אין אַמעריקע זאָלען מיר איהם רופען, וועט ער קומען אונז אָפּנעמען.

מיר האָבען איינגעפּאַקט אונזער אָרימקייט און זיך אַרויסגעלאָזט אין וועג.

שרעקליך איז געווען אונזער רייזע; מיר האָבען ניט איינמאָל גע־שאָלטען דעם טאָג וואָס אונז איז גאָר איינגעפאַלען אַזאַ געדאַנק ווי צו פאָהרען נאָך קאָלומבוסעס מדינה.

ביז ענדליך השי״ת האָט געהאָלפען נאָך אַ וואַנדרעווען פון עטליכע חדשים, זיך אַפּוואָלגערענדיג אין אַלע הקדשים, שעלטערס, עמיגראַ־ציאָנס־סטאַנציעס, זיינען מיר אָנגעקומען נאָך ניו יאָרק.

מיט גרויס מיה זיינען מיר אַרויס פון שיף, ווייל איך און מיין פאַמיליע זיינען געווען מיעד פון וועג; מיר האָבען אויף אונזערע פיס ניט געקענט שטעהן. שוואַך, הונגעריג, אויסגעצערט, קיין גליד קיין גאַנצער איז אין אונז ניט געווען.

די איינציגע זאַך וואָס מיר האָבען געטראַכט איז געווען: מיר זאָלען שוין קומען אין אַ הויז, זיך אַפּפרישען און זיך לייגען אָפּרוהען, אויסגלייכען און אויסציהען אונזערע מידע אָנגעוועהטאָגטע ביינער.

איך האָב גלייך גענומען טהאָן ווי מיין ברודער האָט מיר גע־הייסען: „איהם רופען".

און איך האָב אָנגעהויבען צו רופען: „חיים, מיין טהייערער ברו־דער! מיר זיינען שוין דאָ אין ניו יאָרק". אויך מיין ווייב און קינדער האָבען מיט זייערע שוואַכע קולות געשריגען: „חיים! שוואָגער, טהיי־ערער, געטרייער פעטער! מיר זיינען שוין געקומען,—וואו זייט איהר?" אָבער שריי היינט, שריי מאָרגען, קיין ברודער חיים באווייזט זיך ניט.

איך האָב אָבער מיין האָפענונג ניט אויפגעגעבען. איך האָב גע־וואוסט אַז מיין ברודער איז זעהר אַ גוטער און געטרייער און זעהר אַן אמת'ער מענש. ער זאָגט ניט קיין ליגען, און אַז ער האָט געהייסען רופען וועט ער זיך באַווייזען, קען מען זיך אויף דעם פאַרלאָזען, — סיידען ח"ו עפּעס האָט פּאַסירט מיט איהם. און אַזוי בין איך אַרומגע־גאַנגען, אַריינגעקוקט אַלעמען אין די פּנים'ער און געהאַלטען אין איין רופען: „חיים! מיין ברודער! מיין גוטער, געטרייער ברודער, וואו ביזטו? מענשען האָבען מיר אָנגעקוקט און געשמייכעלט, דענקענדיג דאָס איך בין געוויס אַ משוגע'נער. ביז אַ יונגער מאַן איז צוגעקומען צו מיר און פרעגט מיר: ר' איד, וועמען רופט איהר? וועמען זוכט איהר אַרום? זאָגט מיר, פיליכט קען איך אייך באהילפיג זיין? איך האָב איהם דערצעהלט אַז איך רוף מיין ברודער, וועלכער האָט מיר געשריבען: „איך זאָל איהם רופען".

אי, זאָגט ער צו מיר: אַ גרינער בלייבט אַ גרינער. אייער ברודער האָט געמיינט אַז איהר זאָלט איהם רופען דורכ'ן טעלעפאָן. געהט אַריין, זאָגט ער צו מיר, אין דער בודקע וואָס איהר זעהט דאָ, מיט אַ גלאָק פון אויבען, און רופט איהם אָפּ.

אַזוי האָב איך געטהאָן. איך בין אַריין אין דער בודקע און איך האָב אָנגעהויבען צו רופען: חיים! חיים! מיין ברודער, מיר זיינען שוין דאָ! האָב רחמנות און קום געשווינד! העלף אונז! מיר זיינען שוין אָהן כחות! אָבער אין קול ואין עונה. אַזוי ווי ביי די נביאי הבע"ל וואָס האָבען געשריבען אויפ'ן הר הכרמל: „פייער! פייער!"

דאָן איז מיר איינגעפאַלען אַ געדאַנק: פיליכט הערט ער מיר ניט, ווייל איך שטעה צו נידעריג; האָב איך זיך אַרויפגעשטעלט אויף מיין טשעמאָדאַן מיט מיין גאַנצע ביסעל פאַרמעגענס און איך האָב נאָך העכער אָנגעהויבען צו שרייען, מיט אַזעלכע קולות, אַז איך האָב געמיינט אַז די בודקע פאַלט איין. איך בין הייזעריג געוואָרען שרייענדיג, אָבער עס האָט ניט געהאָלפען.

מיין האַרץ האָט מיר פאַרדריקט און איך האָב זיך ביטערליך פאַנאַנ־דערגעוויינט, און מיט טרערען אין די אויגען, קרעכצענדיג און זיפצענדיג, האָב איך אַלץ גערופען מיין ברודער, געבעטען ביי איהם רחמנות, ער זאָל זיך צו מיר באַווייזען. אָבער אויך מיינע טרערען האָבען מיר ווינציג וואָס געהאָלפען. אַלע שערי רחמים זיינען פאַר מיר געוואָרען פאַרשלאָסען.

אַן אויסגעמאַטערטער, אַ האַלב פאַר'חלש'טער בין איך צוגעלאָפען צום יונגען מאַן, וועלכער איז נאָך געשטאַנען אויפ'ן וואָקזאַל, און כל חמתי, וואָס עס איז געווען ביי מיר אויפ'ן האַרצען האָב איך צו איהם אויסגעלאָזען:

„פעטער", זאָג איך צו איהם, „איהר האָט שוין ניט געהאַט פון וועמען צו מאַכען חוזק, ליצנות, דאָס גענאַר, נאַר פון מיר, אַן אומגליק־ליכען נע־ונד'ניק, אַן עלענדען צובראָכענעם אימיגראַנט, וועמען די וועלט איז פינסטער פון די פיעלע צרות וואָס איך האָב אין די לעצטע חדשים אַדורכגעליטען? האָט איהר שוין גאָר פאַר גאָט קיין מורא ניט?

אָבער דער יונגער מאַן קוקט מיר אַן תם'עוואַטע, אַזוי ווי ניט איהם מיינט מען, און ער פרעגט מיר: „ר' איד, איך פאַרשטעה אייך ניט! איך שטעה דאָ ניט צו מאַכען חוזק פון עלענדע מענשען. איך בין אַן

אַנגעשטעלטער פון דער באוואוסטער, רחמנות'דיגער חברה הכנסת אורחים, וועמענס ציעל עס איז צו העלפען אימיגראַנטען מיט וואָס נור מעגליך. זאָגט מיר, מיט וואָס האָב איך פון אייך חוזק געמאַכט?"

זאָג איך צו איהם: „סטייטש, איהר האָט מיר געהייסען אַריינגעהן אין דער בודקע, רופען מיין ברודער, וועט ער צו מיר אַרויסקומען, און צום סוף, מען זעהט ניט און מען הערט ניט".

פרעגט ער מיר: „ווי האָט איהר גערופען?"

זאָג איך: „וואָס הייסט ווי איך האָב גערופען? איך האָב גערופען ווי מען דאַרף. איך האָב געטהאָן דאָס וואָס איהר האָט מיר געהייסען. איך בין אַריין אין בודקע, האָב זיך געשטעלט ביי דער טרובקע און גע־רופען, זאָגאַר געשריהען, מיט מיינע לעצטע כחות, אַז אפילו אַ טויבער האָט געדאַרפט הערען: חיים, מיין ברודער, קום אַרויס! העלף אונז! ראַטעווע אונז! איך האָב זיך אפילו אַרויפגעשטעלט אויף מיינע באַ־גאַזש. איך האָב געמיינט אַז איך וועל זיך שטעלען העכער וועט מען מיר גיכער דערהערען. אָבער אַ נעכטיגער טאָג".

זאָגט צו מיר דער יונגער מאַן בזה הלשון: „איי, ר' איד, אַ גרינער בלייבט אַ גרינער". און ער האָט גענומען פאַר מיר זאָגען אַ גאַנצע דרשה: „וואָס מיינט איהר, ר' איד, אַז אַ גרויסער געלערענטער, ווי דער ערפינדער פון טעלעפאָן, וועט זיך אָפּמאַטערען צעהנדליגער יאָהרען ביז ער האָט ערפונדען דעם טעלעפאָן, און טויזענטער מענשען וועלען אַלע טאָג אַרבייטען אין די פאַבריקען, אין די אָפּיסעס, אין די טעלעפאָן־סטאַנציאָנען, און מען וועט אַוועקשטעלען אין אַלע הייזער, געשעפטען, עפענטליכע פּלעצער טעלעפאָנען, און אויף דעם אַלעמען אויסגעבען אוצרות מיט געלט, כדי . . . ווען איהר אָדער איך וועלען דאַרפען, אָדער סתם זיך פאַרוועלען, מיט יעמאַנדען זיך אַדורך צו שמועסען, זאָלען מיר דאָס קענען טהאָן פריייוויליג, עס זאָל אונז גאַר ניט קאָסטען. אומזיסט טרינקט מען וואַסער. און ביי אונז אין אַמעריקע קאָסט וואַסער אויך געלט. קיין כישוף קונצען זיינען היינטיגע יאָהרען ניטאָ. וויל מען עפּעס האָבען מוז מען אַרבייטען אָדער צאָהלען; ווען איהר ווילט רעדען, רופען דורכ'ן טעלעפאָן, דאַרפט איהר ראשית חכמה אַריינ־וואַרפען אין דער קעסטעלע אַ מטבע, און דאַן, ווען איהר האָט געגעבען די מטבע, מעגט איהר רופען און מען וועט אייך ענטפערען.

געדענקט ר׳ איד דעם כלל: „גיט מען צום ערשטען אַ מטבע אין טעלעפאָן-פושקע, דאמאָלס וועט מען אייך ענטפערען ווען איהר וועט רופען. וואַרפט איהר ניט אַריין פריהער קיין מטבע, מעגט איהר שרייען פון היינט ביז מאָרגען וועט מען אייך ניט ענטפערען״.

איהר דאַרפט אויך, פעטערקע, וויסען נאָך אַ כלל, אַז ניט שטענדיג העלפט די זעלביגע מטבע. ווען איהר ווילט רופען פאַר אַ קליינע שטרע־קע, האָבען, הייסט עס, אַ קליינעם נוטץ פון טעלעפאָן, דאַרפט איהר אַריינוואַרפען אַ קליינע מטבע. ווילט איהר אָבער האָבען גרעסערע נוטצען פון טעלעפאָן, איהר ווילט רעדען פאַר אַ ווייטע שטרעקע, אָדער אַ לענגערע צייט, מוזט איהר אַ גרעסערע מטבע אַריינוואַרפען.

און ווען מען וואַרפט אַריין די ריכטיג געפאָדערטע מטבע, דאמאָלס רופט זיך אָפּ דער טעלעפאָן - אפעריטאר, דאָס איז דער אָנגעשטעלטער פון דער טעלעפאָן-קאָמפּאַני, און פרעגט אייך צו וועמען איהר ווילט רעדען, און גלייך פאַרבינדעט מען אייך מיט דעם געוואונשטען פערזאָן, און איהר דערהערט פון יענער זייט די שטימע: „האלאָ! הנני! דאָ בין איך. וואָס איז דיין וואונש? וואָס פאַרלאַנגסטו?״

ווייזט נאָר, פעטער, דעם אַדרעס פון אייער ברודער. איך וועל זעהן וואו ער וואָהנט, וועל איך וויסען וואָס פאַר אַ מטבע איהר ברויכט אַריין צו וואַרפען אום איהר זאָלט באקומען אַן ענטפער״.

איך האָב איהם געגעבען די מטבע וואָס ער האָט געהייסען און בין מיט איהם געגאַנגען צוריק צו דער בודקע.

מיין באגלייטער איז צוגעגאַנגען צו דער קעסטעלע, אַריינגעוואָרפען די מטבע און . . . וואונדער איבער וואונדער, פון קעסטעלע האָט זיך דערהערט אַ שטימע. דער מאַן האָט מיר געהייסען נעמען די טרובקע זאָגענדיג: באַלד וועט אייער ברודער רעדען צו אייך. מיין האַרץ האָט האַסטיג געקלאַפּט, מיינע הענד האָבען געציטערט, מיינע פיס האָבען זיך געבויגען, אין קאָפּ האָט מיר געשווינדעלט. יעדע סעקונדע האָט זיך געצויגען ווי אַן אייביגקייט. — קען דאָס טאַקע מעגליך זיין, — האָב איך געטראַכט, — אַז איך וועל באַלד רעדען מיט מיין ברודער? און עס וועט נעמען אַן ענדע צו מיינע צרות?

איך האָב אָבער לאַנג ניט געדאַרפט וואַרטען. גלייך האָב איך דערהערט אַ שטימע פון יענער זייט טעלעפאָן, וואָס האָט געקלונגען

אין מיינע אויערן ווי די שעהנסטע מוזיק; ליכטיג איז מיר געוואָרען אין די אויגען, מיין פינסטערע וועלט האָט איצטער אויסגעקוקט ליכטיג, ווי אין אַ זומערדיגען טאָג, מיטאָגס-שטונדע.

איך האָב דערקענט אַז דאָס איז די שטימע פון מיין געטרייען ברודער חיים'על. יע, דאָס איז עס. איך האָב גערופען שטיל: „חיים, מיין ברודער, וואָס מאַכסטו? שלום עליכם. און איך האָב געהערט ווי ער ענטפערט: „יאַנקעלע, מיין ברודער! שלום עליכם! וואָס מאַכסטו? ער האָט מיר געהייסען זיין געדולדיג, גלייך קומט ער מיר מקבל פנים זיין. וכך הוה.

עס האָט ניט גענומען לאַנג, מיין ברודער איז געקומען אין אַ טהיי-ערער מאַשין, מיר גענומען צו זיך אַהיים, וואו מיר האָבען געפונען מנוחה, און ווען איך בין שוין געווען אויסגערוהט מעמל הדרך, האָב איך גענומען טראַכטען וועגען דער פּאַסירונג און אין מיינע אויערן האָבען געקלונגען די ווערטער פון יונגען מאַן:

„ווילסטו רופען אין טעלעפאָן און ווערען געענטפערט, וואַרף אַריין פריהער אַ מטבע!”

די ווערטער זיינען אויף מיין האַרצען אויסגעקריצט, און ביי יעדען מאָל וואָס איך זעה דעם טעלעפאָן, וואָס איך האַלט איהם אין האַנד, דערמאַן איך זיך דיזע גרויסע לעהרע . . .

ווען איך האָב גענומען אַריינטראַכטען אין דער זאַך, נאָכדעם ווי איך בין שוין געווען געקומען צו זיך, האָב זיך אויסגערוהט פון דער שווערער רייזע, זיינען מיר אַרויפגעקומען די ווערטער פון אונזערע הייליגע חכמים ז"ל:

„מלכותא דרקיע כעין מלכותא דארעה” (ברכות נ"ח).

ד"ה: די הימעלשע הנהגה און די הנהגה אויף דער וועלט פיהרען זיך אויפ'ן זעלבען שטייגער.

באַשאַפען האָט גאָט אַ שעהנע, ליכטיגע, גוטע וועלט און איהר איבערגעגעבען צו זיינע קינדער, די מענשען. און דער אלקים חיים, ווי אַ גוטער פאָטער, איז שטענדיג גרייט צו ענטפערען יעדען איינעם ווען מען רופט צו איהם.

„קרוב ה׳ לכל קוראיו לכל אשר יקראוהו באמת״.

„נאָהענט איז גאָט צו אַלע וועלכע רופען צו איהם, צו די אַלע וועלכע רופען איהם מיט אַן אמת״.

„רצון יראיו יעשה ואת שועתם ישמע ויושיעם״.

ער טהוט דעם ווילען פון די וועלכע פורכטען איהם. און זייער שרייען הערט ער און העלפט זיי.

אַ גרויסען אָפיס האָט „ע ר, הקב״ה,״ אין הימעל איינגעאָרדענט. אין דעם אָפיס געפינען זיך אפערייטארס, צו וועלכע מען דאַרף זיך ווענדען, ווען מען וויל רופען צו גאָט ב״ה. און די אָנגעשטעלטע אין הימעלשען אָפיס, ווען זיי דערהערען אַ רוף פון אַ מענשען, פאַרבינדען זיי איהם, כביכול, מיט גאָט אַליין.

דער אָפיס רופט זיך: „מ ד ת ה ר ח מ י ם״.

אָבער מיר דאַרפען וויסען:

דאָס כדי דער מדת הרחמים, דער אפערייטאר פון הימעלשען רחמים־טעלעפאָן, זאָל דערהערען דיין רוף און דיר פאַרבינדען מיט׳ן „בעל הרחמים״, מיט׳ן האַר פון רחמים, מיט גאָט זעלבסט, איז ניט גענוג דאָס וואָס דו וועסט רופען און שרייען צום אפערייטאר — מדת הרחמים. מעגסט שרייען פון היינט ביז מאָרגען:

„מדת הרחמים עלינו התלגלי ולפני קונך תחינתנו הפילי!״

„מדה פון דערבאַרמדיגקייט, באמיה זיך וועגען אונז, און פאַרבינד אונז מיט דיין „קונך״ — האַר, און אונזער האַר וועט עס ניט העלפען, ווייל דער מדת הרחמים דערהערט ניט דיין רוף.

ווילסטו מענש אַז דער מדת הרחמים זאָל דיר דערהערען און פאַר־בינדען מיט גאָט, מוזטו אַפריהער אין צדקה־פושקע אַ רחמנות־מטבע אַריינוואַרפען . . .

ווילסטו דער בעל הרחמים זאָל דיר ענטפערען ווען דו רופסט צו איהם וועגען געזונד פאַר דיר און דיין פאַמיליע, וואַרף אַריין אַ מטבע אין דער ביקור חולים פושקע.

ווילסטו פרנסה, ברויט, גיב אין דער צדקה־פושקע ברויט צו אַנ־דערע, וועלכע ווענדען זיך צו דיר, אַז דו זאָלסט אויף זיי רחמנות האָבען.

ווילסטו בעטען פאר קליידער, גיב א מטבע אין מלביש ערומים פושקע.

ווילסטו נחת פון דיינע קינדער האבען, פיהרען זיי מיט ריכטיגע זווגים צו דער חופה, ווארף אריין א מטבע אין הכנסת כלה פושקע.

ווילסטו דיינע קינדער זאלען גוטע אידען זיין און געלערענטע, ווארף אריין אין חינוך פושקע, אז דיין חבר׳ס קינדער זאלען אויך האבען די מעגליכקייט א גוטע ערציהונג צו האבען.

ווילסטו א שעהנע היים האבען, א ווארימע, א ליכטיגע, ווארף אריין אין דער שוהל-פושקע, זיי א מיטגליד אין א שוהל, שטיץ איהר, האלט איהר אויף, אניט איז דיין שרייען אומזיסט.

און דארום, האט מיין פריינד פארטגעזעצט, איז די ערשטע זאך וואס איך טהו — ווארף איך אריין אין צדקה-פושקע.

ווארום איך וויים אז ניט איך גיב א נדבה, און אז איך וויל גיב איך און אויב ניט — ניט. ניין. איך צאהל מיינע הימעלשע טעלעפאן-בילס. — און א טעלעפאן-ביל וואס מען צאהלט צו דער קאמפאניע איז ניט קיין נדבה, עס קומט זיי, — דו טהוסט קיינעם ניט קיין טובה מיט דעם וואס דו צאהלסט דיין טעלעפאן-חוב. אויב דו וועסט ניט צאהלען און דאס גלייכען א צווייטער, וועלען אלע ארבייטער אין דער טעלעפאן-קאמפאניע, פון פרעזידענט ביז דעם קלענסטען ארבייטער, פון הויפט-אינזשינער ביז דעם טעלעפאן-אפערייטאר, ניט קענען עקזיסטירען, און די גאנצע קאמפאניע וועט בטל ווערען.

און דאס גלייכען מיט צדקה.

די גרויסע פאבריק, וועלכע גאט האט באשאפען, וועלכע רופט זיך: „וועלט", איז פאר אלעמען גלייך באשאפען געווארען. אלע זיינען אין איהר ארבייטער, אנגעשטעלטע. יעדער איינער טהוט זיין חלק פאר׳ן קיום העולם, פאר דער עקזיסטענץ, ענטוויקלונג און פראגרעס פון דער וועלט. דער ארימער ווי דער רייכער, דער הונגעריגער ווי דער זאטער, דער אין סמאטעס געקליידעטער ווי דער אין האניג און עסיג באפוצטער, און יעדערער וואס לעבט אין דער וועלט און באנוצט זיך מיט איהר און מיט איהרע רייכטהימער, דארף צאהלען זיין חוב . . .

און, זעצט פארט מיין פריינד, ווען גאט האט געבענשט איינעם מיט רייכטהום, דארף ער געדענקען אז ער איז א קאסירער, קעשיר,

וועמען דער האר פון דער וועלט האָט אָנגעטהאָן דעם כבוד און גע-געבען דעם זכות, ער זאָל אויסצאָהלען צו אַלע זיינע באשעפטיגטע אין זיין וועלט-פאַבריק.

און גרויס, זעהר גרויס, איז די אחריות פון קאַסירער, וועלכער דאַרף זאָרגען פאַר די טויזענטער אַרבייטער.

דער קאַסירער דאַרף אימער געדענקען, דאָס אָבוואָהל מען האָט איהם אָנגעטרויט אַזוי פיעל רייכטהום צוטהיילען צו אַנדערע, — אָבער ער איז דאָך ניט מעהר ווי אַ קאַסירער, ער איז ניט קיין בעל הבית, — ער מוז אַלע מאָל קומען צום בעל הבית אָפּגעבען דין וחשבון ווי אַזוי ער האָט די געלט אויסגעגעבען. און ווען ער וויל טהאָן אַ נייע זאַך, מאַכען נייע, ניט פאָראויס באשטימטע הוצאות, טאָר ער אַליין ניט טהאָן, נאָר ער דאַרף אָפּרופען צום בעל הבית בעטען ערלויבעניש.

און אויב ער טהוט ניט זיין פליכט, צאָהלט ניט ריכטיג די אָנגע-שטעלטע, און אנשטאט דעם באנוצט ער די געלט פאַר זיך און זיין פאַמיליע, — איז ער אַ גנב, — פאַר וועלכע פריהער-שפּעטער וועט ער צאָהלען זיין שטראָף.

איך געדענק אויך די צווייטע לעהרע, וואָס איך האָב אָפּגעלערענט פון טעלעפאָן, נעמליך:

„וואָס מעהר מען באנוצט זיך מיט איהם, וואָס לענגער די שטרעקע, וואָס לענגער די צייט, אַלץ גרעסערע מטבעות דאַרף מען אין טעלעפאָן-פּושקע אַריינוואַרפען.

דער אָרימאַן, וואָס פאָדערט נאָר קליינע רומקעס און לחם לאכול ובגד ללבוש, איז זיך אין יעדער זאַך מסתפּק במועט אבי די נשמה צו דערהאַלטען, דאַרף אַ קלענערע מטבע אַריינוואַרפען.

דער גביר, וועלכער וויל רייכטהום, ראַשקאָס, לוקסוס, פּאַלאַצען, אויטאָמאָבילען, קנעכט, דינסטען, לוסט-רייזעס, מוז גרעסערע מטבעות אַריינוואַרפען, דאַרף גרעסערע טעלעפאָן-בילס צאָהלען.

אויב ניט, ווערט ער ניט געענטפערט . . .

עס איז פאַראַן נאָך אַ סאָרט טעלעפאָן, זעצט פאָרט מיין פריינד, — פּריוואַטע טעלעפאָנען, אין וועלכע מען דאַרף ניט אַריינוואַרפען אַ מטבע יעדעס מאָל ווען מען רעדט.

דער אייגענטהימער פון טעלעפאָן איז אַן אָנגענומענער, אנשטענ־דיגער בעל הבית און די טעלעפאָן קאָמפּאַניע געטרויט איהם.

מען קען רעדען וויפיעל מען וויל, ווי לאַנג מען וויל. מען דערמאנט איהם ניט אַז די צייט, פאַר וועלכע ער האָט איינגעצאָהלט, איז שוין אריבער, און אויב ער וויל ווייטער רעדען מוז ער נאָך אַ מטבע אַריינ־וואַרפען; דעם אנשטענדיגען בעל הבית לאָזט מען נוצען דעם טעלעפאָן וויפיעל זיין הארץ גלוסט. אָבער אויך די טעלעפאָנען זיינען ניט קיין אומזיסטע; די אייגענטהימער פון אַזעלכע טעלעפאָנען זיינען ניט קיין יחסנים. אמת, מען געטרויט זיי, אָבער אַז עס קומט ענדע חודש שיקט די טעלעפאָן־קאָמפּאַניע אריין אַ ב י ל, דאָס אַזוי פיעל מאָל, אַזוי פיעל צייט און אַזוי ווייט האָט מען זיך באנוצט מיט'ן טעלעפאָן און מען בעט „ר' יעקב משלם". און אויב מען באצאָהלט ניט, שניידט מען איבער די טעלעפאָן־דראָטען, אַז אויף ווייטער זאָל מען זיך ניט קענען מעהר באנוצען מיט איהם. און פאַר די סומע וואָס מען האָט פריהער גענוצט שענקט מען אויך ניט, מען מוז באצאָהלען, און אַניט קריגט מען תפיסה אויך . . .

מען מוז צאָהלען!

און דאָס זעלבע אויב מען האָט איינעם אָנגעטרויט צו רופען דעם מדת הרחמים אַ גאַנצען יאָהר און וואָס ער האָט פאַרלאַנגט האָט ער באקומען. ער איז געענטפערט געוואָרען, געהאַט הצלחה. אָבער ער מוז דעם ביל באצאָהלען, פּינקטליך. און ווען עס קומט פאַר ראש השנה ויום כיפּור, דאַרף ער אוים'חשבון'ען: צי ער האָט גענוג באצאָהלט פאַר די הימעלשע טעלעפאָן־בילס, און ער זאָל טאַקע באצאָהלען, אויב ער וויל ניט מען זאָל ח"ו אין דער צוקונפט, צום נייעם יאָהר, איבעררייסען די רחמים'דיגע טעלעפאָן־דראָטען פון איהם, מען זאָל ניט סטאָפּען די צינורות פון שפע פון איהם ח"ו, — עשר בשביל שתתעשר, — צאָהלסטו דיין טעלעפאָן־ביל ועסטו קריגען קרעדיט, — און איהם אויך צווינגען צו באצאָהלען די חובות פון פאַרגאַנגענעם יאָהר מיט פּראָצענט. גאָט האָט זיינע שלוחים, וועלכע מאָנען אויף . . . הרבה שלוחים למקום . . . עיין ב"ב דף ו' המעשה עם בני אחתיה דריב"ז.

עס געפינען זיך אויך נאַרישע אָדער פאַרנאַרטע מענשען, וועלכע דענקען ווי יענער גרינער פריינד מיינער, ווען ער האָט ניט געקראָגען אַן ענטפער, זיך צו שטעלען אויפ'ן באַגאַזש זיינעם. אַזוי טהוען זיי אויך. זיי דענקען דאָס אַזוי ווי אומעדום אין דער געזעלשאַפט הערט מען זיך צו

צו זייערע רייד, ווייל זיי שטעהען אין דער הויך, אויף זייערע רייכע באַנק-ביכלעך, גרויסע הייזער, גיטער, געשעפטען, בריליאַנטען, אויטאָ-מאָבילען. אומעדום טרעט מען אָפּ פאַר זיי דעם וועג, און מען כאַפּט אויף זייער יעדען וואָרט,—וועט דאָס זעלביגע פּאַסירען ווען זיי וועלען אין שוהל קומען צום נייעם יאָהר. זיי דאַרפען זייערע בילס פאַר די גוטעס וואָס זיי האָבען געגאָסען פון מדת הרחמים ניט צאָהלען, זיי דאַרפען נור אָפּרופען, אויסדריקען זייער וואונש וואָס זיי ווינשען, און עס וועט שוין זיין אַ ל ר י י ט. דאַרפען זיי געדענקען דאָס מיט דער הימעלשער מדת הרחמים פירמע געהט ניט אַזעלכע ביזנעס . . . דאָרטען האָט מען ווינציג וואָס רעספּעקט פאַר ניט קיין צדקה'דיגע באַנק-ביכלעך.

און דארום דאַרף יעדער איינער מיט דאַנק צאָהלען זיינע צדקה-בילס, און אָנהאַלטען זיין פירמע, זיין קרעדיט . . .

און, האָט מיין פריינד געענדיגט, איך צאָהל מיט שמחה מיינע טעלעפאָן-בילס, און דארום זיינען אורחים און גבאי צדקה ביי מיר פריהער פאַר מיינע קאַסטאמער.

דער טעלעפאָן, מיין לעהרער, לאָזט מיר ניט פאַרגעסען. ער דער-מאַנט מיר שטענדיג: ר' יעקב משלם! ר' יעקב צאָהל דיינע טעלעפאָן-בילס. אויב דו וועסט צאָהלען וועסטו האָבען גרוים קרעדיט אויף ווייטער, און, ב"ה, גאָט העלפט מיר . . .

אַרויסגעהענדיג פון מיין פריינד, ר' יעקב'ס, אָפּיס און טראַכטענדיג אין דער טיעפקייט פון זיינע רייד, איז מיר קלאָר און פאַרשטענדליך געוואָרען די דאָפּעלע ווערטער פון נביא ישעיה:

„אז" — דאַמאָלס ווען דו וועסט צאָהלען דיינע בילס, וועסט געבען צום אָרימאַן דיין ברויט, וועסט באַקליידען דעם נאַקעטען, געבען אַ דאַך צום פאַרוואָגעלטען, דאָס הייסט: דו וועסט אַריינוואַרפען אין דער הימעלשער טעלעפאָן-פושקע, „תקרא" — וועסטו רופען:

„וה' יענה" — און ה', דער מדת הרחמים, וועט דיר ענטפערען און דיר, כביכול, פאַרבינדען מיט'ן „בעל הרחמים", גאָט זעלבסט. „תשוע", דאַן וועסטו שרייען צו גאָט, „ויאמר" — און ע ר, גאָט ב"ה, וועט זאָגען: „הנני", „דאָ בין איך". זאָג דיין פאַרלאַנג, מיין קינד, און איך וועל דיר ענטפערען. ווארום: „הנני", איך בין גרייט אַלעמען צו העלפען: „הנני", איך בין גרייט צו ערפילען אַלעמענס רצון.

„הנני", איך בין גרייט צופרידען צו שטעלען אייך אַלעמען, צו געבען אייך אַ שנת חיים ושלום, ופרנסה טובה וכל טוב, אָמן.

צו פריינד און פאַטראָנייזערס

אַן ערקלערונג וואָרום עס איז די פליכט פון אַ מחבר מפרסם צו זיין די נעמען פון די פּראָנומעראַנטען.

ווען איך האָב אַרויסגעגעבען, ב"ה, מיין ערשטען ספר, „דרשות מהחיים והטבע", האָב איך פאַרשפּראָכען צו די אַלע, וועלכע האָבען גענומען ביי מיר מיין ספר, דאָס אויב זיי וועלען מיר אַריינשיקען זייערע און זייערע פאָטערס נעמען, וועל איך בל"נ אין צווייטען חלק זיי דרוקען. און אַזוי ווי דער ספר קען זיך רעכענען פאַר'ן צווייטען חלק, ערפיל איך מיין הבטחה.

איך טהו עס צוליעב פיעלע אורזאַכען, פון וועלכע איך וועל דאָ אַ פּאָר ברייננגען:

א) עס זיינען פאַראַן דריי סאָרטען קונים פון ספרים.

איינער קויפט אַ ספר, ווייל ער איז דורשטיג פאַר אַ נייעם וואָרט. ער איז פון די, וועגען וועלכע אונזערע חכמים זאָגען: „אידען זיינען געגליכען צו פיש. אַזוי ווי אַ פיש, כאָטש ער געפינט זיך שטענדיג אין וואַסער, דאָך ווען עס רעגענט שטעקט ער אַרויס זיין מויל צו כאַפּען אַ פרישען טראָפּען און שלינגט עס מיט גרויס זשעדנעקייט, אַזוי ווי ער וואָלט קיינמאָל קיין טעם פון וואַסער ניט פאַרזוכט" (בר"ר פ' צ"ז). אַזוי אויך זיי, וויסענדיג אַז: אי אפשר לבית המדרש בלא חידוש" (חגיגה ג'), און דאָס גלייכען מוז זיך אין יעדען ספר געפינען עפּעס אַ חידוש, אַ נייעס, קויפען זיי מיט שמחה יעדען ניי־ערשינענעם ספר, און שלינגען מיט דורשט די דברי תורה, וואָס אין איהם געפינט זיך.

אַ צווייטער קויפט אַ ספר, ווייל ער איז אין דער בחינה פון: „חבר אני לכל אשר יראוך ולשומרי פקודיך" (תהילים קי"ט ס"ג), איך בין באַפריינדעט מיט אַלע וואָס פירכטען דיר און וואָס היטען דיינע באַפעהלען". און ער פרעהט זיך ווען ער האָט אַ געלעגענהייט מחזק צו זיין תורה ויראת ה', און צו ערמוטהיגען לומדי תורה אין זייער הייליגע אַרבייט.

א דריטער קויפט דעם ספר, ווייל ער איז א פערזענליכער פריינד פון מחבר, ווענדיג דורכדעם ארויסווייזען זיין פריינדשאפט צו איהם און אויך ווענדיג איהם שטיצען און איבערהויפט איהם ערמעגליכען ארויסצוגעבען זיינע חידושי תורה, וואס איז ביי יעדען מחבר דער גרעסטער גליק און זכות.

דאריבער איז א מאראלישער חוב פון א מחבר צו פאראייביגען זייערע נעמען אין „ספר הזכרון" לדור דורות.

ב) ניט בלויז איז עס א „מאראלישער חוב", נאר עס איז אויך א חוב על פי דין.

אין א מלחמה האבען די סאלדאטען, וועלכע גרייטען צו די שפייז און אמוניציע, די זעלבע רעכט ווי די סאלדאטען, וואס שטעהען אויפ'ן מלחמה-פעלד, און ביידען קומט א גלייכען חלק אין די געווינסען פון דער מלחמה. ווארום אהן זייער צוגרייטען אלעם וואס איז נויטיג צו דער מלחמה, וואלטען די קעמפפער ניט געקענט געווינען און ניט גע־קענט ארויסווייזען זייער העלדישקייט און זיין ערפאלגרייך אין זייער אונטערנעמונג פאר די באשיצונג און כבוד פון זייער לאנד און פאלק.

דאס גלייכען ארויסצוגעבען א ספר, אום צו פארשטארקען די גייסטיג פאזיציעס, פאדערט זיך גרויס ענערגיע, מיה, אנשטריינגונג, געדולד, אויסדויער און קאמפף מיט אלע מכשולים, וואס דער מחבר האט אויף זיין וועג, פון דעם ערשטען מאמענט ווען ער איז זוכה אז גאט העלפט איהם און א מחשבה, א געדאנק בליצט אויף אין זיין מוח, ביז וואנען ער איז שוין זוכה אז דאס קומט ארויס פון דרוק.

אבער די אלע זאכען פון טראכטען, שרייבען, מעקען און איבער־שרייבען, צונויפשטעלען די געדאנקען, דרוקען און פארריכטען די גרייזען, זיינען ניט אזוי שווער ווי דער באצאהלען פאר'ן דרוקען און בינדען, ווייל צו די ערשטע זאכען פאדערט זיך אייגענע ארבייט און ענערגיע, וויפיעל דער מחבר פארמאגט אין זיך, מיט וויפיעל השיי"ת האט איהם געבענשט, און ער דארף צו קיינעם וועגען דעם ניט אנקומען.

אנדערש אבער איז וועגען די לעצטע, וועגען די הוצאות הדפוס, די דרוק-קאסטען. דאס ווענדעט זיך שוין ניט אין דעם מחבר. דער סוד פון באקומען געלט. פשוטה געלט ווייסען שוין ניט על פי רוב די מחברים, און זייער גאנצע חכמה וואלט געבליבען א סוד, און זייער גאנצע ארבייט און מיה וואלט געבליבען אומזיסט.

און אַזוי איז טאַקע דער פאַל מיט אַ סך מחברים, — וועמענס חכמה עס שטאַרבט מיט זיי, צו אונזער גרויסען באַדויערען — און דאַ קומען אידען מיט ליעבע, פריינדשאַפט צו תורה און צו לומדי תורה קויפען דעם ספר, אָדער פאַרזיכערען צו קויפען ווען ער וועט געדרוקט ווערען, פאַרשרייבען זיך פאַר פּראַנומעראַנטען און העלפען אַז דער ספר זאָל זיין אַ „יוצא לאור", אַרויסגעהן אין דער ליכטיגער וועלט.

די אידען זיינען אַלזאָ די אמת'ע מחברים, און זיי קומט נאָך מעהר קרעדיט פאַר'ן מחבר.

איז דאָך זבולן דער סוחר, וועלכער שטיצט יששכר'ן דעם למדן, ביי אונז נאָך חשוב'ער ווי יששכר. און דער טאַטע יעקב ע"ה האָט געבענשט פריהער זבולן'ען דערנאָכדעם יששכר'ן.

און דאָס גלייכען האָט משה רבינו פריהער דערמאָנט זבולן'ען און דאַן יששכר'ן:

„שמח זבולן בצאתך ויששכר באהלך" (דברים ל"ג י"ח). ווייל יששכר קען ניט זיין אַ יששכר סיידען עס איז אַפריהער דאָ אַ זבולן. ועיין מד"ר קהלת על הפ': „טובה חכמה עם נחלה".

פון די אויבענדערמאָנטע רייד זעהען מיר די גרויסקייט און חשיבות פון די אמת'ע מחברים, די זבולן'ס.

און איך באַדאַנק פון טיעפען האַרצען אַלע אמת'ע אוהבי תורה, אמת'ע זבולן'ס, פאַר שטיצען תורה, פאַר מכבד זיין תורה ולומדי תורה, פאַר העלפען אונזערע אַלע יששכר'ס, אַלע מחברים פאַרטצוזעטצען צו זיין יששכר'ס, קענען זיצען באהלי תורה און טהאָן זייערע הייליגע אַרבייט פאַר אַלעם וואָס איז הייליג און טהייער ביי אונז אידען.

און ווען זיי וועלען קוקען אויף זייערע נעמען אין די ספרים, וועלכע זיי העלפען דרוקען, דאַרפען זיי פיהלען אַן עונג רוחני, אַ גייסטיגען פאַרגעניגען, ווי עס פיהלט יעדער מחבר, ווען ער איז זוכה צו זעהן זיין ספר געדרוקט און זיינע חידושים געלעזען.

איך געפין דאָ פאַר וויכטיג צו ברייננגען די ווערטער פון הרב הגאון פאפו זצ"ל אין זיין ספר „פלא יועץ", רעדענדיג וועגען דעם ענין פון דפוס — דרוק:

גרויס איז די טובה וואָס די וועלט האָט פון „דרוק". דורך איהר קען די תורה פאַרגרעסערט ווערען, און איהרע קוואַלען זאָלען זיך ווייט צושפרייטען.

און אַזוי ווי על פי רוב איז די האַנד פון די חכמים קורץ צו דרוקען זייערע ספרים, און זיי ברעכען זייערע פיס צו געהן פון שטאָדט צו שטאָדט, כדי צו קלייבען געלט פאַר'ן דרוקען זייערע ספרים, דארום איז די פליכט פון די עשירים, קינדער פון דעם פאָלק פון גאָט פון אברהם'ען, צו עפענען זייערע הענד מיט אַ גוט אויג, און דורכדעם וועלען זיי האָבען אַ גלייכען חלק מיט'ן חכם; ווארום: „כי בצל החכמה בצל הכסף", דורך דעם שאָטען פון זייערע געלט זיינען זיי זוכה צו זיצען אינ'ם שאָטען פון חכמה.

זייער שטיצע דאַרף זיין לויט די חשיבות פון ספר, לויט די נויטיגקייט פאַר'ן רבים, און לויט די נוצען וואָס ער ברייגנט צו עבודת השי"ת.

און אַז דו ווערסט גוט נאָכקלערען, — זאָגט ער ווייטער, — איז ניטאָ קיין געלט וואָס מען גיט אוים פאַר אַ מצוה, וואָס זאָל זיין אַזוי חשוב ווי די געלט.

ווארום יעדע הוצאה פאַר אַ מצוה איז „לשעתו". דער אָנפאַנג פון דער מצוה און די ענדע איז אין איין צייט. אָבער דער וואָס העלפט דרוקען אַ ספר ענדיגט זיך קיינמאָל ניט זיין מעשה המצוה, זיין צדקה שטעהט אויף אייביג, אויף דור דורות, — ווארום אין הונדערטער און טויזענטער יאָהרען אַרום, ווען אימעצער וועט לערנען דעם ספר, איז דאָס נאָך דאָן אַ פאַרטזעצונג פון זיין מעשה המצוה — ער איז אַ מזכה את הרבים, און דער זכות פון רבים וועט נאָך דאָן באַלאַנגען צו איהם, זיין צדקה וועט געהן פאַר איהם און נאָך איהם.

„מה טוב חלקו!" ווי גוט איז זיין חלק!

דורכדעם: קנה שם טוב, קויפט ער זיך אַ גוטען נאָמען. „קנה לו דברי תורה", ער קויפט זיך תורה, „קנה לו חיי העו"הב וגם עו"הז", ער קויפט זיך די וועלט און יענע וועלט. (עכ"ל ה"ק)

יע, מענשען זוכען צו פאַראייביגען זייערע נעמען, אויסקריצענדיג זיי אין שטיינער און מאַרמאָר. אָבער אין דער צייט ווען זייערע נעמען וועלען שוין פון די שטיינער זיין אָפּגעקראָכען און אָפּגעווישט און די שטיינער זאָגאַר צושאָטען, וועלען נאָך אַלץ די נעמען פון יעניגע קלוגע,

וועלכע האָבען זייערע נעמען פאַרשריבען אין ספרים אַלס מיטהעלפער צו דרוקען זיי, שיינען און לייכטען מיט הימעל-שיין, ווי ליכטיגע שטערען. ווי אין פסוק שטעהט:

„והמשכילים יזהירו כזוהר הרקיע ומצדיקי הרבים ככוכבים לעולם ועד" (דניאל י"ב ג').

די קלוגע וועלען גלאַנצען מיט הימעל-שיין און די וואָס האָבען פיעלע צו גוטעס געבראַכט וועלען שיינען ווי די שטערען אויף אייביג.

נ"ב. פיעלע נעמען פעהלען דאָ. עס איז אָבער ניט מיין שולד, ווייל זיי האָבען פאַרנאַכלעסיגט צוצושיקען די נעמען.

ווער עס וועט קויפען דעם ספר און מיר צושיקען זיין און אויך דעם פאָטערס נאָמען, וועל איך ב"ה ובל"נ מיט כבוד און צופרידענהייט מפרסם זיין אין צווייטען חלק, צום אייביגען אנדענקען.

א

מר נתן אדלער, באַלטימאָר
מר אברהם יצחק בר' יוסף אייבראמסאָן
מר אברהם אליהו בר' בנימין אייבראמסאָן
מר ברוך מיכל בר' יעקב יוסף איידעלמאַן
מר אברהם בר' זרח אלבערט
מר שלמה בר' דוד אלטשולער
מר אברהם בר' יעקב אלענדער
מר שרגא פייוויל בר' אברהם אלענדער
מר אליעזר בר' אברהם אלענדער
מר טוביה בר' אברהם אלענדער
מר אלחנן מרדכי בר' שמחה אפשינסקי
מר פסח בר' מאיר ארקוס
מר דובער אפפעל, רעוויער, מאסס.
מר נח בר' יוסף שרגא אפפעלבוים
מר מאיר בר' בנימין אבאלסקי
ש"ב שלמה דוב בר' אליעזר צבי אפפענהיים
ש"ב דוד בר' אליעזר צבי אפפענהיים
מרת איידע אפפענהיים
מרת ביילה דינה אפפענהיים
מלכה אפפענהיים
גיטעל אפפענהיים
יעקב ס' אלענדער, ראטשעסטער

ב

ביהכ"נ בית אברהם, בעיאָן
ביהכ"נ אוהבי שלום, אפּטאון, בעיאָן
ביהכ"נ אוהבי שלום אנשי ספרר, בעיאָן
ביהכ"נ אגודת אחים, בעיאָן
ביהכ"נ אוהבי צדק אנשי אונגארן, בעיאָן
חברה נוסח האר"י, בעיאָן
גמ"ח בערגען עוועניו, דזשוירזי סיטי
ביהכ"נ ווארנער עוועניו, דזשוירזי סיטי,
על ידי מר שולמאַן
ביהכ"נ הר ציון, דזשוירזי סיטי,
על ידי הגבאי
מר ס. ניסענבוים
ביהכ"נ אנשי סאקאָלע, בראָנזוויל
ביהכ"נ פּליינפיעלד
ביהכ"נ בערגען עוועניו, דזשוירזי סיטי
ביהכ"נ אהבת אחים, מוירטעל עוועניו,
דזש. סיטי, על ידי רעוו. חיים זיידעס
שאול בר' גרשן בראנדוויין
חיים צבי בר' שלמה בורשטיין
מר גרשן בר' יוסף אברהם הלוי באלינקי
מר אליהו מרדכי בר' יצחק הלוי בראנדעס
יצחק בר' יוסף באראס
יהודה בר' חיים באראוויטץ
מיכל בר' אפרים יוסף בייראף
יעקב בעקער
יוסף שמואל בר' מרדכי בערמאן
ראובן בר' מרדכי בערקמאן
שלמה בר. אריה ברלין
יצחק בר' אליהו מרדכי בערענשטיין
בארנעט בראָדי
מרת לאה בעקער
חיים מאיר בר' יצחק בוכבינדער
י"ח בלאטט
מר שלמה בערקאוויטץ, הול, ענגלאנד
מר יהודה אידעל בערמאן
מ. בערענשטיין
שמואל בערענשטיין
סיני בר' שאולביימעל
מנחם מענדיל בר' יוסף בריגאדיר

א. בייראף
מר שמואל ברוקנער
שלמה בלום
מר משה בונימאוויטץ
מר ס' בודאוו

ג

מר אברהם יהודה בר' ישראל גאָלדשטיין
מר משה בר' אליהו גאָלדשטיין
מר יהושע העשיל בר' שמואל שמעלקע
גאָלדקלאַנג
יוסף בר' אברהם גאנין
שמואל בר' ירוחם פישעל גאָלדפארב
מאיר יצחק בר' יעקב שרגא גאלינסקי
דוד בר' יעקב שרגא גאלינסקי
דוד בר'אליעזר הכהן גראָסמאַן
שמואל יונה בר' אברהם משה גאלוש
דוד בר' אהרן גאָלדשטיין
פ. גרעססער
משה איסר בר' שמואל גרושינסקי
גודמאַן'ס מצה קאָ.
יעקב אליעזר בר' שלום אריה גאָלדשטיין,
ש"ץ ושו"ב
מאיר גרינבערג
יהושע זעליג בר' יצחק הלוי גאָרדאָן
יחיאל אליעזר בר' משה גארבער
מארעם בר' אברהם מרדכי גאָלדשטיין
יוסף בר' יצחק גאָלדשטיין
אהרן בר' יצחק אייזיק הלוי גלייך
יצחק בר' שמואל גרינבערג
שמריהו בר' צבי גאָלדמאַן
דוד בר' חיים גרינבערג
ד' גאָלדמאַן ובניו
יחיאל מיכל בר' חיים גורלאנד
ישראל איסר בר' יהודה גרינבערג
מרת ג"ל גאָלדען
חיים גאָלדשטיין, לייקוואוד
יוסף בר' אלכסנדר זיסקינד גוטענבערג
יצחק בר' בצלאל גראדבערג
צבי הירש בר' בצלאל גראדבערג

אהרן בר׳ ירוחם פישעל גליקשטיין
יעקב בר׳ ירוחם פישעל גליקשטיין
מר גוטטערמאן
שלום בר׳ ישראל גראטסקי
מר פ׳ גאָלדפארב
מר גאָלדסאנד, ברוקלין
מר גארבער, ברוקלין

ד

חנוך העניך בר׳ יצחק דזשייקאבס
מר חיים הלל בר׳ יצחק אייזיק דאינע
מר יצחק בר׳ שלמה בצלאל דאווידאוויטש
אהרן בר׳ יצחק דעמבע
משה בר׳ חיים אריה דובאָוו
מאיר בר׳ יצחק דן
שלום דוב דזשייקאבסאן

ה

מר העשל יצחק בר׳ שמעון ברך היילפערין
מר יואל בר׳ שמעון ברך הייל‍פערין
אהרן זעליג האָכשטיין
דוד משה בר׳ זלמן הלר
אברהם יצחק בר׳ יעקב הובערמאן
יהושע בן הרב ר׳ מאיר שמואל הלוי העננע
הוראוויטץ־מארגארעטען מצה קאָ.
משה היין
דובער בר׳ יחזקאל היימאן
מר יעקב הערמאן
מרת שרה האריס, בירמינגהאם, ענג.
מר מ׳ האָפמאן

ו

נחמן דוד בר׳ שמואל ווישניע
אברהם בר׳ חיים דוד וואקסבערג
מר אליעזר בר׳ צבי ווערבלאָווסקי
יצחק בר׳ אהרן ווינגדאר
זאב בר׳ דובער ווילענסקי
נחמן אליעזר בר׳ צבי וויים
אליהו בר׳ טוביה ווערניק

ישעיהו בר׳ טוביה ווערניק
מרדכי בר׳ טוביה ווערניק
לייבוש בר׳ לייבוש ווערניק
מרת גאָסי וויסאָלע
מרת רבקה בת ר׳ אברהם וויינבערגער
שרה ריינה בת ר׳ ירחמיאל וואלד
האח ם ווין
ס׳ וואָהלסטאטטער, ברוקלין
משה זאב בר׳ אברהם וואדאנאס
מר פ׳ וויינטראוב

ז

מר משה בר׳ אהרן זיסער
ישעיהו בר׳ משה זאהל שוחט
אהרן יעקב בר׳ נפתלי זוויק
אריה בר׳ יעקב זאמער
צבי מאיר בר׳ יעקב זאטלער
נחמיה זוקערבראום
שמואל בר׳ אריה זאלצמאַן

ט

משה יקותיאל בר׳ פלטיאל טשערווין שוחט
מר זלמן בר׳ אליהו שלום טאלער
סנדר בר׳ אליהו שלום טאלער
ישראל בר׳ יעקב טאלער
אברהם בר׳ שבתי טאפילאוו
חיים לייב בר׳ שבתי טאפילאוו
שלמה בר׳ שבתי טאפילאוו
אברהם אבא בר׳ שלמה טודער
זאב בר׳ שלמה טודער
נפתלי דובער טאוב
העררי בר׳ נתן טראם
נתן בר׳ אהרן טראם
ירחמיאל בר׳ אליהו הכהן טילים
שלמה בר׳ יצחק אייזיק טופאס
מרת חנה בת ר׳ אהרן זעליג טאָמאשינסקי
פסח בר׳ דוד הלוי טענענבוים
משה בר׳ שבתי הלוי טענענבוים
חנא בר׳ יהושע טאינסקי
מרת א׳ טאפינסקי, דזשוירזי סיטי
מר טש׳ טאמים, שיקאגאָ

כ

מר יעקב בר׳ יחיאל מיכל כהן
מר אהרן בר׳ יעקב כהן
מר בצלאל בר׳ יעקב כהן
מרדכי בר׳ אברהם כץ
מנשה בר׳ משה כץ
שרגא פייוויל בר׳ שרגא פייוויל כהן
מרת מאשע יענטע בת ר׳ יחזקאל אהרן כהן
בנימין כהן, ניו ראשעל

ל

מר צבי הירש בר׳ יעקב ליוויי
מר יחזקאל בר׳ חיים שמעון לאפצינסקי
מר משה בר׳ אברהם לינדער
פתחיהו בר׳ דוב לאם, ש״ץ ושו״ב
צבי בר׳ אלכסנדר זיסקינד ליוויי
דוב אביגדור בר׳ ישראל לעוויט
שלמה לעווין, שיקאגא
משה הערץ לאנדאן, ווינטראפ, מאסס.
יעקב לאמפערט, רעוויער, מאסס.
הענע בת ר׳ צבי ליפסקי
מרת פייגע בת ר׳ יוסף צבי הלוי לעוויט
מרת זלפה לאטנער, קאנאדע

מ

מתתיהו מאנדעלבוים
שמואל אליהו בר׳ יוסף אייזיק הלוי, מאנטשעסטער, ש״ץ ושו״ב
שלמה בר׳ אברהם יצחק מארוויד ש״ץ ושו״ב
מר דוד בר׳ יעקב הלווי מילער
מר משה בר׳ שלום יעקב הכהן מילער
יעקב בר׳ משה דוד מילער
יהודה לייב בהרב משה מאיר מאטלין
שמריהו בר׳ מרדכי מעלצער
יוסף יהושע בר׳ דוד מאליקאף
יצחק אייזיק בר׳ אברהם מאזור
מאנישעוויטץ מצה קא.
יצחק בר׳ ברוך מארעש

מאונטעטנדייל, נ. י.

ביהכ״נ דמאונטעטנדייל
מר בראנשטיין
מר גאלדשטיין
מר הילציק
מר וויינגער
מר וויינשטיין
מר יאפע
מר לאנגזאם
מר לייבאוויטש
מר ניימארק
מר קיטאים
מר ראטנער
מר שולץ, גבאי דביהכ״נ
מר שווארץ
מר א׳ מישקען
מר מ׳ מיללער, ברוקלין
מר ל׳ מאזע

נ

מר טודרוס בר׳ אברהם נאליטצקי
יעקב בר׳ דוד נוסבוים
מר נעלענשטיין, קאנ.
מר י׳ נאליטסקי

ס

מר מרדכי מאיר בר׳ אליהו סלאבאדקין, ש״ץ ושו״ב
מר אביעזר בר׳ אביגדור הכהן סיינעס
מר יוסף שלמה בר׳ שלום הלוי סעמיולס
מר מרדכי בר׳ לוי סאקאלאוו
ישראל בר׳ קלמן אייזיק הלוי סגל
יצחק בר׳ יוסף סאלאו
פסח בר׳ משה סיימאנס
מאיר בר׳ יהודה סווידערסקי
שלמה בר׳ זלמן זאב סילווערבערג
יצחק בר׳ זבולן סילווערמאן
שלמה בר׳ אברהם צבי סניטאווסקי
מר שלמה זלמן בר׳ מרדכי סטארפער
האחים סטאווסקי

הלל בר׳ אברהם סאקס
מרת גיטעל בת ר׳ ישראל סאפפעראמן
ש״ב דינה בת ר׳ אליעזר צבי סגל
מרת פעריל בת ר׳ יעקב סילווערבערג
מר מ׳ סאטיווטסקי, ניו יארק
מר סעם סאלאו
מר יעקב סאקאלאף

ע

מר משה אריה בר׳ יהושע ראובן עדעלשטיין
יחזקאל בר׳ אברהם לייב עלטערמאן
ישראל בר׳ שמואל יוסף עלגראד
מר א׳ ג׳ עפשטיין, ניו יארק

פ

טוביה בר׳ שלמה זלמן פיינבערג
שמעון אליעזר פריים, ש״ץ ושו״ב
מר חיים נחום בר׳ אברהם פאליטינסקי
מר משה מרדכי בר׳ אברהם פאלימינסקי
מר יצחק יעקב בר׳ ברוך פלאט
לוי יצחק בר׳ אליעזר פארישעווסקי
משה פאדווע
מרדכי בר. שמעון פאזנאק
שמחה בר׳ יעקב יוסף פריוומאן
מרת שרה פארטוגאל לאנדאן
מר קלמן פאסטאן
משה בר׳ יצחק פריים
גרשן פאמעראנץ
מר דוד פיינבערג
שמואל בר׳ יוסף בנימין פרידמאן
יעקב מאיר בר׳ יוסף בנימין פרידמאן
שמואל בר׳ מנחם מענדיל פליהער
משה בר׳ פנחס פאגעל
יוסף פעלדמאן
שלמה פרידמאן
לייב זיסעל בר׳ אליעזר פייער
מר אברהם פישער
מר א׳ פראנק
מרת ל׳ פיקער
מר אברהם פעננער
מר פ׳ פינקעלשטיין
מרת אסתר פראנק
מר א״מ פייערסטאן
מר שמואל יהודה בר׳ יחזקאל פאריש

ק

מר עזריאל צבי בר׳ יוסף אריה הכהן קליין
מר שלום בר׳ אשר זעליג קעניגסבערג
יצחק בר׳ ליפע קאפלאן
חיים שניאור זלמן בר׳ משה אליעזר הלוי קריימער
נח אהרן בר׳ ברוך אייזיק קרעמער
קלמן בר׳ יהושע קליין
אריה זאב בר׳ שלמה קלוגמאן
שלמה בר׳ יצחק הכהן קאפלאן
דוד בר׳ שמעון קורטץ
ישראל בר׳ אברהם קויפמאן
סנדר בר׳ אברהם קויפמאן
אפרים בר׳ יצחק אייזיק הכהן קאלטינאק
אליהו בר׳ יצחק קרוגער
אהרן בר׳ אריה קאמינאוויטש
חיים זלמן מנחם בר׳ פסח קורשאן
ישראל בר׳ מנחם מענדיל קאפלאן
דוד בר׳ אברהם צבי קראנגעלב
דובער בר׳ אהרן קאטצען
מר שמעון בר׳ אליעזר קאפילאוו
מאיר קעפיטץ, שוחט, דעטראיט
מר ס׳ קליינבערג, וואודרידזש
מר מ׳ קויפמאן
מר שמעון בר׳ אליעזר קאפילאוו
מר יעקב קרילאוו
מר דוד קאסאוער
מר שמואל נחום מר׳ יצחק אייזיק קאן
מר סאל. קראושנער

ר

חיים בר׳ שאול יצחק ראזענבערג
משה בר׳ זאב רעזניק
קלמן בר׳ ירחמיאל רובין
מר שמואל רודנער, קאנ.

רוקח קא.
דובער בר׳ מרדכי ראזדייטשער
משולם בר׳ נח ראקאף
אברהם בר׳ ישראל רעכטשאפנער
יוסף ריפקין, ש״ץ ושו״ב
חנה בת ר׳ אברהם ריפס
א׳ ראזענבערג נ״י
יואל בר׳ ישראל חיים ראזמאן
דזשוליום ראוז
מנחם מענדיל בר׳ בנימין ראגערס
מר הערדי קאר

ש

מר אפרים בר׳ יחזקאל הכהן שילינג
חיים בר׳ יחזקאל הכהן שילינג
יוסף בר׳ יחזקאל הכהן שילינג
ברוך בר׳ משה שיר
אלחנן בר׳ יחזקאל שוויי
יעקב שטורץ
אריה לייב בר׳ ירמיהו שליינגער
מנחם בר׳ דובער שולמאן
יהודה בר׳ יצחק שעדלען
יעקב שאליט
מרת ד׳ שאכעט
רבקה בת ר׳ מאיר לייב שאפירא
טויבע בת ר׳ ישראל שאפירא
מר קלמן נחום שופר
מר שולמאן, ניו יארק
האחים שולמאן, בעיאן
מר נ׳ שליידער
מר דוד שניידער

דאנקזאגונג

צום ענדע פון מיין ספר געפין איך פאר מיין פליכט אויסצודריקען מיין הערצליכען דאנק צו מיין פריינד זאב וואדאנאס, דעם דרוקער פון דיזען ספר, פאר זיין גרויסער מיהע, באנוצענדיג זיינע טעכנישע פעהיגקייטען צו מאכען דעם ספר שעהן און פראכטפול אין זיין אויסערליכען אויסזעהן און אויסהיטען פון דרוק־פעהלערן ווי ווייט מעגליך, ווי דער לעזער קען זעהן.

המחבר.

לזכרון עולם

שמות האנשים קוני ספרי דרשות מהחיים והטבע ששבקו חיים לכל חי.

ר' אלכסנדר זיסקינד בר' שמחה יהודה פעלדמאן ע"ה.

ר' משה גאָלדבערג ע"ה.

ר' ברוך בר' חיים יצחק מארשאק ע"ה.

ר' משה אייזיק בר' מאיר קאָבאנסקי ע"ה.

ר' יעקב בר' אברהם יצחק קעצול ע"ה.

ר' אריה לייב בר' משה שאול ראָזענבלום ע"ה.

ר' ראובן בר' מרדכי גאָלדבערג ע"ה.

י' בר' מרדכי גאָלדבערג ע"ה, ניו הייווען.

ר' אברהם בר' אליהו הכהן טילים ע"ה.

מרת מיכלע טאוב ע"ה.

ת נ צ " ב ה.

וכן יזכרו לטובה: דודי ר' יעקב מאליאן ורעיתו, היא דודתי לאה בת ר' יהודה זאב ע"ה.

דודי: ר' יצחק בר' אליעזר צבי אָפּפּענהיים ע"ה.

דודי: ר' יוסף בר' אליעזר צבי אָפּפּענהיים ע"ה.

דודי: ר' אברהם בר' אליעזר צבי אָפּפּענהיים.

דודי: ר' משה בר' אליעזר צבי אָפּפּענהיים.

ודודי ר' פּריץ בן הגאון המפורסים ר' חיים סג"ל זצ"ל, הנודע בשם ר' חיים ראצקער — או יאנעווער, מחבר ספר שו"ת אורח לחיים על די חלקי שו"ע.

ת נ צ " ב ה.

תוכן הענינים

הקדמה:

אַן עצה טובה לדרשנים 8

דרוש א׳:

די שפּראַך פון בי״ת. לפ׳ בראשית 15

דרוש ב׳:

מלכיות, די רעזערוו-אַרמעען. לפ׳ בראשית ולראש השנה 32

דרוש ג׳:

חשיבת התורה. לפ׳ בראשית 55

דרוש ד׳:

אָפּטימיזמוס וועגען אדם-מענשהייט. לפ׳ בראשית ולפ׳ נח 59

דרוש ה׳:

די שריפט אויפ׳ן וואַנד קעגען הענגלייכטער. לפ׳ בראשית 70

דרוש ו׳:

דעם מענשענס פנים. לפ׳ בראשית, לפ׳ תשא, לפ׳ נשא,
ולראש השנה, לתק״הש 86

דרוש ז׳:

די זון און די לבנה. לפ׳ בראשית, ולבר מצוה 110

דרוש ח׳:

דער וועלט׳ס ערשטע בר מצוה דרשה. לפ׳ בראשית,
ולבר מצוה 114

דרוש ט׳:

די צוויי בינטלאך האָלץ. דער סוד פון ערפּאָלג אין לעבען.
לפ׳ בראשית, לחתונה 116

דרוש י׳:

אונזער מוטער שרה׳ס שעהנקייט. לפ׳ לך, לחתונה . 120

תוכן הענינים

דרוש י"א:

לוט דער ערשטער רעפארמער. לפ' לך 129

דרוש י"ב:

לוט דער צבוע'יאק. לפ' לך ולפ' וירא 143

דרוש י"ג:

די אידישע פרוי. לפ' לך, לחינוך ולחתונה 161

דרוש י"ד:

דער שומרים ארדען. לפ' וירא, ולבר מצוה 176

דרוש ט"ו:

די טראפיק-לייטס סיגנאלען. לפ' וירא, לבר מצוה,
ותוכחת מוסר לימים נוראים 179

דרוש ט"ז:

לוט דעם צבוע'יאקס שטראף. לפ' וירא, לפ' לך . . . 196

דרוש י"ז:

דער בלוי-געפארבטער פוקס. לפ' וירא 211

דרוש י"ח:

באור יפה בפסוק. לפ' וירא 227

דרוש י"ט:

א רפואה צו דעפרעסיע. ליום הכיפורים. אפיעל לצדקה 230

דרוש כ':

מאי קא משמע לן הטעלעפאן? ליום כיפורים. אפיעל לצדקה 241

א פאר ווערטער צו פריינד און פאטראנייזער פון תורה, לומדי
תורה, און מחברים פון ספרים 257

שמות האפראנומעראנטען 261

מ ו ד ע ה.

מען קען נאָך ביי מיר באקומען מיין ערשטען ספר

דרשות מהחיים והטבע

פאָפולערע דרשות פון לעבען און נאַטור.

פרייז $1.50, פאַר די וועלכע קויפען דעם ספר **חזיונות הסבא**
בלויז $1.00 מיט פאָרטא.